STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06535

LEGENDN UN MAYSELAKH

Hayim Goldblum

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ארויסגעגעבן פון

ל. א. אידישן קולטור קלוב

לאס אנגעלעס, קאליפ.

1935

אינהאַלט פאַרצייכעניס

אַביסעלע זכרונות — — — — — — — — — — — — — — — — 5
פאַרזוך צו עפענען אַ מאָדערנע אידישע שול — — — — — — — — — 17
„שמאי". עפּיזאָד פונם עקסטערן לעבן — — — — — — — — — 24

לעגענדעס פון מיטלעלטער:

די גאָלדענע עפּאָכע — — — — — — — — — — — — — — — 42
לעגענדע פון רמבם'ס געבורט — — — — — — — — — — — — 43
דאס מעסער דערלאַנגט ניט זיין ברוסט — — — — — — — — — 46
רמבם און דער ברענענדיקער קאַלך אויוון — — — — — — — — — 50
דעם רמבם און זיין שטומער תלמיד — — — — — — — — — — 58
דער רמבם און אריסטו — — — — — — — — — — — — — — 42
די וואונדערלאַכע רפואה — — — — — — — — — — — — — 69
שלמה אבן גבירול און דער פייגנבוים — — — — — — — — — — 74
רשי (רבי שלמה יצחקי) — — — — — — — — — — — — — — 80
רשי'ס שותף אין גן עדן — — — — — — — — — — — — — — 81

יום־טוב מעשיות:

דיינו — 88
אַ בריוו צו גאָט — — — — — — — — — — — — — — — — — 98
פריץ, מאַלפּע און איד — — — — — — — — — — — — — — — 106
עלילת דם — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 112
די וואונדערלאַכע רייזע — — — — — — — — — — — — — — 116
באַם זיידן אויף חנוכה — — — — — — — — — — — — — — 123
טייבל ראַטעוועט המן'ס קינדער (פּורים מעשהלע) — — — — — 131

נאַטור וויסנשאַפטלאַכע פאַנטאַזיעס:

פאַלנדיקע שטערן — — — — — — — — — — — — — — — — 137
אַ שפּאַציר אין ים — — — — — — — — — — — — — — — — 169
זייד ווערים — — — — — — — — — — — — — — — — — — 183

הינטער דער פאַרשלאָסענער טיר — — — — — — — — — — — — 189

קינדער מעשה'לאך:

קעצעלאך — 198
דאס טשיקאַווע אינגל — — — — — — — — — — — — — — — 184
פּערעלע זיבניערעלע — — — — — — — — — — — — — — — 204
גוטע קינדער — — — — — — — — — — — — — — — — — — 213
דאס מוטיקע אינגל — — — — — — — — — — — — — — — — 219



חיים גאָלדבלום

במקום הקדמה

פילע וועלן זיך זיכער אָפּשטעלן אַפן ערשטן אַרטיקל פונם בוך „אַביסעלע זכרונות". דאָס איז, נאָך מיין מיינונג קעגן דער עטיק פון שרייבער. מיר געפינען דאָס זעלטן בא שוין גוט באַוואוסטע שריפטשטעלער, וועלכע האָבן הינטער זיך אַ פאַרגאַנגענהייט און האָבן שוין פאַרדינט דעם צוטרוי פון די לייענער, מכל שכן באַ „אָנפאַנגער"...

אייניקע פון מיינע חברים אָבער, פאַר וועלכע איך האָב דאָס פּאָרגעלייענט, האָבן מיר געראָטן איך זאָל עס יאָ אריינשטעלן אין בוך. ערשטנס, גיבן די זכרונות אַ געוויסע באַלייכטונג צו אייניקע אַרבעטן מיינע וואָס גייען אריין אין בוך. צווייטנס, געפינען זיך אין מיינע זכרונות אַ פּאָר עפּיזאָדן, וועלכע האָבן אַ קולטור היסטאָרישן ווערט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אידיש־וועלטלאַכער שול. איך האָב דערפאַר באַשלאָסן אַביסל צו זינדיקן קעגן דער עטיק. און אויב עס קומט מיר אַ שטראָף, וועט שוין מסתם די קריטיק ניט פאַרשווייגן (אויב זי וועט בכלל געפינען פּאַר וויכטיק צו קריטיקירן).

אינם צוזאַמענשטעל פון בוך, האָב איך געפונען פּאַר נויטיק עס איינטיילן אין פאָלגענדיקע אָפּטיילונגען: 1) לעגענדעס פון דער מיטלאַלטער — פון דער שפּאַניש־אַראַבישער עפּאָכע, 2) יום־טוב לעגענדעס און מעשות, 3) וויסנשאַפטלאַכע פּאָפּולאַריזאַציעס אין דער פּאָרם פון דערציילונגען (די דאָזיקע 3 אָפּטיילונגען זיינען פאַר דערוואַקסענע ווי אויך פּאַר עלטערע קינדער). 4) מעשות און מעשה׳לאַך (דאָס איז פאַר עלטערע און קלענערע קינדער).

עס איז כדאַי צו באַמערקן, אַז צוליב געוויסע סבות (וואָס זיינען ווארשיינלאַך אַלעמען באַקאַנט) איז פאַרבליבן אַ היבש ביסל וויכטיקער מאַטעריאַל, וואָס איז ניט אריינגעגאַנגען אין בוך, ווי: די פּערסישע מעשות „טויזנט און איין טאָג", „די וואונדערלאַכע פּאַסירונגען פון באַראָן פאָן מינכהויזן", „די בין" באַארבעט נאָך

באסטראם און פילע אַנדערע. אייניקע פון מיינע חברים, וועמען עס איז באַקאַנט מיין אַרבעט, ראַטן מיר אַז איך זאָל דאָס איבער־געבליבענע אַרויסגעבן אין קליינע בראָשורן צו 5 אָדער 10 סענט אַ ביכעלע. בײַ דער ערשטער מעגלאַכקייט וועל איך עס זיכער טאָן.

איך האָף, אַז דאָס בוך וועט נושא חן זיין אין די אויגן פון די לייענער, באַזונדערס בײַ די לערער.

לאָס אַנדזשעלעס, דעם 25טן מאַי, 1935.

אביסעלע זכרונות

בן שבעים אנכי — טאקע א גאנצער זיבעציקער! דאס איז א פעריאד פון א מענטשנס לעבן. און אפשר א גאנץ וועלטל. כל אדם עולם קטן בפני עצמו — יעדער מענטש איז זיך א וועלטל פאר זיך אליין. געבוירן געווארן — א וועלטל באשאפן געווארן. אוועק ... — דאס וועלטל איז חרוב געווארן. נו, ווילט זיך טא־קע א בליק טאן אויף צוריק — טאקע צו בריאת העולם, וואס פאר א צאצקעדיק וועלטל עס איז דא באשאפן געווארן, וואס פאר א תכשיט איז עס דא אנגעקומען?

ערשטנס זייט ווסן רבותי, אז מיין נאמען איז חיים. וועט איר אודאי מיינען אז איך היים עפעס נאך א זיידן אדער נאך אנאנדער קרוב פון אונזער משפחה. האט איר ניט געטראפן. ווען מיין נאמען האט מיין טאטע מיר דערציילט אזא געשיכטע: פאר מיר זיינען געווען 4 מיידלאך — 4 וועלטעלאך. און אלע האבן זיך נעבאך ביסלאכווייז אפגעטראגן אהינצו, ערגעץ אויף א יענער וועלט — א בעסערע — זאגט מיין טאטע. איז ער געפארן צו זיין רבין, דעם טריסקער צדיק, ז"ל, וועמעס חסיד ער איז געווען — און האט פאר אים אנגעהויבן צו וויינען און קלאגן: היתכן רבי, פארוואס קומט עס מיר אזוי מבייש צו זיין? אפשר האב איך מיט עפעס געזינדיקט — זאגט מיר, וועל איך תשובה טאן. האט הייסט עס דער טריסקער צדיק פארנומען מיין פאטערס געבעט און האט אים אזוי געזאגט: דו פאר אהיים און איבער א יאר, אם ירצה השם, וועט דיין פלוניתטע וועט דיר געבוירן א בן זכר, זאלסטו אים א נאמען געבן „חיים", דאס מיינט „לעבן". איך וועל דא גאט בעטן פאר אים און ער, דיין בן זכר חיים וועט דיר לאנג לעבן און וועסט אים נאך זוכה זיין צו מגדל זיין לתורה, לחופה ולמעשים טובים.

אביסל איז טאקע פון דעם רבינס ברכות מקוים געוואָרן.
איר זעט דאָך אליין: דאָס בין איך דאָך דער תכשיט וואָס הייסט חיים און דערלעבט צו ווערן אַ בן שבעים.

און אז איר ווייסט שוין יאָ אַז איך בין געבוירן געוואָרן, מוז איך אייך שוין דערציילן אַז איך בין געבוירן געוואָרן אין אוסטראה, וואלין אין תרכ"ה — 1865 (אזוי האָט מיר מיין טאַטע דער־ציילט). מיין פאָטער איז געווען אַ דאמען־שניידער, אָבער אַ איד אַ למדן און זייער אַ פרומער.

איר וואָלט באַדאַרפט זען, ווי מיין פאָטער פלעגט אַ יעדן שבת פאר מנחה אין קראסנאגירער בית המדרש לערנען מיט אַ עדה אידן עין יעקב, משניות און אָפטמאָל — אַ שטיקל זוהר. גאָט און לייט האָבן אָנגעקוועלט. און איך אויך בתוכם. איך געדיינק עס גאַנץ גוט. אַז מיין פאָטער איז געווען אַ חסיד — דאָס ווייסט איר שוין פון פריער. ער איז אָבער ניט געווען ענ־לאך צו פילע אנדערע חסידים, באַ וועמען נאר—זייער רבי איז היי־ליק און דעם אַנדערנס רבי איז גאָרנישט. מיין פאָטער פלעגט זאָגן אַז יעדער רבי, אבי ער איז נאָר אַ בעל תורה, איז ער שוין הייליק. און עס האָרץ האָט מיין פאָטער פיינט געהאט בתכלית השנאה מעג מען אים האַלטן פארן גרעסטן הייליקן. ער פלעגט דערפאר זיך אָפט דערלויבן צו דערציילן מתנגדישע און אפילו משכילישע מעשה׳לאך, וועלכע פלעגן אָפלאַכן פון די גוטע אידן.*
ער פלעגט זיך אַ סך אָנדערציילן פון הר׳ אהרעלע קארלינער, ווע־מעס, ווי ער פלעגט דערציילן, ער איז געווען אַ ווייטער קרוב און האָט טאקע נאָך אים געהייסן אהרן ליב. אָבער גערופן האָט מען מיין פאָטער „אַלטער קישינעווער". מיין מאַמע חנה מירל איז געווען אַ שטילע גוטע פרוי, נישט קיין געזונטע. זי פלעגט קוקן

---

* ער פלעגט אָפטמאָל זאָגן: „ניט יעדער גוטער ברודער איז אַ ברודער, און ניט יעדער גוטער איד איז אַ איד". אָדער: „אַ גוטער איד קען אַמאָל זיין אַ נישט גוטער אויך"...

אויף איר מאַן, מיין פּאָטער, ווי אויף אַן הייליקן און פלעגט זיך מקריב זיין פאַר די קינדער. קיין גביר איז מיין טאַטע ניט געווען, אָבער איז שטענדיק געווען אַ בעל צדקה און מכניס אורח איבער זיינע כוחות. זעלטן געווען אַ שבת באַ אונז אָן אַן אורח באַם טיש. און אַמאָל 2 אורחים.

מיין פּאָטער האָט שטענדיק געחלומט מיך צו מאַכן פאַר אַ רב, מורה הוראה. ער פלעגט שטענדיק איינפלאַנצן אין מיר אַ געפיל פון לערנען יענעם, „אויב איינער פארמאָגט עפּעס אין זיך — פלעגט ער טענהן — אויב איינער קאָן לערנען, איז דאָס אַ גרויסע עבירה עס ניט איבערגעבן צו די אַנדערע וואָס נויטיקן זיך אין דעם. „אַל תעשיה קרדום לחפור בה” (מאַך ניט די תורה פאַר אַן אינסטרומענט צו פאַרדינען געלט) איז באַ אים אַלע מאָל געווען הייליק.

מיין פּאָטער פלעגט זייער שיין דערציילן פאָלקס מעשיות און לעגענדן, וועלכע זיינען באַ אים געווען אַן אומדערשעפּלאַכער קוואַל. אַמערסטן האָב איך איינגעזאַפּט אין זיך די מעשיות, וואָס מיין פּאָטער פלעגט דערציילן פסח באַם סדר. (אַ גרויסע טייל פון זיי זיינען פון מיר באַארבעט אין דעם דאָזיקן בוך, ווי „דיינו”, „אַ בריוו צו גאָט” און אנדערע).

דאָס ערשטע וואָס איך געדיינק זיך איז, ווען מ'האָט מיך אריינגעגעבן אין חדר צום דרדקי מלמד. איך בין דעמאָלט אַלט געווען 3 יאָר. צו 5 יאָר האָב איך אָנגעהייבן חומש. 7 יאָר אַלט בין איך שוין געווען באַ אַ גמרא מלמד און געלערנט „שור שנגח את הפרה”.

איך רעכן פאַר ניט נויטיק צו באַשרייבן אַלע איינצעלהייטן פון מיינע יונגע יאָרן. זיי זיינען כמעט ענלאַך צו טויזענטער אַנ־דערע לעבנס, וואָס זיינען שוין פיל מאָל באַשריבן געוואָרן. איך וויל נאָר באַמערקן אַז ביז 10 יאָר אַלט האָב איך געלערנט באַ פאַרשידענע מלמדים, נאָכדעם האָב איך אָנגעהייבן לערנען אין בית המדרש אונטער דער השגחה פון לומדים און רבנים.

צו מיין בר מצוה — געדיינק איך — האָט מיין טאַטע גע־מאַכט אַ גרויסע סעודה, פאַרופן פילע לומדים פונם בית המדרש, וועלכע האָבן באַוואונדערט מיין דרשה, וואָס איך האָב געהאַלטן. די דרשה האָב איך אַליין צוזאַמענגעשטעלט און לאַנג נאָך דעם האָט מיין פאָטער דערפון גערעדט. ביז 15 יאָר אַלט האָב איך געלערנט תלמוד, מדרש, שך און אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס זיינען נויטיק פאַר אַ זון פון פרומע און חסידישע עלטערן. מיין פאָטער זעלבסט פלעגט מיט מיר יעדן פרימאָרגן לערנען חק, וואָס איז באַ־שטאַנען פון זוהר, חומש, פסוק און אַנדערע זאַכן. איך געדיינק, איך האָב שטענדיק געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג צו לערנען יענעם. עס זעט אויס, אַז נאָך דעמאָלט, אין מיין פריער יוגנט האָב איך שוין געהאַט אין זיך דעם גייסט פון אַ לערער (אָדער מלמד, ווי איר ווילט...) און זיי האָבן שוין געוואוסט, די בית המדרש'ניקעס, אַז עפּעס מיט אַ שווער שטיקל מהרש"א, אָדער אַ פאַרפּלאָנטערטע סוגיא אין גמרא גופא, האָט מען באַדאַרפט אָנקומען צו חיים אלטער קעשענעווער'ס (אַזוי האָט מען מיך גערופן).

איך בין געווען אַ מאמין אַזוי ווי מיין פאָטער. בלינד גע־גלויבט אין אַלעס וואָס מיין פאָטער האָט אין מיר פאַרפּלאָנצט.

אַ פּאָר עפּיזאָדן וואָס איז מיט מיר פאָרגעקומען אין יענער צייט האָבן אריינגעבלאָזן אַ רוח ספקות אין מיין קינדערשן גלויבן: דער ערשטער עפּיזאָד איז, וואָס איך האָב איינמאָל, אַפן באַפעל פון מיין פאָטער בייגעוואוינט דעם אַקט פון שחיטה, ווי אַזוי אַ שוחט האָט געקוילעט אַן אָקס (איך בין אַלט געווען אַ יאָר 15 און האָב זיך דעמאָלט צוגעגרייט צו ווערן שוחט). צוזעענדיק די שרעקלאַכע גסיסה־ליידן פון דער אומשולדיקער בהמה און די קאַלטבלוטיקייט פונם שוחט, ווי ער מאַכט נאָך אַ ברכה איבער דעם ברוטאַלן אַקט, — דאָס האָט אויף מיר אַזוי מורא'דיק געווירקט, אַז איך בין עט־לאַכע טעג נאָכדעם געלעגן קראַנק. דאָס האָט אַביסל צעטרייסלט מיין נאַאיוון גלויבן. עס איז מיר געקומען אַפן געדאַנק די קרבנות, עקידת יצחק, גאָטס באַפעל צו פאַרניכטן די זיבן פעלקער. און עס

איז מיר אַ וואונדער געווען וואָס איך האָב דאָס ביז איצט ניט באַ־מערקט. איך האָב עס געפרעגט אן עלטערן אידן אין בית המדרש, איך האָב אָבער באַלד חרטה געהאט דארויף. אנשטאָט אן ענטפער, האָט ער מיך גוט אָפּגעשייגעצט און האָט נאָך דערציילט מיין פאָ־טער אַז איך טראָג זיך ארום מיט אַפּיקורסישע געדאנקען. מיין פאָטער האָט נאָך דעם מיט מיר געהאט אַ שמועס, וועלכער האָט זיך געענדיקט מיט אַ פּאָר געשמאַקע פּעטש.

איך האָב באַשלאָסן צו שווייגן און אליין, דורך זוכן און פאָרשן, אויסצוגעפינען דעם אמת. איך האָב זיך אָנגעהייבן צו פארטיפן אין מורה נבוכים, העקרים, חובת הלבבות, הכוזרי און אַנדערע חקירה ספרים, וואָס האָבן זיך געפונען אין בית המדרש. עס האָט מיך אָבער ניט צופרידנגעשטעלט, פארקערט, עס האָט נאָך פארגרעסערט אין מיר די ספקות. עס זיינען מיר אפן געדאַנק גע־קומען די ספרים חצונים, פון וועלכע איך האָב זיך אזוי פיל אָנגע־הערט, איך האָב אָבער מורא געהאט אפילו אַ טראכט צו טאָן פון זיי. איך האָב דאָך געגארט אַמאָל אריינצוקוקן אין איינעם פון זיי.

אַ צווייטער עפּיזאָד, וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר אין בית המדרש, האָט אַ קירעווע געטאָן מיינע געדאַנקען אין גאָר אן אַנדער זייט, עס האָט זיך געענדערט מיין גאַנצער לעבנסבליק.

איינמאָל זיץ איך אזוי אין בית המדרש פאַרטיפט אין דער גמרא. עס זיינען דאָרט געווען נאָך אייניקע יונגע בחורים, יונגע לייט און עלטערע אידן. יעדער האָט זיך אויף זיין שטייגער שטי־לערהייד געלערנט און צוגעזונגען מיטן באַוואוסטן גמרא ניגון, וואָס פלעגט דיך אָפּט אַוועקטראָגן אין ווערלטן ווייטע, פאַנטאַסטישע. אָט יענע בית המדרש טעג זיינען נאָך עד היום איינגעבאַקן בא מיר טיף אין הארצן און ניט זעלטן רופן זיי ארויס אַ שטאַרקע בענקע־ניש נאָך עפּעס אומבאַוואוסטעם. ניט ווייט פון מיר איז געזעסן אַ יונגער מאן, וועלכער האָט אָנגעהייבן אריינצוקומען צו אונז אין בית המדרש ערשט מיט אַ 3-4 וואָכן צוריק. ער פלעגט אריינקומען אַ יעדן נאָכמיטיק און לערנען ביז מנחה. זיין ניגון איז עפּעס גע־

ווען באַזונדער טרויעריק־זיס. האָט ער זיך מיט זיין שטילער שיי־נער שטימע צעזונגען, האָב איך שוין מער ניט געקאָנט לערנען. איך פלעג דאַן אריינקוקן אין ספר און מיט פארגעניגן זיך צוהערן צו זיין זינגען, וועלכע איז געווען פול מיט בענקעניש, פול מיט מתיקות. דאָס מאָל זיץ איך אזוי און לערן, פלוצלינג הער איך עפּעס אַ קלאַפּ פון אַ ספר, וואָס איז ארונטערגעפאַלן. איך קוק מיך אום — דער יונגערמאַן הייבט אויף דאָס ספר, ארומקוקנדיק זיך מיט אַן אויסדרוק פון שרעק צי קוקט ניט אימעצער, רוקט עס ארונטער אונטער זיין קאַפּטן און לערנט ווייטער. עס איז מיר באַלד ארויפגעקומען אַ געדאַנק: צי איז ער ניט פון „יענע" און צי איז ניט דאָס ספר פון די „ספרים חיצונים?" איך האָב אומ־ווילִיק אָנגעשטריינגט מיינע אויגן אויף יענעם יונגן מאַן. ער האָט — זעט אויס געכאַפּט מיין בליק. ער איז אַביסל רויט געוואָרן. ער האָט זיך באַלד אויפגעהייבן און ארויסגעגאַנגען. איך בין, עפּעס ניט וויסנדיק אליין פארוואָס, אים נאָכגעגאַנגען. אין פאַליש האָבן מיר זיך באַגעגנט. איך ווייס ניט וואָס מיט מיר איז דער־מאָלט פארגעקומען, איך האָב עפּעס אָנגעהייבן צו אים צו שטאַמ־לען: „ספרים חיצונים", „טריף פּסול'ן". און אין מיין קאַפּ האָט זיך געפּלאָנטערט אַ געדאַנק: „אַז פון דעם אַ אפּיקורס וועל איך עפּעס קאָנען דערגיין. ער האָט מיך שווייגנדיק באַקוקט פון אויבן אראָפּ. —ער האַלט מיך פאַר אַ צודולטן — האָב איך אַ טראַכט געטאָן און האָב פארשעמט אראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט, ווייזט אויס, געכאַפּט מיין געדאַנק.

— קום — האָט ער זיך אָנגערופן — ווילסט ארויסגיין אַביסל אין גאַס? מיר זיינען ארויסגעגאַנגען. ער האָט מיך דאָס ערשטע איבערגעפרעגט ווי לאַנג איך לערן אין בית המדרש און וואָס איך לערן. איך האָב אים, אָנפאַנגס, געענטפערט ניט דרייסט, אָבער ביסלאכווייז האָב איך זיך צעוויגט און דערציילט פאַר אים איינ־גאַנצן וואָס בא מיר איז אָפּן הארצן געלעגן. איך האָב אויך ניט אויסגעמיטן דעם פאַל אין בית השחיטה און מיינע צווייפלען. ער

האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט. ווען איך האָב געענדיקט, האָט ער פריינטלאַך געדריקט מיין האַנט און האָט אָנגעהייבן צו רעדן צו מיר אַזוי זאַכט און ווייך אַזוי ווי אַ פאָטער צו זיינס אַן איינאונאיינציק קינד. ער האָט מיר דערציילט אַז חוץ די ספרים וואָס געפינען זיך אין בית המדרש געפינען זיך נאָך פילע אַנדערע ספרים, אין וועלכע עס געפינען זיך אויך אַנדערע חכמות.

ס׳איז אַ טעות — רעדט ער ווייטער — וואָס מע רופט זיי „ספרים חיצונים“. זיי זיינען אויפקלערונג ספרים. זיי דערקלערן די אומפאַרשטענדלאַכע פראַגן פון לעבן. זיי הייסן ספרי־השכלה. און די, וועלכע האָבן געשריבן די דאָזיקע ספרים הייסן משכילים: אויפקלערער. ער האָט מיר אָנגערופן נעמען, ווי: יצחק בער לעווינזאָן, גאָטליבער, מאַפו און אַנדערע. ער האָט ארויסגענומען אַ ספר׳ל פון אונטער זיין קאַפּטן און האָט עס מיר געגעבן איך זאָל דאָס איבערלייענען. ער האָט מיר מיט אַ שמייכל אויפמערקזאַם געמאַכט אַז איך זאָל דערוויל זיין פאָרזיכטיק מיטן ספר׳ל, קיינער פון בית המדרש און מיין היים זאָל דאָס ניט באַמערקן. פאַרוואָס? דאָס וועל איך דערנאָך פאַרשטיין.

מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָב איך געכאַפּט בײַ אים דאָס ספר׳ל און באַהאַלטן אונטער מיין קאַפּאָטע. ער האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט אַז עס איז שוין נאָענט צו מנחה און דאַרף גיין צוריק אין בית המדרש. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ פראַגע, ער האָט באַלד איבערגעלייענט מיין געדאַנק און האָט מיר געענטפערט, אַז ער וועט ניט גיין צו מנחה, ער דאַרף ערגעץ אַנדערש גיין... איך האָב זיך דערמאָנט אין „אחר׳ן און ר׳ מאיר׳ן“.

איך האָב זיך אומגעקערט צוריק אין בית המדרש. דער עולם האָט שוין טאַקע אָנגעהייבן מנחה דאַווענען. בײַ מיר האָט שוין די „מנחה“ עפּעס קיין טעם ניט געהאַט. מיינע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען מיטן סודותפולן ספר׳ל, וואָס האָט מיך געבריט ווי מיט הייסע קוילן. איך האָב מיט אומגעדולד שוין דערוואַרט

ביז נאָך מעריב און אונטערן אויסרייד, אַז דער קאָפּ טוט מיר ווײ, בין איך גלייך אהיים געגאנגען. מיין מוטער האָט מיך אומרואיק באַגעגנט, זי איז נישט געוואוינט מיך זען אזוי פרי אין דערהיים. איך האָב איר געזאָגט אַז איך פיל ניט גוט. זי האָט מיר באַלד אויסגעבעט אין מיין צימער, מיך איינגעדעקט און געוואָלט פאַר־לעשן דאָס ליכט. איך האָב איר אָבער געבעטן זי זאָל לאָזן ברענען דאס ליכט און מיר דערלאַנגען דעם מדרש רבה, איך האָב איר אָנ־געוויזן וואו דאָס ספר געפינט זיך. פארלאָזנדיק דאס צימער האָט זי מיר געווארנט ניט פארגעסן אויסצולעשן דאס ליכט ווען איך וועל אָפּלייענען קריאת שמע. בלייבנדיק אליין האָב איך ארויס־געכאפּט דאס ביכל פון אונטערן קישן. מיט אַ ציטער האָב איך עס געעפנט. דער נאָמען פון׳ם ספר׳ל איז געווען „תעודה בישראל״ פון יצחק בער לעווינזאָן. צום אָנהייב האָב איך עפּעס ניט אזוי פארשטאַנען. די שיינע העברייאישע שפּראַך איז אַביסל געווען פרעמד צו מיר. אָבער ביסלאכווייז האָט עס מיך אָנגעהייבן אזוי פאראינטערעסירן אַז איך האָב שיר ניט פארגעסן אַז איך האַלט אַ „טריף פּסיל״ און איך וואָלט גארניט גוט אָפּגעשניטן ווען מע פּאַקט מיך דערמיט. דאָס ספר באַהאַנדלט פילע שטעלן אין תלמוד, עס באַהאַנדעלט די מצוות מעשיות און די מצוות התליות בארץ. די מצוות וועלכע זיינען אפּהענגיג פון אן אייגן לאַנד. און באַהאַנדלט דאס אלעם אזוי קלוג, אזוי שארפזיניק אַז איך האָב זיך פשוט גע־וואונדערט פאַרוואָס מע רעכענט עס צווישן די „ספרים חיצונים״. דאס ספר האָט מיר געעפנט די אויגן אויף פילע טעמים פון „לא תעשה׳ס״ ווי שעטנז און כלאים און אַנדערע.

איך האָב דערהערט אַ שאַרף לעבן דער טיר. איך האָב אינ־סטינקטיוו ארונטערגערוקט דאס ספר׳ל אונטערן קישן און גע־כאַפּט דעם מדרש. און אזוי ווי דאס הארץ האָט מיר געזאָגט: מיין פאָטער איז אריינגעקומען. צוגעקומען צום בעט, אַ טאַפּ געטאָן מיין קאָפּ מיט די ווערטער: וואָס איז מיט דיר פּלוצלונג ?„ ס׳איז מיר גארניט. דער קאָפּ טוט אַביסל ווײ — האָב איך געענטפערט.

— איז אז דער קאָפּ טוט דיר ווי — פרעגט ער מיר ווייטער — וואָס זשע טויג דיר דער מדרש ?

— טאַקע ווייל אזוי — האָב איך אים געענטפערט מיט א שמייכל — „חש בראשו, יעסוק בתורה" (ועמען עס טוט ווי דער קאָפּ זאָל ער לערנען תורה).

— ווילסטו הייסט עס פריוון — האָט ער מיר צוריק געענט־פערט מיט שפּאָס — צי ס'איז באַ דיר דאָ וואָס ווי צו טאָן. אפשר האָסטו גאָר קיין קאָפּ ניט ? נו, לייג אוועק דעם מדרש און ווער אנטשלאָפן, א גוטע נאכט ! — און איז ארויסגעגאנגען.

איך וועל עס מאכן בקיצור : אפן צווייטן טאָג בין איך צו דער פרייד פון מיינע עלטערן געזונט געוואָרן און בין מיט פארגע־ניגן געלאָפן אין בית המדרש. ס'האָט מיך ווי א מאַגנעט געצויגן זיך באַגעגענען מיטן יונגנמאַן, וועלכער איז טאַקע באלד אָנגעקור־מען. ער איז ניט צוגעקומען גלייך צו מיר, נאָר האָט זיך באַ א שטענדער געזעצט לערנען גמרא, ווי זיין שטייגער איז געווען. ער האָט אזוי אָפּגעלערנט א פּאָר שטונדן און איז ארויסגעגאנגען. איך בין באַלד ארויס נאָך אים. ער האָט מיר ווידער אונטערגערוקט צוויי ספרים'לאך (הבוקר אור פון גאָטליבערן און אהבת ציון פון מאפּו). איך האָב שוין געפונען א געלעגנהייט זיי צו לייענען. אין איינע פון די ספרים'לאך וואָס ער האָט מיר געגעבן, האָב איך גע־פונען א צעטל פון פארשידענע העברייאישע השכלה ספרים און וואו איך קאן זיי קריגן.

אָט די השכלה ספרים האָבן מיר אביסל געעפנט די אויגן. איך האָב מיט דורשטיקן אימפּעט זיך א וואָרף געטאָן אויף די ספרי השכלה פון יענער צייט, איך האָב געשלונגען איין בוך נאָכן צווייטן, ביז מ'האָט מיך איינמאָל געכאפּט האַלטנדיק אונטער דער גמרא קראָכמאַל'ס „מורי נבוכי הזמן" און מ'האָט מיך ארויסגעיאָגט פונם בית המדרש. איך בין אויך דעמאָלט געווען געצוואונגען ארויסצו־קלייבן זיך פון מיין טאַטנס הויז.

עס איז דעמאָלט אויך מיין מוטער געשטאָרבן, וואָס האָט מוראדיק אויף מיר געווירקט.

איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט אייניקע באַקאַנטע צווישן דאָרטיקע משכילים און האָב דורך זיי באַקומען עטלאַכע אוראָקן, טאַקע מיט זייערע אייגענע קינדער, וואו איך האָב געלערנט תנך, דקדוק און געלייענט מיט זיי העברייאישע ליטעראַטור. איך האָב זיך אָנגעהייבן לערנען אַנדערע שפּראַכן און האָב זיך אָנגעהייבן צוצוגרייטן, אויף דער עצה פון מיינעם אַ חבר, צו האַלטן עקזאַמען פון 4 קלאַסן גימנאַזיע (אויף פאַרמאַציסט). ס'איז מיר אָנגעקומען זייער שווער. אין דער זעלבער צייט, וואָס איך האָב געמוזט לערנען לאַטיין און גריכיש, האָב איך אויך געדאַרפט שטודירן די רוסישע שפּראַך גופא. עס פאַרשטייט זיך אַז מאַטעמאַטיק האָב איך געלערנט פון סלאָנימסקיס „חכמת השיעור„, געאָגראַפיע פון בלאָך, און אַזוי אַלע איבעריקע געגנשטאַנדן, אַלץ אויף העברייאיש און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ווען איך האָב געהאַלטן עקזאַמען אין 1885 אין אוסטראָהער גימנאַזיע, בין איך „גלענצנד" דורכגעפאַלן. איך בין אויך דעמאָלט געשטאַנען צום פריזיוו, פון וועלכן איך בין באַפרייט געוואָרן מיט אַ רויטן בילעט. איך בין געווען דער עלצטער אין דער פאַמיליע.

איך האָב פאַרטראַכט אַוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד שטודירן. אויף וואָס, צו וואָס ? האָב איך זיך ניט געפרעגט. פשוט, לערנען צוליב לערנען. איך בין אַוועקגעפאָרן נאָענטער צו דער גרענעץ אין וואָלאָטשיסק. איך האָב מיך באַשעפטיקט מיט געבן אוראָקן, שוין ניט נאָר אין העברייאיש, נאָר אויך אין אַנדערע שפּראַכן. אין דערזעלבער צייט האָב איך אָנגעשריבן אַ בריוו צו יונה גאָרלאַנד, דעמאָלט ראַבינער פון אָדעס. אים דערקלערט מיין גרויסן חשק צו שטודירן און באַ אים געבעטן אַן עצה. איך האָב באַלד באַקומען פון אים אַן ענטפער מיט אַ רעקאָמענדאַציע צו עזריאל הילדעסהיימער, ראַבינער פון בערלין. ער האָט מיר אין זיין בריוו אויך צוגעזאָגט צו אויסכלאָפּאָטשען באַ די חברה מפיצי השכלה אַ גע־

וויסע יערלאכע סטיפענדיע פאר דער צייט פון מיין שטודירן.

איך וועל עס מאכן בקיצור. אין 1888 בין איך שוין געווען אין בערלין און זיך פלייסיק גענומען צוצוגרייטן אויף אריינקומען אין ברעסלאוער טעאלאגישן סעמינאר. (לויט דעם פראגראם, האב איך געדארפט דורכמאכן 6 קלאסן דארטיקע גימנאזיע צו זיין גרייט אריינצוקומען אין סעמינאר).

צוויי מיט א האלב יאר האב איך פארבראכט אין בערלין, געהאט עטלאכע אוראקן, וועלכע האבן מיר קוים געטראגן אויף קווארטיר און צו הונגערן. איך האב א יאר דורכאנאנד געקראגן שטיצע פון דער „חברה מפיצי השכלה" צו צוויי רובל א חודש. אין משך פון דער צייט האב איך צוויי מאל באזוכט דעם ברעסלאוער סעמינאר, איינמאל געזען פראפעסאר גרעץ. בא מיין צווייטן באזוך איז ער שוין ניט געווען . . . איך בין אויך געווען א פרייער צוהערער אין א בערלינער אוניווערזיטעט. איך פלעג מיטגיין מיט די סטודענטן אויף פארשידענע וויסנשאפטלאכע עקסקורסיעס, איינע פון וועלכע עס איז געווען אויף די בערג לעבן שארלאטנבערג אויסצופארשן דאס לעבן פון מוראשקעס (אמייזן), וואס האט מיר געגעבן די מעגלאכקייט אנצושרייבן אין יאר 1922 פארן קינדער זשורנאל „דאס לעבן פון מוראשקעס". איך האב אויך באוויזן דערפאלגרייך אויסצוהאלטן עקזאמען פאר 4 קלאסן דארטיקע גימנאזיע.

א גרויסע שרפה, וואס האט דאמאלט פארניכטעט כמעט די גאנצע שטאט אוסטראה, צווישן וועלכע אויך מיין פאטערס הויז, א ברודער איז בא מיר דאמאלט אויך געשטארבן, דאס אלעס האט מיך א שלעפ געטאן צוריק א היים. געוויינטלאך האב איך גערעכנט צוריקצוקומען. איך בין שוין אבער צוריק נישט געפארן. דורך דער עצה פון מיינעם א פריינט, האב איך מיך אוועקגעלאזט קיין בעסאראביע (בעלצי). איך האב דארטן געגעבן פריוואטע אוראקן און ניט שלעכט געמאכט. באלד געהאט דאס „גליק" חתונה צו האבן און א טאטע ווערן. שוין געווען שווער צו טראכטן פון בערלין. אין 1897 האבן מיר זיך איבערגעקליבן קיין אדעס, וואו

איך האָב צוויי מאָל געהאַלטן עקזאַמען אויף לערער און גראַד אויס־געהאַלטן. (איינמאָל אויף אָנפאַנג און דאָס צווייטע מאָל אויף הויז־לערער מיט דייטש אַלס הויפּט געגנשטאַנד). איך האָב זיך אין אָדעס באַשעפטיקט מיט געבן שטונדן און עס האָט זיך ניט זייער פֿויגלדיק געלעבט. אין 1898־1899 בין איך דורך אַ רעקאָמענ־דאַציע אָנגעשטעלט געוואָרן אַלס אַ בוכהאַלטער אין אַ האָלץ גע־שעפט אין אַ סקלאַד אויף אַ נייער באַן־ליניע צווישן קיעוו און פּאָלטאַווע. דעמאָלט גערדיינק איך, איז צוגעמאַכט געוואָרן דער „וואָסכאָד" פאַר דרוקן די קליאַטשע און מאָרדוועצאָווס „מעזשדו מאָלאָטאָם אי נאַקאָוואַלני", ווי אויך די פּעטערבורגער „נאָוואָסטי" פאַר אַ פעליעטאָן „סעמיאַ אָבמאַנאָוויך". אין יענעם יאָר האָב איך אין קיעוו זיך באַקאַנט מיט אַ זייער סימפּאַטישער רוסישע פאַמיליע „פּאָפּאָוו", די גאַנצע פאַמיליע וועגעטאַריער. זיי האָבן מיך דער־מאָנט אין נאָך די גאָר פריערדיקע יאָרן ווען איך בין אַנטלאָפן פונעם שלאַכט הויז, ווען מ'האָט געקוילעט אַן אָקס. איך האָב דע־מאָלט באַשלאָסן צו ווערן אַ וועגעטאַריער. ווען איך בין געקומען צוריק קיין אָדעס בין איך מיט מיין פאַמיליע געוואָרן וועגעטאַריער. אין 4־2־1900 האָב איך זיך אַריינגעוואָרפן אין דער רעוואָלוציאָ־נערער באַוועגונג און צוזאַמען מיט אַ גרויסע טייל לערער און סטו־דענטן געקעמפט געגן דער רעאַקציע. אין 1905 זענען פאָרגעקומען די באַרימטע פּאָגראָמען, וואו עס איז אויך אומגעקומען מיינס אַ 5־יעריק טעכטערל. אין 1906 בין איך אָנגעקומען מיט מיין פאַ־מיליע קיין אַמעריקע אונטערן נאָמען גאָלדבלום (אין רוסלאַנד ווי איך האָב פריער געשריבן איז מיין נאָמען געווען קישינעווסקי).

דאָ אין אַמעריקע האָב איך ניט געקאָנט פאָרזעצן מיין לערע־ריי און האָב זיך אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן מיט פאַרשידענע אַמע־ריקאַנער מלאכות.

אין 1907 האָב איך מיך געטראָפן מיט מיינעם אַן אינטימען חבר נאָך פון בעסאַראַביען : שבתי לערנער. אינדערהיים האָט ער געשריבן פּאָעזיע, רעדאַקטירט אַ אידישן זשורנאַל און געווען

א קאָעספּאָנדענט פון „פריינד". פּראָפעסיאָנעל איז ער געווען א לערער.

ער איז געקומען קיין אמעריקע מיט א פּאָר יאָר פאר מיר און איז געווען געצוואונגען צו ווערן לערער אין איינער פון די גרויסע תלמוד תורות אין בראָנזוויל, (כאָטש ווי ער האָט מיר דערציילט, איז דאָס געווען קעגן זיינע פּרינציפּן, אָבער וואָס טוט מען ניט צו־ליב פרנסה), ער האָט מיר געראָטן אויך אָנצונעמען אַן ענלאכע שטעלע.

איין טאָג האָט ער מיך פאָרגעשטעלט פאר'ן „פּרינציפּאַל" פון זיין תלמוד תורה. איך זע פאר זיך א מיטליעריק אידל מיט א שפּיציק קמץ בערדל און א יארמעלקע אויפ'ן שפּיץ קאָפּ. ער האָט מיך אויפגענומען אויף העברייאיש. מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט ארום א האלבע שעה. עס זעט אוים: איך האָב בא אים נושא חן געווען, ווייל ער איז באלד איבערגעגאנגען צו „ביזנעס". ווען איך בין אָבער באקאנט געוואָרן מיט מיינע פליכטן, אַז איך וועל מוזן מיט די קינדער לערנען מאכן א ברכה און דאווענען מיט זיי, איך וועל זיך אויך מוזן פארלאָזן א „קמצל", בין איך ארוים פון דאָרט אָן א זיי געזונט און בין מיט פארגעניגן אוועק צוריק אין שאַפּ אריין צו שטעפּן ווייבערשע קליידלאך.

אינטערעסאַנטער עפּיזאָד. פאַרזוך צו עפענען אַ מאָדערנע אידישע שול.

ארום סעפּטעמבער 1908 האָב איך מיט נאָך 2 לערער: שבתי לערנער און א. שלעגער (געזאַנג־לערער), באַשלאָסן פּריוואַט אויפ־צועפענען א מאָדערנע וועלטלאכע אידישע שול, וואו מיר זאָלן לערנען מיט די קינדער די אידישע שפּראך, אידישע געשיכטע, אויך העברייאיש ווי א שפּראך, אָבער ניט קיין רעליגיע. מיר האָבן אויס־געארבעט א פּראָגראם אין דער פאָרמע פון א ביכעלע אין 12 זייט־

לאך, וואו מיר האָבן דערקלערט אונזער שטאַנדפּונקט צו די היגע חדרים און תלמוד תורות, מיר האָבן אָנגעוויזן זייער שעדלאַכן איינפלוס אויפ׳ן קינד. מיר האָבן אָנגעגעבן די צילן פון אונזער מאָדערנער שול און מיר האָבן אויסגעדריקט די האָפנונג, אז דאָס וועט זיין דאָס ערשטע שוועלבעלע וואָס וועט אָנזאָגן דעם אָנקום פון א נייער עפּאָכע מיט א נייעם מאָדערנעם אידנטום.

מיר האָבן אָפּגעדרוקט א פּאָר הונדערט עקזעמפּלאַרן און טאַקע אליין זיי צעטיילט אין א היפּשער צאָל היימען. מיר האָבן געדונגען א דירה אין בראָנזוויל, בלייק עוועניו און וויליאַמס גאַס פאר 15 דאָלאַר א חודש, געקראָגן עטלאַכע אַלטע שול בייַנקלאַך און די איבעריקע מכשירים, אריינגענומען א פּיאַנאָ און צו מזל אָנגעהויבן רעגיסטרירן קינדער, רעכענענדיק 2 דאָלאַר א חדש. און קינדער זיינען געקומען. אין משך פון 2 וואָכן זיינען אריינגעקומען 22 קינדער. דאָס איז געווען א סך מער ווי מיר האָבן זיך גערייכט.

שבתי לערנער האָט געלערנט אידיש, איך האָב געלערנט געשיכטע און העברייאיש און שלעגער האָט געלערנט זינגען. קיין ספּעציעלע לערנביכער האָבן מיר נאָך דעמאָלט ניט געהאט. עס איז בלויז געווען קרינסקי׳ס א ביכל, מיט וועלכן מיר זיינען ניט געווען צופרידן.

מיר האָבן געלערנט לייענען און שרייבן פון דעם וואַנט טאָוול. מיר האָבן אויך פון אַלטע פּלאַקאַטן (אין יענער צייט זיינען זיי געווען זייער פּיל) אויסגעשניטן אותיות, גרויסע, קליינע כמעט גאַנצע א. ב׳ן. מיר פלעגן צוזאַמענשטעלן ווערטער, זאַצן. ווען די קינדער האָבן זיך אויסגעלערנט עטלאַכע אותיות, האָבן מיר זיי געהייסן אויסשניידן אין דער היים פון דעם טאַטנס צייטונג די אותיות און ווערטער וועלכע זיי ווייסן שוין. און די קינדער האָבן מיט חשק געאַרבעט.

שבתי לערנער פלעגט אליין פאַרפאַסן לידער, שלעגער האָט צו זיי געשריבן מוזיק און עס איז געווען פרייליך. מיר האָבן שווער געאַרבעט, מיר זיינען אָבער געווען צופרידן מיט אונזער ארבעט.

און מערקווירדיק ! אָן לערנביכער, און די קינדער האָבן אין אַ קורצער צייט זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן.

מיר זיינען אליין צוגעטראָטן צו שאַפן אַ לערנבוך נאָך אונ־זער געשמאַק. עס האָט אונז געוואונדערט וואָס די פּרעסע האָט גע־שוויגן. מיר האָבן אריינגעשיקט אונזער בראָשור אין אַלע אידישע צייטונגען, מיר האָבן אריינגעגעבן נאָטיצן, זיי האָבן אונז פּערזענ־לאך צוגעזאָגט צו שרייבן, אָבער זיי האָבן זיך גאָר ניט ווייסנדיק געמאַכט.

עס איז אַזוי אַוועק אַ גאַנצער חודש, מיר האָבן שוין אָנגע־הויבן צו טראַכטן פון אַ נייער דירה, אַ מער באַקוועמע, ווען פּלוצ־לונג האָט זיך דאָס רעדל געגעבן אַ דריי צוריק.

איינמאָל אין אַ דינסטיק קומען פּלוצים אריין 6 מאַמעס מיט אַמאָל, זיי ווילן זען ווי אַזוי מיר לערנען. אונז האָט גראד הנאה געטאָן וואָס די מאַמעס אינטערעסירן זיך אַזוי. מיר האָבן גאָרניט ניט חושד געווען, אַז זיי זיינען אונטערגעשיקט פון דער נאָענטער תלמוד תורה. (ווי מיר האָבן זיך דערנאָך דערוואוסט).

מיר זיינען אַזוי פּאַרטיטפּט אין לערנען : איך אין איין קלאַס, שבתי אין צווייטן, ווען פּלוצלונג גיט איין פרוי אַ יעבץ : „אוי ווייז צו מיינע יאָר, איר לערנט דאָ אָן אַ היטל ! אַזאַ יאָר אויף אייך מיט אייער חדר ! קום שוין אהיים, לעאַ ! געכאַפּט איר קינד און שנעל ארויס.

מיר זיינען געבליבן זיצן ווי אָפּגעשמיסענע.

מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן צו קומען צו זיך, ווי אַן אַנדער פרוי גיט אַ קוויטש : „וואָס איז דאָ באַ אייך ? אַ מיסיאָנערן הויז ? איר ווילט אָפּ׳שמד׳ן מיין סאַלן ? נישט דערלעבן זאָלט איר עס ! קום אהיים, סאַל !

בקיצור : אַלע 6 מאַמעס זיינען ארויס מיט זייערע לעאַס, סאַ־לים און דזשעראָמס ווי פון אַ פייער.

דאָס איז פאַר אונז געווען אַ שטאַרקער קלאַפּ.

מיר האָבן ווי עס איז פאַרענדיקט דאָס לערנען און די קינדער

זיינען שטיל אוועק אהיים. צומארגנס האבן 8 קינדער געפעלט. אויפ'ן דריטן טאג האבן שוין גאנצע עלף קינדער געפעלט. אבער דאס איז נאך ניט אלץ. מיר שטייען אזוי אין די קלאסן און לער־נען מיט אונזערע עלף קינדער, ווען פלוצלונג, קראך! א גרויסע שויב האט זיך אויף פיצלאך צעבראכן און א שטיין האט געטראפן מיין שבתי'ן אין דער רעכטער פלייצע, אבער גוט געטראפן. ער האט געמוזט גיין צו א דאקטאר. ס'איז נאך א נס וואס עס האט אים ניט געטראפן אין קאפ, ער וואלט געווים געפאלן טויט. ס'איז געווארן א סומאטאכע, די קינדער זיינען זיך צעלאפן און מיר זיי־נען געבליבן מיט די פיר ווענט און מיט די בענקלאך.

ס'איז זיך צונויפגעלאפן אן עולם, מ'האט געליארמט, געטומ־מלט, א פאר פאליסלייט זיינען געווען, מ' האט זיי געזאגט, אז דא איז א מיסיאנערן הויז און מיר פארנארן קינדער אהער. מיר דער־ציילן זיי, דערקלערן זיי וואס פאר א שולע דא איז, זיי פארשטייען אונז ניט און שלעפן אונז אין פאליציי הויז. ס'איז א נס, וואס עס איז אנגעקומען א טאטע פון א קינד אונזערס, אן אדוואקאט, ער האט אונז געראטעוועט.

מיר האבן דאך זיך אנגענומען מיט מוט, גערופן א גלעזער, אריינגעשטעלט א שויב, געבראכט אלץ אין ארדנונג און באשלאסן, אז מיר אלע דריי זאלן זיך צעלאזן צווישן די עלטערן פון אונזערע קינדער, זיך דורכרעדן מיט זיי און זען וואס מיר האבן צו טאן.

דאס האט אונז אויך ניט געהאלפן. כאטש די עלטערן האבן אונז דאכט זיך צוגעזאגט צו שיקן זייערע קינדער, אבער צומארגנס זיינען געקומען נאר פיר קינדער.

דער סוף איז געווען, אז מיר האבן געמוזט זיך געזעגענען מיט אונזערע חלומות, און צומאכן די שול.

פאר מיר איז דאס געווען א מורא'דיקער קלאפ. אויף אזא שנעלן סוף האב איך זיך באין אופן ניט געריכט. א שטיק צייט בין איך ארומגעגאנגען ווי א צעדולטער. איך האב זיך צו קיין זאך ניט געקאנט נעמען.

שבתי לערנער האָט צוריק באַקומען אַ שטעלע אין אַ תלמוד תורה. א. שלענער איז אַוועק צו אַן אַנדער אַרבעט, און איך בין אַוועק צו אַ דענטיסט און זיך פאַרנומען מיט ציינטעכניק, אַ מלאכה וואָס איז מיר געווען באַקאַנט נאָך פון דער אַלטער היים.

נישט קוקנדיק דעראויף, וואָס די לעצטע פּראָפעסיע מיינע האָט מיר געגעבן פּרנסה און האָב אָנגעהייבן (ווי מע זאָגט אין אַמעריקע) צו מאַכן אַן אַנשטענדיקן לעבן, האָב איך דאָך שטאַרק געבענקט נאָך לערעריי. דאָס איז דאָך געווען ווי איינגעוואַקסן אין מיר, אַ טייל פון מיין איך. עס איז דערפאַר מיר געווען שווער זיך צוצו־פּאַסן צו וואָסערע עס איז אַרבעט. וואָס איך זאָל ניט האָבן געטאָן האָט עס מיך אַלץ געצויגן צו לערעריי.

איך האָב זיך אַזוי גייסטיק אָפּגעמאַטערט ביז אַרום 1919, ווען איך האָב צופעליק זיך באַקאַנט מיט פייוול האָלמטשאַק, איי־נער פון די גרינדער פון די שלום־עליכם שולן, אַן אַנגענעמע, אימ־פּאָזאַנטע פּערזאָן. ער איז דעמאָלט איינגאַנצן אַ פּאָר יאָר געווען פון רוסלאַנד, וואו ער איז געווען לערער. דאָ אין אַמעריקע האָט ער געטראָפן די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, מיט וועלכע ער איז, זעט אויס, ניט געווען צופרידן, מעגלאך דערפאַר ווייל זיי האָבן גע־טראָגן אַ פּאַרטיי כאַראַקטער און האָט זיך מיט אימפּעט אריינגע־וואָרפן אין דער אַרבעט צו גרינדן פּשוט אידיש־וועלטלאַכע שולן אָן שום פּאַרטיי פּרצוף, און דאָס האָט זיך אים פולשטענדיק איינגע־געבן. ווען איך האָב זיך מיט אים באַקאָנט, האָט זיך שוין באַ־דאַרפט עפענען שלום־עליכם שול נומער 5. ער האָט מיך פאַראינ־טערעסירט אין דער שול אַרבעט און האָט מיך איינגעלאַדן צו אַר־בעטן אין דער שול אַלס סעקרעטאַר. איך האָב מיט באַגייסטערונג אָנגענומען זיין איינלאַדונג. אין מאַי 1920 האָב איך אַריינגעטראָטן אין דער נאָר וואָס געעפנטער שלום־עליכם שול נומ. 5 אַלס סעקר־רעטאַר און ה. גורמאַן (איצט דר. גורמאַן אין ל. א.) אַלס לערער.

איך האָב פאַרגעסן צו דערמאָנען: אַ מאָנאַט פריער ד. ה. אין אַפּריל האָט אָנגעהייבן צו דערשיינען דער קינדער זשורנאַל,

אונטער דער רעדאקציע פון שמואל ניגער. אויך אף דעם געביט האָט זיך פ. האַלמסטאַק אויסגעצייכנט: ער איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן. ער האָט מיך אויך אין דעם פאַראינטערעסירט און האָט מיך אריינגעצויגן אין דער פאַמיליע פון די מיארבעטער. די ערשטע דערציילונג (אַ פּסח־מעשה) וואָס איז געדרוקט אינם ערשטן נומער קינדער זשורנאַל, האָט האַלמסטאַק גענומען בא מיר. פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרן אַ גאָר נאָענטער מיטגליד פון דער פאַמיליע „שלום־עליכם'ניקעס" און קינדער זשורנאַל. פ. האַלמ־סטאַק איז אויך געווען איינער פון די גרינדער פון די קינדער זומער קאָלאָניעס „בויבעריק". (דאָס ערשטע יאָר בויבעריק אין ביקאָן, נ. י. איז געווען אונטער װעגעטאַרישן רעזשים. מיין איינפלוס.)

10 יאָר דורכאַנאַנד האָב איך אונאונטערבראָכן געאַרבעט אין די שלום־עליכם שולן. די ערשטע פּאָר יאָר אַלס סעקרעטאַר, דער־נאָך אַלס לערער. דאָס איז אָבער אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון מיין לעבן, און אפשר דאָס אינטערעסאַנטסטע. איך וועל עס אָבער דערווייל פאַרביייגיין. איך וועל נאָר באַמערקן, אַז דאָ אין דער שול ארבעט האָב איך מיך פולשטענדיק געפונען. מיין חלום איז פאַרווירקלאַכט געוואָרן. איך האָב מיך שטאַרק באַליבט געמאַכט בא די קינדער און דאָס איז געווען בא מיר אַ גליק. דאָס האָט מיר געגעבן קוראַזש און מוט צו זוכן און פאָרשן און שרייבן מעשיות, דערציילונגען, לעגענדעס, וויסנשאַפטלאַכע פאַנטאַזיעס און איבערזעצונגען, פילע פון וועלכע גייען אריין אין דעם בוך.

אין 1929 בין איך אָנגעקומען אין לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע. דאָ האָב איך אויך געהאַט דאָס גליק צו זיין לערער אין די היגע פאָלקשולן, אָבער אינגאַנצן איין יאָר. דער צופאַל האָט געבראַכט אַז אויך דאָ בין איך געווען אין דיזעלביקע שולן וואו ה. גורמאַן איז געווען לערער.

אויך דאָ האָב איך געשאַפן אַ טייל מאַטעריאַל, וואָס גייט אריין אין דעם בוך. אַ גרויסן טייל פון דעם היגן מאַטעריאַל, האָב איך צו פאַרדאַנקען דעם פאַרשטאָרבענעם חבר עפּשטיין, וועלכער איז

א קורצע צייט געווען פארבונדן מיט דער היגער קאַליפאָרניער שטי־מע. ער פלעגט פשוט צושטיין צו מיר איך זאָל שרייבן און, א דאנק דעם האָב איך אין דער „שטימע" אָפּגעדרוקט פילע לעגענדעס און אַנדערע זאַכן. איך האָב אויך צו פאַרדאַנקען חבר ל. בלאנק, רע־דאַקטער פון דער „אידישער טעגלאכער פּרעסע", וואו איך האָב אונטער זיין רעדאַקציע אָנגעפירט מיט א „קינדער ווינקל" און האָב אָפּגעדרוקט פילע זאַכן, וואָס גייען אריין אין דעם בוך.

איך וויל אויך באַדאַנקען די חברים ה. רויזענבאַלט, פרידלאַנד, פּ. בערמאַן און ל. בלאַנק, וועלכע האָבן מיר געהאָלפן אָפּקלייבן דעם מאַטעריאַל פאַר דעם בוך.

צולעצט וויל איך אויסדריקן מיין האַרציקן דאַנק דעם היגן אי־דישן קולטור קלוב, וואָס האָט געמאַכט מעגלאַך דאָס ארויסגעבן פונם בוך.

„שמאי"

אן אמת'ער עפּיזאָד

(דערציילונג)

דאָס האָט פּאַסירט אין אדעם ארום 1901. יענע צייט ציי־כנט זיך אויס פון איין זייט מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס פלעגט געאַרבעט ווערן אין געהיים, בחדרי חדרים; פון דער צווייטער זייט מיט דער השכלה, וועלכע האָט פאַרוואָרפן איר נעץ ווייט, ווייט אין רוסלאַנד, פּוילן און גאַליציען. זי האָט אריינגע־דרונגען אין אַלע שטעט און שטעטלאך, אפילו אין די בתי מדרשים און ישיבות. פון צייט צו צייט פלעגט דאָ און דאָרטן פון די קליי־נע שטעטלאך אַנטלויפן אַ בחור — זייער אָפט, אַן איידעמל אויף קעסט — פון באַלעבאַטישע פרומע עלטערן, אָדער פון אַ ישיבה. זיי פלעגן פאַרלאָזן זייער היים, זייערע עלטערן, דאָס בית המדרש אָדער ישיבה און אוועק אין אַ גרויסער שטאָט שטודירן. זיי פלעגן ווערן אויסגעריסן, זיך שרעקלאך פּלאָגן צו דערגרייכן זייער ציל. זיי האָבן באמת מקיים געווען די עצה פון די חכמים: „אַ שטיקל ברויט מיט זאַלץ זאָלסטו עסן, אַביסעלע וואַסער פאַרטרינקען, אויף דער ערד זאָלסטו שלאָפן און זאָלסט לערנען תורה". פילע פון זיי האָבן עס מקיים געווען הונדערט פּראָצענט. עקסטערנע האָט מען זיי גערופן. די עקסטערנען פלעגן אָנפילן אַלע גרויסע שטעט, וואו נאָר עס האָבן זיך געפונען אוניווערזיטעטן. פון איינעם אַזאַ עק־סטערן וויל איך דאָ דערציילן.

שמאי באַריטשעווסקי האָט ער געהייסן. ער איז געקומען פון אַ קליין שטעטל לעבן קיעוו. ער איז דערצויגן געוואָרן אין הויז פון פרומע עלטערן. זיין פאָטער איז געווען דער רב פון שטעטל און עס איז זעלבסטפאַרשטענדלאך, אַז ער האָט געוואָלט אַז זיין זון זאָל אויך אויסוואַקסן אַ רב.

ווען שמאי איז אַלט געוואָרן 16־17 יאָר, איז ער דורך אַ צו־פאַל באַאיינפלוסט געוואָרן פון אייניקע משכילים, וועלכע האָבן אויף אים געווירקט און האָט אָנגעהויבן טועם זיין פונם עץ־הדעת, אָנגעהויבן לייענען השכלה ביכער, געלערנט די רוסישע שפּראַך, עס פאַרשטייט זיך—בסוד פון זיינע עלטערן. געהאַט האָט ער אַלע מעלות פון אַן עלוי: געהאַט אַ גוטן קאָפּ און געווען אַ גרויסער מתמיד.

אין בית המדרש, וואו ער פלעגט לערנען צוזאַמען מיט אַנ־דערע יונגע בחורים, ווי ער, האָט ער זיך געדעכנט פון די בעסטע. אפילו די עלטערע אידן — די לומדים האָבן געהאַט דרך ארץ פאַר אים. כאָטש אין די לעצטע צייטן איז עפּעס זיי ניט געפעלן אין אים זיינע חקירות.

אין בית המדרש, צווישן די פילע תלמודישע ספרים און ש״ס׳ן, מוסר און קבלה ספרים, האָבן זיך אויך דאָרט געפונען חקירה און פילאָסאָפישע ספרים, ווי מורה נבוכים, כוזרי און אַנ־דערע. עס איז זיי, די לומדים, ניט געפעלן געוואָרן, וואָס שמאי דעם רב׳ס פאַרברייננגט פיל צייט אין די דאָזיקע ספרים. זיי פלעגן מיט אים אַמאָל פאַרפירן אַ שמועס וועגן דעם און אים דערקלערן אַז די דאָזיקע ספרים זיינען נאָך ניט פאַר אים, ער קאָן נאָך דאָרט חו״ש נכשל ווערן ברוח ספקות. פלעגט ער זיי אין קורצן אַזוי אָפּענטפערן, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן מורא צו האָבן מיט אים צו חקירען. זיי האָבן ניט געוואוסט אז אין יענער צייט האָט שמאי דעם רב׳ס שוין דורכגעלייענט אַ גרויסע צאָל פון די ספרים „חיצונים״, ווי די פרומע האָבן עס גערופן. ווי מורי נבוכי הזמן פון נ. קראַכמאַל, יצחק בער לעווינזאָנס ספרים, חוץ פון דער דאַ־מאָלסדיקער העברייאישער בעלעטריסטיק ווי. סמאָלענסקי, מאַפּו און פילע אַנדערע.

לעצטנס האָבן זיי אים אָנגעהויבן צו חושד זיין אַז ער איז ניט נאָר אַ „חוטא״, ער איז אויך אַ „מחטיא״. זיי האָבן באַ־מערקט, די לומדים, אַז שמאי סוד׳עט זיך אָפּט מיט די אַנדערע

בחורים פון בית המדרש און ווען זיי דערזעען אן עלטערן נאָענט, בלייבן זיי שטיל. זיי האָבן דאָס איבערגעגעבן צו זיין פאָטער, דעם רב.

דער פאָטער האָט אים אָנגעהויבן נאָכצושפּירן און האָט אים דערטאַפּט לייענען אַ העברייאיש בוך פון דעם אפּיקורס, אברהם גאָטלאָבער. ס'איז פאָרגעקומען אַ סקאַנדאַל צווישן פאָטער און זון. דער פאָטער האָט געשריען, געליאַרעמט, זיך געוואָרפן צו אים מיט די פויסטן. שמאי איז געשטאַנען רואיק, פעסט געהאַלטן דאָס בוך אין זיינעביידע הענט. און ווען ניט די מוטער זאָל זיך גע־ווען אריינמישן, ווער ווייסט מיט וואָס עס וואָלט זיך געענדיקט.

שמאי האָט געזען, אַז ער מוז זיין מער פאָרזיכטיק און משום שלום בית, האָט ער זיך אָנגעהויבן אויסצוהיטן אַז עס זאָל מער נישט קומען צו אַזעלכע סצענעס. ער האָט אָבער איינגעזען, אַז עס איז פאַר אים אומעגלאַך אַלע מאָל אויסצובאַהאַלטן זיך. ער האָט פאַרטראַכט אַוועקצופאָרן ערגיץ אין אַ גרויסער שטאָט דאָרט שטודירן. ער האָט אויסגעקליבן אָדעס.

אָט ווי ער ערציילט אַליין פון זיין אָפּפאָרן פון דער היים און זיין קומען קיין אָדעס:

„עס איז מיר שרעקלאַך שווער געווען זיך צו שיידן מיט מיין קליין שטעטל, וואו אַלעס איז מיר געווען אַזוי נאָענט, אַזוי ליב. איך האָב געפילט, אַז עס שטייט מיר פאַר אַ לאַנגע, לאַנגע קייט מיט מכשולים און יסורים. פאַרנעפּלט, אומבאַשטימט איז געווען מיין עתיד. איך פיל, אַז איך לאָז מיך אין דער וועלט אריין אָן אַ באַשטימטן ציל. איך בין געווען אין ספק צו וועט זיך מיר, קליינשטעטלדיקן, אומדערפאַרענעם, עפּעס איינגעבן. אָבער פון דער צווייטער זייט האָב איך געפילט, אַז מער בלייבן דאָ קאָן איך ניט. איך וויל ניט שפּילן די ראָלע פון אַ היפּאָקריט. איך מוז גיין אין דער וועלט, איך מוז שטודירן, לערנען, אַזוי ווי עס האָבן אויך אַנדערע פון מיינע חברים געטאָן.

דאָס פאַרלאָזן מיין שטעטל, וואו איך בין אויפגעוואַקסן גלייך

מיט די ארומיקע וועלדלאך; צו פאַרלאָזן דאָס בית־המדרש וואו איך האָב געלערנט תורה; צו פאַרלאָזן מיינע באַקאַנטע און ליבע חברים, וועלכע האָבן זיך אַלע מאָל געטיילט מיט מיינע פריידן און ליידן, אפילו מיין שטריינגן טאַטן, וועלכן איך האָב באמת ליב געהאַט — דערמיט האָב איך ווי עס איז שלום געמאַכט. דאָס מיינט צו זאָגן, איך בין ניט געווען אַזוי שטאַרק סענטימענטאַל, אָבער איין פּערזאָן — מיין צאַרטע מוטער — זי איז מיר געווען שרעקלאַך שווער צו פאַרלאָזן. איך האָב מורא געהאַט אַז זי וועט עס ניט אויסהאַלטן. און דאָס האָט מיך שרעקלאַך געפּלאָגט. און ווען איך בין שוין געזעסן אויף דער באַן אויפן וועג קיין אדעס, האָב איך פון קיין זאַך ניט געטראַכט, נאָר פון מיין אומגליקלאַכער מאַמען.

די באַן לויפט, קלאַפּט שנעל און ריטמיש: „טאַ־טאַ־טאַ־טאַ״, דאָס זעלבע איז מיט מיין האַרץ, עס קלאַפּט אויך שנעל און ריטמיש, גלייך עס וויל ארויסשפּרינגען.

דורכן פענצטערל זע איך, ווי אַלעס לויפט און איילט זיך, אָבער אַלעס לויפט צוריק, צוריק. די טעלעגראַף סלופּעס, שטיבעלאַך איינציקע, גרופּעס שטיבעלאַך, גאַנצע דערפער, פּאַסטוכער מיט זייערע טשערעדעס, אַלעס, אַלעס לויפט, אַנטלויפט פון מיר; איך טראַכט און ווייס ניט פון וואָס, מיינ גערדאַנקען מישן זיך און פּלאָנטערן זיך עפּעס ארום אומבאַוואוסטעס.

אַ געדאַנק גיט מיר אַ שלאָג אין קאָפּ, אַז היינט איז ל״ג בעומר. היינט אויף דער נאַכט וועט אין בית המדרש זיין פריילאַך, אַזוי ווי אַלע יאָר. און אַ שטאַרקע ביינקעניש כאַפּט ארום מיין גאַנצן קערפּער אַזוי ווי אַן עלעקטרישער שטראָם. עס איז דער ערשטער אָוונט, זינט איך געדענק זיך, וואָס איך וועל ניט זיין דאָרט. אַלע יאָר פלעגט עס זיין מיין ארבעט, אויסצושניידן אין אַ קאַרדאָן מיט גרויסע אותיות די ווערטער: „ר׳ שמעון בן יוחאי״, אונטערלייגן קאָלירטע דין פּאַפּיר, איינפּראַוועון עס אין אַ רעמל און הינטער דעם

רעמל צושטעלן א ברענענדיק ליכט. דאָס פּלעגן מיר טאָן לכבוד זיין יאָרצייט, וואָס פאַלט אום ל״ג בעומר.

ווער טוט עס היינט אויף דער נאַכט — טראַכט איך. איך דערמאָן זיך אויך אין די פייל־און־בויגנס, די ראַדביקסן וואָס מיר פלעגן מאַכן דעם טאָג פון ל״ג בעומר. פּלוצלינג קומט מיר ווידער ארויף דער געדאַנק פון דער מאַמען, פון דעם טאַטן. איצט איז נאָך פרי, כאַפּן זיי זיך נאָך ניט, אַז איך בין נישטאָ. זיי מיינען איך בין אין בית המדרש. באַלד, באַלד צו מנחה, וועלן זיי דערזען אַז איך בין ניטאָ. דער ראַש וועט נאָך אויך דאַן ניט זיין אַזוי גרויס. זיי וועלן דענקען, אַז איך מאַך אַ שפּאַציר הינטערן שטאָט, ווי איך פלעג לעצטנס אָפט טאָן. שפּעט אויף דער נאַכט וועלן זיי זיך כאַפּן אַז איך בין נישטאָ. איך שטעל זיך פאָר די פאַרצווייפלטע מאַמע, דעם בייזן טאַטן. ס׳איז מיר אָבער שווער צו דענקען דער־פון. איך ווער פּשוט ווי צומישט און די געדאַנקען הויבן זיך מיר אָן צו פּלאָנטערן און פאַרדרייען מיר דעם קאָפּ.

די באַן לויפט און איר „טאַ־טאַ־טאַ״, שלאָגט זיך אָפּ אין מיין האַרצן, וועלכע שלאָגט נאָכן טאַקט נאָך שטאַרקער. ס׳איז שוין נאַכט, עס צינדן זיך שוין אָן די לאָמפּן. מיר פאָרן ווייטער. מיינע אויגן קלעפּן זיך און איך ווער אַנדרימעלט. דער חלום פאַרפּלאָנ־טערט מיך אין פאַרשידענע פּאַסירונגען. דאָ „דעבאַטיר״ איך מיטן טאַטן און וויל אים דערווייזן אַז ער בלאָנדזשעט, דאָ קומט די מאַמע און רעדט צו מיר מיט ווייכע רייד, דאָ בין איך אין בית המדרש און שנייד אויס די אותיות, דאָ טראָגט עס מיך גאָר אַוועק ערגעץ ווייט, ווייט, אין עק וועלט — פּייערדיגע צונגען, תהומות טיפע, שדים, לצים שוועבן איבער מיר. זייערע געלעכטערס הילכן אָפּ פון איין עק וועלט צו דער אַנדערער. דאָ ווער איך גאָר פאַר־וואָרפן צו די הרי גלעד און זע, ווי טשערעדעס געקודלטע לעמעלאַך פּאַשען זיך אויף די בערג, איך דערזע אמנון און זיין געליבטע תמר. — איך בין, זעט אויס, באַאיינפלוסט פון דעם „אהבת ציון״ — און דאָ געפין איך זיך ווידער אין בית המדרש און אַלע בחורים

שטעלן מיר ארויס אַ צונג. דער טאַטע לויפט צו צו מיר און הויבט מיך אָן צו שלאָגן . . . איך כאַפּ זיך אויף — אַ קאָנדאַקטאָר וועקט מיך און הייסט מיר ווייזן דעם בילעט.

אויסגעמוטשעט פון די נאַכט חלומות, איינגעוויקעלט אין שוויים, האָב איך זיך אָנגעהויבן ארומצוקוקן וואו איך געפין זיך. דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן. דער מאָרגנשטערן ווי אַן איי די גרויס — האָט אָנגעהויבן בלאַס צו ווערן. די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן עפּעס אַ סטאַנציע. איך קוק ארויס, — אַלעס איז מיר פרעמד, ווייט. איך האָב זיך געפילט עלנד, איינזאַם, פאַר־וואָרפן ערגעץ אין דער „שאול תחתיה".

ער האָט מיר נאָך און נאָך דערציילט, אָבער איך וועל עס מאַכן קורץ. ער איז נאָך אָפּגעפאָרן אַ פּאָר טעג ביז ער איז גע־קומען קיין אדעס. מ'האָט אים אָפּגעוואַרט ביי דער סטאַנציע, אַ מיטל יעריגער מאַן און גלייך צוגעגאַנגען צו אים און אים אָנגע־רופן ביים נאָמען. ס'האָט אים שטאַרק געוואונדערט און האָט לכתחלה מורא געהאַט. ער האָט זיך אָבער באַלד דערקונדיגט, אַז איינער אַ באַקאַנטער פון זיין שטעטל, וועלכער איז געווען דער איינ־ציגער וואָס האָט געוואוסט אַז ער פאָרט קיין אדעס, האָט אין דעם זעלבן טאָג אָוועקגעשריבן צו זיינעם אַ פריינט, אים אויסגעמאָלט ווי אַזוי שמאַי קוקט אויס, וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט און אים געבעטן צו באַגעגענען אים אויף דער סטאַנציע. ער האָט שוין אויך געפונען אַ בריוו צו אים פון דעם זעלביקן פריינט. אין בריוו ווערט דערציילט וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן אין שטעטל אין טאָג פון זיין אָפּפאָרן. די מוטער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. זי האָט בשום אופן ניט געקאָנט גלויבן אַז איר שמאַי'לע, זאָל פּלוצלינג אוועק פון דער היים. וואָס איז, ס'האָט אים עפּעס געפעלט. זי האָט אַנדערש ניט געדיינקט אַז נאָר אַן אומגליק האָט פּאַסירט מיט איר שמאַי'ן, אָבער מ'באַהאַלט פון

איר, זי איז אַלע מאָל אריין אין אַ היסטעריקע און געשריען מ'זאָל איר אָפּגעבן איר זון. דער פּאָטער איז ארומגעגאנגען ווי אַ ביי־זער טיגער און מ'האָט צו אים אַ וואָרט ניט געקאנט אויסרעדן. אין שטעטל האָבן זיך פּאַשפּרייט פאַרשידענע מעשיות. אייניקע האָבן אליין „געזען" ווי אַ גלח האָט אים אריינגעפירט אין קלויס־טער זיך שמד'ן; אַנדערע האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן אים „גע־זען" הינטערן שטאָט מיט פּראַקאָפּ'ס שיקסל, וועלכע האָט געהאַט אַ שם אויף צו פאַרנאַרן ישיבה בחורים, און נאָך און נאָך אַ סך זאַכן האָט מען אים געשריבן פון זיין שטעטל...

איבערלייענענדיק דעם בריוו, איז ביי אים פאַרגעקומען „ויחד יתרו", פון איין זייט האָט אים באַנג געטאָן זיין אָרימע מוטער, זיינע פּאָר גוטע פריינט און עס האָט אים ארומגעכאַפּט אַ שטאַרקע בענקשאַפט, פון דער צווייטער זייט האָט אים געפרייט, וואָס ער האָט זיך אָם ענדע ארויסגעריסן פון פינסטערן, פאַנאַטישן קרייז.

דאָס פּלאַץ, וואוהין ער איז פאַרפאָרן — אַנדערש געזאָגט — וואוהין מ'האָט אים אריינגענומען, איז געווען די היים פון אַן אריי־מען ארבעטער, וועלכער האָט מיט גרויסע שוועריגקייטן קוים אַ לעבן געמאַכט. מ'האָט דאָך שמאַי'ן דאָרט אויפגענומען זייער פריינטלאַך, אים געגעבן אַ בעטל אין אַ צימער, וואו די צוויי קינ־דער שלאָפן.

די ערשטע צוויי טעג איז ער ארומגעגאנגען ווי צומישט, די גרויסע שיינע שטאָט האָט אים ווי פאַרכישופט. ער איז ארומ־געגאַנגען מיט שטאַרע אויגן און ניט געוואוסט אויף וואָס פריער צו קוקן. אַ שטאַרקן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט דער „שוואַרצער ים". ער איז געשטאַנען אויפן ברעג פון ים און ניט געקאָנט זיינע אויגן אָפּרייסן פון דער אומענדלאַכער ווייטקייט, וואו הימל און וואַסער באַגעגענען זיך, וואו גיגאַנטע כוואַליעס געבן זיך אַלע מאָל אַ הויב מיט זייערע שוימיקע קעפּ ביז צום הימל הויך, געבן זיך אַ וואָרף צום ברעג, גלייך זיי ווילן אים פאַרשלינ־גען. דיזעלבע כוואַליעס האָבן זיך אָפּגערופן ביי אים אין האַרצן,

וואָס האָט געשטורעמט און געווילדעוועט, ווי עס וויל ארויס־שפּרינגען...

ער האָט זיך לסוף אביסל באַרואיקט און אַ טראַכט געטאָן פון תכלית. ער איז דאָך ניט געקומען פאַר פאַרגעניגן, ער מוז עפּעס אָנפאַנגען. ער האָט זיך דורכגעשמועסט מיטן הער סטאָליאַר און האָט אים געבעטן, אַז ערשטנס זאָל ער אים באַקענען מיט אייניקע עקסטערנעס, צווייטנס זאָל ער אים זען אויסזוכן אַ פּאָר אוראָקן וואו ער זאָל אונטערריכטן העברייאיש, כדי ער זאָל קאָנען פאַר־דינען אַ פּאָר קאָפּיקעס. אים איז נישט אנגענעם צו לעבן אויף יענעמס חשבון, ער איז ניט געקומען אַהערצו צו זיין אַ פּאַראַזיט, צו פאַלן אַ לאַסט אויף יענעם. וויפיל הער סטאָליער האָט אים ניט געגעבן צו פאַרשטיין אַז עס איז בעסער פאַר אים זיך ארומדרייען נאָך אייניגע טעג, זאָל ער באַקומען מער באַקאַנטשאַפט מיט מענ־טשן, — ניין ער איז באַשטאַנען אויף זיינס און אויפן צווייטן טאָג האָט ער שוין געהאַט צוויי אוראָקן, טאַקע ביי פריינט פון הער סטאָליער.

שמאי האָט זיך געפילט גליקלאַך. ער האָט ווי עס איז גע־קראגן אַ פּאָר נויטיקע ביכלאַך און האָט זיך אַ נעם געטאָן צום שטודירן. זיינען אזוי אַ פּאָר חדשים אוועק, פאַר דער צייט האָט ער אויסגעפונען אַז ע סאיז פאַראַן אַ גורקיך „דיעשאָוואיאַ קוכ־ניאַ", וואו מ'קען אָפּעסן פאַר 4־5 קאָפּיקעס. דאָרט אין ביליקן רעסטאָראַן האָט ער זיך באַקאַנט מיט נאָך אַזעלכע ווי ער. ער האָט דאָרט אפילו באַגעגענט איינעם זיינעם אַ לאַנדסמאַן, וועל־כער איז נאָך מיט דריי יאָר צוריק אוועק פון יענעם שטעטל. שמאי געדיינקט יענע צייט, ווען ער אליין איז נאָך געווען אומוויסנד און האָט פאַרדאַמט יענעם בחור וואָס איז ארויס „לתרבות רעה". שמאי האָט זיך שטאַרק דערפרייט, ווען ער האָט אים באַגעגענט. דאָ וועט ער האָבן אַ געלעגנהייט ביי וועמען צו לערנען דערפאַ־רונג. ער האָט זיך אָבער באַלד אין אים אַנטוישט. ער האָט פון

אים אויסגעפונען, אַז ער דרייט זיך דאָ אַרום אַריבער דריי יאָר. ער לערנט און לערנט און האָט נאָך גאָרניט דערגרייכט. ער האָט שוין צוויי מאָל געפּרוּאווט צו האַלטן עקזאַמען אַ 2 קלאַסן גימ־נאַזיע און האָט ניט אויסגעהאַלטן. ער לעבט אין שטענדיקן הונ־גער און נויט; קליידער אָפּגעטראָגענע, אַלטע, שיך — מיט אָפּענע מיילער; אַליין אויסגעצערט, קיין טראָפּן בלוט אין פּנים. ווינ־טער, ווען עס פאַלן אוים די שנייען, פאַרדינט ער נאָך אַ פּאָר קאָ־פּיקעס פון רייניקן דעם שניי. ער האָט אַ פּאָר אוראָקן, וואו ער רעפּעטירט די קינדער און דאָס טראָגט אים קוים צו באַצאָלן יעדע נאַכט פינף קאָפּיקעס צו איבערנעכטיקן אין „פּריאוט". ער האָט שוין חרטה, וואָס ער איז אַוועק פון דער וואַרעמער היים, פון טאַ־טע מאַמע, וואו עס האָט אים גאָרניט געפעלט.

די דאָזיקע דערפאַרונג האָט אים אינגאַנצן צעבראָכן. זיין מוט איז אים געפאַלן. און דאָס איז ניט דער ערשטער, וואָס האָט אים דערציילט אַזאַ שיינע מעשה. ער האָט אין גורקיך זיך באַ־קאַנט מיט פילע אַזעלכע קרבנות. מ'האָט אים אויך דערציילט פון אַ מיידל, אַ טאָכטער פון באַלעבאַטישע עלטערן, וועלכע וואוי־נען אין אַ שטעטל אין שכנות מיט זיין שטעטל. — ער קאָן זיי — די מיידל איז אַוועק לערנען, און ווען זי איז געווען אין גרויס נויט, איז זי אריינגעפאַלן אין דער נעץ פון קאַדעטן, ביז זי האָט זיך גענומען דאָס לעבן.

די אַלע דערציילונגען האָבן אויף שמאַי'ן געמאַכט אַ שרעק־לאַכן איינדרוק. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, צו איז ער טאַקע ניט באַגאַנגען אַ פעלער, אַן אומרעכט קעגן זיך און זיינע עלטערן, וואָס ער האָט פאַרלאָזט זיין היים.

ער האָט אָבער באַלד אַ טראַכט געטאָן צוריק, אַז דאָס איז ניט קיין וועג באַלד צו פאַרלירן דעם מוט נאָך איידער ער האָט אַליין געפּרוּאווט עפּעס צו טאָן.

מאַלע וואָס אַנדערע איז ניט געלונגען און עס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן אויסצומיידן די מכשולים אויף זייער וועג. ער

האָט אָבער אויך געהערט פון די פילע, וועלכע האָבן דורכגעבראכן די „כינעזישע" וואַנט און זיי האָבן יאָ דערגרייכט צום ציל. ער מוז זיי געפינען און ביי זיי נעמען אויסקינפטע. ער האָט באַשלאָסן דערוויל זיך נעמען פליסיקער צום לערנען און אין דער זעלבער צייט זוכן אָט יענע גליקלאַכע, וועלכע האָבן דערגרייכט דעם „פּאַרנאַס".

„יגעתי ומצאתי תאמין", אַז מ'זוכט געפינט מען. ער האָט געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך געפּלאָגט אַ צוויי־דריי יאָר און איצט זיינען אייניקע פון זיי פאַרמאַצעפטן, אַנדערע — טאָקע דאָקטוירים. פאַרוואָס־זשע זאָל ער דיינקען, אַז ער וועט זיין איינער פון יענע אומגליקלאַכע, עס קאָן דאָך אויך זיין פאַרקערט, אַז ער זאָל זיין גראַד פון די גליקלאַכערע. ער האָט געפילט אין זיך, אַז פייאיגקייטן האָט ער גוטע, ענערגיע און ווילנסקראַפט האָט ער גענוג, אויסדויער און געדולד — אין איבערפלוס. דאָס זיינען די הויפּט מעלות, וואָס קאָנען אַרויסשלעפּן פון אַלע צרות. אָט די אַלע געדאַנקען האָבן אויף אים געווירקט צו גוטן. ער האָט זיך מיט פליים אַריינגעוואָרפן אין שטודירן.

נאָך אייניגע מאָנאַטן זיינען אַוועק. ער האָט זיך בּיסלאַכווייז צוגעוואוינט צו דעם אַדעסער לעבן — איך מיין דאָס לעבן פון די עקסטערנען אין אַדעס. ער האָט זיך באַנוגנט מיטן ווענינגסטן און האָט געלערנט און האָט פאַרגעסן אין הונגער און אין נויט.

פאַר דער צייט האָט ער באַקומען אַ בריוו פון זיינעם אַ פעטער, וועלכער האָט אים שטאַרק אויסגעמוסרט, וואָס ער איז אַראָפּ פונם דרך הישר און האָט עובר געווען אויף „כבוד אב ואם". ער האָט אים דאָך, כלומרשט נישט וויסנדיק אין דעם בריוו אַריינגעלייגט אַ פאָר רובל. שמאי'ן האָט זייער ווי געטאָן פאַר זיינע נאָענטע, ווען ער האָט אַזוי פיל שלעכט געטאָן מיט זיין אָפּפאָרן. ער האָט אָבער אַ טראַכט געטאָן פון זיין ציל און האָט געפּרוּווט

צו דערשטיקן אין זיך דעם רחמנות געפיל, און טאקע צוליב דעם, האָט ער זיך נאָך שטאַרקער פאַרטיפט אין לערנען.

זיין פּלאַן איז געווען, צו ערשט דורכצומאַכן אַ קורס פון 4 קלאַסן גימנאַזיע, וואָס דאָס וועט אים געבן דאָס רעכט צו אַרבעטן אין אַן אַפּטייק אַלס פאַרמאַציסט, וועט ער דערווייל אַביסל קענען פאַרבעסערן זיין קלעגלאַכן מצב און דערנאָך וועט ער ווייטער לערנען. דאָס האָט זיך אים געצייגט גאַנץ פּשוט און גאָר ניט שווער. ער האָט אָבער באַלד ארויסגעזען זיין גרויסן טעות. ער דאַרף דאָך קאָנען לאַטיין, גריכיש, ווי אויך העכערע מאַטעמאַטיק. און דערצו — ווי ער האָט זיך דערנאָך איבערצייגט קאָן מען אָן אַ לערער גאָרניט טאָן.

אַלע די, וועלכע האָבן עפּעס דערגרייכט — האָט ער אויסגעפונען — האָט זיי ניט איין לערער, נאָר עטלאַכע לערער ארויסגעהאָלפן. די לערער זיינען טאַקע אַליין געווען סטודענטן פון אוניווערזיטעט. דערצו מוז מען אָבער האָבן געלט, קיין אומזיסטע לערער קריגט מען ניט. ער האָט זיך אָבער דערפאַר אויך ניט איבענעשראָקן. — געלט איז ניט אַלעס — האָט ער גע׳טענה׳ט. ס׳דאַרף זיך נאָר אים איינגעבן צו באַקענען זיך נענטער מיט אַ פּאָר סטודענטן, ער וועט שוין ביי זיי פּועלן אַז זיי זאָלן אים לערנען אומזיסט.

סטודענטן? אַ קליינינקייט! — האָט ער געטראַכט — זיי זיינען דאָך דאָס העכסטע פון דער מענטשהייט. זיי זיינען דאָך די זיילן פון טעמפּל אַפּאַלאָ. זיי וועלן אים זיכער ראַטעווען. ווער דען, אויב ניט זיי. קיינער וועט אים אַזוי ניט פאַרשטיין אַזוי ווי די סטודענטן. אָבער ווי אַזוי קומט מען צו זיי? ווי געפינט מען אַ מעגלאַכקייט זיך באַקענען מיט זיי? ער האָט געטראַכט און געטראַכט און האָט פאַרטראַכט אַ גוטן פּלאַן.

ווען ער שפּאַצירט אויפן ניקאָלאַיעווסקי בולוואַר, זעט ער דאָרט אָפט זיצן גרופּעס סטודענטן און שמועסן צווישן זיך. ער וועט פּשוט צוגיין צו אַזאַ גרופּע סטודענטן און וועט פאַר זיי דער־

ציילן ווער ער איז, וואָס ער וויל און זיי וועלן אים זיכער ניט אָפּ־זאָגן. באַשלאָסן און געטאָן.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט, איז ער אומיסטן געגאַנגען אין ני־קאָלאַיעווסקי בולוואַר אויסצופירן זיין באַשלוס. אָבער טראַכטן איז איין זאַך און דערפילן איז גאָר אַן אַנדער זאַך...

ער קומט אין בולוואַר און באַמערקט טאַקע אין אַ טונקעלן פּאַרוואָקסענעם ווינקל זיצן אַ גרופּע סטודענטן און פירן אַ לעב־האַפטן שמועס. ער נעמט זיך אָן מיט מוט און וויל צוגיין צו זיי, אָבער פּלוצים פאַרלירט ער זיך אינגאַנצן, זיין האַרץ הויבט אים אָן שטאַרק צו קלאַפּן און קאַן בשום אופן צו זיי ניט צוגיין. ער האָט פאַרגעסן אינגאַנצן וואָס ער וויל זיי זאָגן. ניין, ער וועט גיין אַן אַנדערש מאָל — טראַכט ער זיך — און וויל שוין אַוועקגיין, אַז איינער פון די סטודענטן הויבט זיך אויף פון זיין פּלאַץ, לויפט צו צו אים, כאַפּט אים אָן פאַרן קאַרק און שלעפּט אים צו צו די אַנדערע סטודענטן.

— אַזוי — רופט זיך אָן איינער — אַ קאַרמאַנשטשיק! — גיב אים עטלאַכע גוטע סטוסאַקעס, זאָל ער געדיינקען, דער אַפּע־ריסט, ווי אַזוי צו גיין גנבענען ביי סטודענטן. און מ'האָט אין אים אַריינגעוואָרפן קלעפּ ביז ער איז געפאַלן אַן אומעכטיקער אויפן גראָז. איינער האָט אפילו געראָטן אים איבערגעבן צו דער פּאָליציי.

— מ'דאַרף ניט — האָט אַנאַנדערער געענטפערט — ער האָט שוין זיינס באַקומען. ער וועט שוין פאַרזאָגן דאָס צענטע צו גיין צו סטודענטן גנב'ענען. אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן און אַוועק־געגאַנגען.

— איך בין געבליבן ליגן — דערציילט שמאי פון זיך — אַ דערנידעריקטער, אַ צו'הרגעטער. איך האָב מיך קוים אויפגע־הויבן און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ פון חרפּה און שאַנדע, האָב איך זיך קוים קוים דערשלעפּט אַהיים. אויף אַזאַ „ברוך הבא" האָב איך זיך ניט געריכט. איך האָב מיך ווי עס איז אומבאַ־

מערקט אריינגע׳גנבעט אין מיין צימער און זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיין בעטל. אַ ים מיט טרערן האָבן ווי אַ מבול געגעבן אַ פלאָם ארויס פון מיינע אויגן. אלע אברים האָבן געציטערט ; דער שארבן גלייך ווי ער וויל פון קאָפּ ארונטער. איך האָב געמיינט אַז דאָס איז מיין גסיסה, דאָס איז אַ פּאָר מינוטן פאַר מיין טויט. און מערקווירדיק : דער געדאנק האָט מיך אביסל בארואיקט. דאָס וועט מיך ראַטעווען פון מיין אומדערטרעגלאכער שאַנדע.

איך האָב אומווילּיק אַ שטאַרקן קרעכץ געטאָן. די באַלע־באָסטע האָט אין צווייטן צימער דאָס דערהערט, זי איז אריינגע־קומען מיט אַ ליכט אין דער האַנט.

— וואָס איז אייך, שמאי ? — האָט זי דערשראָקן געפרעגט.

איך האָב ניט געקאָנט ענטפערן. איך האָב געציטערט און געשלוכצט.

— גאָט איז מיט אייך, וואָס האָט מיט אייך פּאַסירט ? מאָי־סיי, קום נאָר שנעלער אריין — גיט זי אַ געשריי צו איר מאַן.

מאָיסיי קומט אריין, ער נעמט אָן מיין קאָפּ און דערשרעקט זיך. מיין פּנים איז געווען פול אין בלוט. איך וויל עפּעס רעדן און הויב אָן צו שלוכצן.

— וואָס האָט פּאַסירט מיט אייך, שמאי ? — פרעגט ער מיך

— וואו האָט איר זיך אזוי צושלאָגן ? ליזא, ברייגג שנעל אַ האַנ־טוך מיט וואַסער.

זיי האָבן מיך באַוואַשן, צוגעלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן און איך האָב אלץ געהאַלטן אין איין ציטערן און שלוכצען.

— כוליגאַנעס האָבן אים געקערט באַפּאַלן — האָט זיך אָנ־גערופן ליזא.

— יא, יא ! — האָב איך ארויסגעשטאַמעלט — כוליגאַנעס.

— זעסט — רופט זיך אָן ליזע — איך האָב געטראָפן.

— לאָז אים איצט צורו — רופט זיך אָן מאָיסיי — גיי ברייגג אַ גלאָז וואַרעמע מילך, איך׳ל אים דאָ איינאָרדענען אין בעטל, זאָל ער איבערשלאָפן, וועט אים לייכטער ווערן.

— וואו טוט איך ווי? — וועגדעט ער זיך צו מיר.

— ס'איז גארניט — ענטפער איך און שלוכץ.

איך האָב אויסגעטרונקען אַ גלאָז מילך. מאָיסיי האָט מיר געהאָלפן זיך אויסטאָן, מיך איינגעדעקט און בין איינגעשלאָפן.

ער האָט ווידער דערציילט, ווי די חלומות האָבן אים אַ גאַנצע נאַכט געמוטשעט, זיי האָבן מיט אים געשליידערט אזוי ווי מיט אַ פּילקע פון איין פּאַסירונג צו דער צווייטער, ביז ער איז פאַרטאָג רואיק איינגעשלאָפן.

אין דער פרי האָט ער געהאַט אַן ארבעט אויסצוטראַכטן עפּעס אַ מעשה. ער האָט זיך געשעמט צו דערציילן אַז די סטודענטן, זיינע הייליקע האָבן עס אים אזוי געשענדעט, אזוי דערנידעריקט. אָט אָ די זין פון אַפּאַלאַ האָבן זיך ארויסגעוויזן פאַר די ערגסטע כוליגאַנעס. ער האָט אָבער זיך געשעמט דאָס צו דערציילן און האָט אויסגעטראַכט עפּעס אַ מעשה מיט צוויי כוליגאַנעס־קאַצאַפּעס, וואָס האָבן אים באַגעגנט ערגיץ אין אַ הינטער־געסל, זיינען אויף אים אָנגעפאַלן, צושלאָגן און שיער נישט דער'הרג'עט. זיי האָבן ניט געהאַט קיין אורזאַכע אים ניט צו גלויבן און האָבן אויסגעדריקט זייער מיטגעפיל מיט אים. זיי האָבן אים נישט געלאָזט ארויס פון הויז עטלאַכע טעג, ביז ער זאָל זיך אינגאַנצן דערהאָלן.

ליגענדיק רואיק אין דער היים, האָט ער געהאַט צייט צו טראַכטן. פאַרוואָס זיינען זיי אויף אים אָנגעפאַלן? דאָס וואָס זיי האָבן אים אָנגערופן קאַרמאַנשטשיק? אפשר, אפשר זיינען זיי גערעכט געווען? מעגלאַך אַז ער האָט זיי געגעבן אַ געלעגנהייט, זיי זאָלן אים אָננעמען פאַר אַ גנב. ער דערמאָנט זיך, ווי ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה: צוצוגיין צו זיי, צי ניין? אָנגעקומען איז ער צו זיי פון דער זייט, און ווען איינער פון זיי האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער זיך פאַרשעמט און אָפּגעטראָגן.

אפשר, אפשר האָבן זיי טאַקע געמיינט אַז ער איז אַ גנב. נו, אַז אפילו זיי האָבן געמיינט, זיכער זיינען זיי דאָך ניט געווען, פאַר וואָס האָבן זיי אים ניט אויסגעפרעגט וואָס ער טוט דאָ? זיי האָבן דאָך טאַקע געהאַנדעלט ווי כוליגאַנעס. אָט אַזעלכע געדאַנקען האָבן זיך געדרייט און געפלאָנטערט אין זיין קאָפּ. זיי האָבן אים אָבער בארואיקט. די האָפענונג האָט ער נאָך ניט פאַרלוירן.

אַ געדאַנק איז אים ארייַנגעפאַלן, אַ געניאַלער געדאַנק. ער האָט באַשלאָסן צו בעטן דעם מאַן, ביי וועלכן ער האָט געוואוינט, אויסצוגעפינען אַן אדרעס פון אַ אידישן סטודענט — פאַרוואָס גראַד אַ אידישן, האָט ער זיך ניט געקענט אָפּגעבן קיין רעכענונג. עס האָט זיך אים עפּעס ניט געגלויבט אַז צווישן יענע חברה זאָל זיך געפינען אַ איד. יאַ — דעם אדרעס פון אַ אידישן סטודענט און דאַן? יאַ, ער ווייסט שוין וואָס ער וועט טאָן. ער וועט דער־וויַיל קיינעם גאָר ניט זאָגן ביז ער וועט פאַרווירקלאַכן וואָס ער האָט פאַרטראַכט...

מאיסיי האָט אים צוליב געטאָן און פאַר אים אויסגעפונען אַן אדרעס פון אַ אידישן סטודענט ג. שמאי האָט צו אים אָנגע־שריבן אַ לאַנגן בריוו. ער האָט זיין גאַנצע נשמה, זיין גאַנץ האַרץ אויסגעגאָסן אין דעם בריוו. ער האָט אַלעס פּינקטלאַך באַשריבן. ער האָט געשילדערט מיט וואָס פאַר אַ אויגן ער האָט געקוקט אויף סטודענטן, ער האָט זיי אַלע מאָל אין האַרצן פאַרגעטערט, פאַר־הייליקט. ער האָט געקוקט אויף זיי ווי מלאכים. צום סוף זיינען זיי מיט אים זיך באַגאַנגען אַזוי אונפאַרשעמט, אַזוי ברוטאַל. און דאָ האָט ער געשילדערט די גאַנצע פּאַסירונג וואָס ס'האָט מיט אים געטראָפן. צום שלום האָט ער אויסגעדריקט די האָפענונג אַז הער ג. וועט עפּעס טאָן פאַר אים, אים העלפן פאַרטזעצן זיין שטו־דירן, צוליב וואָס ער האָט מקריב געווען מיט אַלעם וואָס איז אים נאָענט און טייער.

ער האָט דעם בריוו אָוועקגעשיקט און געוואַרט אויף אַן ענט־פער. אין אַ וואָך ארום באַקומט ער אַ קליין בריוועלע פונם סטו־

דענט ג., וואו ער ווערט איינגעלאַדן צו קומען צו אים דעם און דעם דאַטום.

דאָס האָט אים אינגאַנצן אויפגעמונטערט. ס'האָט אויף אים געווירקט, ווי אַ טייערער באַלזאַם. דאָס האַרץ האָט אים עפּעס ווי אונטערגעזאָגט, אַז דאָ וועט עפּעס געשען אויסערגעוויינלאַכעס. אַ גאַנצע וואָך דאַרף ער נאָך וואַרטן — דאָס איז פאַר אים צו פיל: יעדער טאָג — אַ יאָר. ער האָט געפילט אַז דאָ דאַרף באַשטימט ווערן זיין שיקזאַל, זיין צוקונפט, זיין גאַנצער קומענדיקער לעבן.

ער האָט פּשוט קיין געדולד ניט געהאַט צו וואַרטן אַזוי פיל. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי פאַרשיכורט. אין הויז האָבן זיי באַמערקט אין אים אָט די גאַנצע ענדערונג, ווי ער איז מיט אַמאָל פריילאַך געוואָרן. ער עסט מיט מער אַפּעטיט, ער האָט גאָר באַקומען לשון. פריער פלעגט מען ביי אים זעלטן אַרויסקריגן אַ וואָרט, אָבער איצט האָט ער גאָר אָנגעהויבן צו שיטן מיט ווערטלאַך, וויצן, לידעלאַך אונטערגעזונגען. זיי האָבן געוואוסט אַז אַ סטודענט האָט אים איינגעלאַדן צו זיך. נו, איז וואָס? ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פּוצן, זיך פאַרזאַמען ביים שפּיגל — גאָר ניט דער שמאַי... זיי האָבן אים חושד געווען, אַז ער איז אפשר געפאַנגען געוואָרן אין אַ נעץ פון אַ מיידל — אַ קשיה אויף אַדעם! זיי פלעגן פאַרטשעפּען מיט אים אַ שמועס, אים געגעבן אָנצוהערן אין וואָס זיי זיינען אים חושד, זיי האָבן אָבער פון אים גאָרניט געקענט אַרויסקריגן. ער האָט זיי פּשוט ניט פאַרשטאַנען, וואָס זיי ווילן פון אים.

דער גליקלאַכער טאָג איז אַם ענדע געקומען.

שמאַי, אַן אויסגעפּוצטער, אַ פריילאַכער, שטייט שוין לעבן סטודענטנ ג-ס הויז און וויל ציען דאָס גלעקל. אָבער פּלוצלינג פאַרלירט ער ווידער דעם מוט, זיין האַנט ציטערט, דאָס האַרץ — ווי מיט אַ האַמער: טיק-טיאַק... ער האָט שוין געוואָלט צוריקגיין, ווי זיין האַנט האָט עפּעס אינסטינקטיוו אַ צי געטאָן דאָס גלעקל. פאַרפאַלן, ער מוז שוין וואַרטן. און טאַקע באַלד האָט

זיך די טיר געעפנט, אַ סטודענט האָט זיך באַוויזן און אַ זאָג גע־טאָן: דאָס זיינט איר הער ב־סקי?

— יאָ — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

דער סטודענט האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און אַריינ־געפירט אין הויז אַריין. אַרום אַ רונדן טיש זיינען געזעסן אַ צען סטודענטן און האָבן מיט נייגעריקע בליקן געקוקט אויף דעם גאַסט. שמאַי'ס אויגן האָבן געבלאַנדזשעט אַרויף און אַראָפּ. ס'האָט זיך אים דערמאָנט די גאַנצע סצענע אין פּאַרק און האָט אַ ציטער געטאָן.

— זיינען זיי ניט דיזעלבע סטודענטן? — האָט אים אַ שלאָג געטאָן אַ געדאַנק.

הער ג־ג האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר אַלע סטודענטן, האָט אים אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול לעבן זיך און האָט דערקלערט אַז ער וויל פאָרלייענען אַ בריוועלע, וואָס אָט דער הער ב. האָט אים צוגעשיקט.

דער סטודענט גרינבערג האָט גענומען לייענען. אַלע האָבן אויפמערקזאַם געהערט. די ערשטע טייל פון בריוו האָט זיי פּשוט פאַראינטערעסירט מיטן שיינעם סטיל, מיט דעם האַרציקן נשמה־אויסגוס. ס'האָט ביי אייניקע פון זיי אַרויסגערופן טרערן. ווען הער ג. האָט אָבער אָנגעהויבן לייענען דעם צווייטן טייל פון בריוו, די פּאַסירונג אין פּאַרק, זיינען זיי בלאַס געוואָרן און האָבן ניט געקאָנט קוקן איינס צום אַנדערן. איינער האָט ניט געקענט איינ־זיצן. ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַרויס אין צווייטן צימער.

שמאַי האָט אָנגעהויבן זיך אָנצושטויסן, אַז דער סטודענט ג. האָט דאָס אומיסטן אַזוי אָרגאַניזירט. ער האָט צונויפגעזוכט יע־נע סטודענטן און זיי אַהער געבראַכט צו הערן זייער אייגענע שאַנ־דע. ער האָט אָנגעהויבן אויף זיי רחמנות האָבן, וואָס דורך אים ליידן זיי אַזוי פיל.

הער ג. האָט פאָרטגעזעצט צו לייענען דעם לאַנגן בריוו. — זאָלן זיי אויסטרינקען זייער מעדיצין ביזן לעצטן טראָפּן.

ער האָט געענדיקט דאָס לייענען. אַ טויטע שטילקייט האָט

אויף אַ ווײַלע באַהערשט די גאַנצע געזעלשאַפט.

איינער פון די סטודענטן האָט געבראָכן די שטילקייט און האָט זיך אָנגערופן: אַ מערקווירדיגע פּאַסירונג! כאָטש איך בין ניט געווען דערביי, דאָך פיל איך מיך שולדיק פאַר מיינע חברים. ווי ריכטיק דאָס וואָרט איז: „בעסער ניין שולדיקע באַפרייען איידער איין אומשולדיקן צו פאַרמשפּטן".

די אַנדערע סטודענטן האָבן אויך געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דער סטודענט ג. האָט זיי אָפּגעשטעלט מיט די ווערטער:

די זאַך האָט שוין פּאַסירט און מיט קיין אַנטשולדיקונגען קאָנט איר גאָר ניט מאַכן. דאָס וועט נאָר זיין אַ גוטער אוראָק אויף שפּעטער. לאָמיר בעסער אַ טראַכט טאָן, וואָס מיר קאָנען איצט טאָן פאַר אונזער „לאַמאַנאַסאָוו"? ווי איר זעט, האָט ער אַוועקגעוואָרפן זיין היים, זיינע עלטערן, אַלע זיינע, וואָס זיינען אים ליב און טייער, זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ פרעמדער שטאָט, וואו ער איז עלנד און איינזאַם, וואו ער איז אויסגעזעצט צו אַלערליי געפאַרן און אַלץ צוליב דעם לערנען. לאָמיר זען, וואָס קאָנען מיר טאָן אים לייכטער מאַכן דאָס שטודירן? איך נעם אויף זיך צו לערנען מיט אים געשיכטע. — און איך — האָט זיך איינער אויפגעשטעלט — וועל אים לערנען לאַטיין.

— און איך, גריכיש — האָט זיך נאָך איינער אָפּגערופן.

— און איך — מאַטעמאַטיק. — — — — —

דער שלום איז געווען, אַז אין דעם טאָג איז פאַרזיגלט געוואָרן זיין צוקונפט.

ער איז נאָך דעם פאַל געווען ביי אונז אויף קוואַרטיר. ער האָט אין אַ קורצער צייט אויסגעהאַלטן עקזאַמען אויף פיר קלאַסן גימנאַזיע, שפּעטער מיט זעקס מאָנאַטן — האָט ער אויסגעהאַלטן עקזאַמען אויף נאָך צוויי קלאַסן גימנאַזיע, נאָכדעם האָט מען אים גערופן אַהיים צו שטעלן זיך צום פּריזיוו און פון דעמאָלט אָן האָבן מיר מער פון אים ניט געהערט...

לעגענדעס פון מיטלעלטער

די גאָלדענע עפּאָכע

ווי א פּרוכטבארער בליענדיקער אָאזיס איז דאס אראבישע שפּאניע געווען אין משך פון א 300 יאָר. דאָס איז געווען אן ערך פון דער העלפט פון 9טן יאָרהונדערט ביז דער העלפט פון 12טן יאָרהונדערט.

רואיק און שלום האָבן די אידן דעמאָלט געלעבט אין שפּאניע אונטער דער הערשאפט פון די כאליפן. די אידן און די אראבער, וועלכע זענען געווען קרובים נאָך זייער שפּראך, האָבן זיך פאראייניגט אויפן פעלד פון וויסן און קונסט, און דאָס האָט טאקע געבראכט אזעלכע פּרוכטבארע רעזולטאטן, וואָס האָט בייגעשטייערט כמעט די בעסטע זייטלאך אין דער געשיכטע פון דער מענטשלאכער קולטור.

דאס געלערנטע שפּאניען האָט פון זיך ארויסגעגעבן אראבער און אידן וועמעס מעכטיקע ווערטער האָבן געקלונגען ווי פון נביאים און מיט וועמעס געדאנקען און אנשויאונגען עס האָבן זיך באנוצט פיל דורות פון געלערנטע און פילאָסאָפן.

ניט לאנג האָט אָבער געדויערט אָט דער גליקלאכער בליענדיקער פעריאָד. אינמיטן פון 12טן יאָרהונדערט האָבן זיך די פאנאטישע אלמאהאדן ווי א שרעקלאכער שטורם דורכגעטראָגן דורך יענע לענדער און מיט א שווערט אין דער האנט האָבן זיי געסטראשעט: אָדער דעם אלקאָראן אָדער דעם טויט. און טויט און פארוויסטונג האָבן זיי נאָך זיך איבערגעלאָזט אויף זייער וועג. די

פינסטערע עפּאָכע פון מיטלאַלטער האָט זיך אָנגעפאַנגען, די עפּאָ־כע, וואָס איז אַזוי רייך מיט בלוט און פייער.

רמבם

אָבער טאַקע שוין צום סוף פון אָט דעם בליענדיקן פּעריאָד איז אַ שיינענדיקער שטערן אויפגעגאַנגען אויפן שפּאַנישן הימל, וואָס האָט באַשיינט די גאַנצע וועלט. דאָס איז רבי משה בן מיימון, אָדער ווי מ'רופט אים פאַרקורצט: רמבם. ער איז באמת געווען פון די זעלטענע שטערן, וואָס באַווייזן זיך אויפן מענטשלאַכן הימל איין מאָל אין טויזנט יאָר. מיט רעכט האָבן זיינע צייט גענאָסן באַ־שטימט אַז „פון משה בן עמדם ביז משה בן מיימון איז אַזא משה ניט געווען". אַלץ, אַלץ וואָס האָט נאָר פאַרמאָגט יעדער געניע באַ־זונדער, האָט זיך קאָנצענטרירט אין משה בן מיימון. ער איז געווען אַ פילאָסאָף, אַ מאַטעמאַטיקער, אַ באַרימטער דאָקטאָר, אַ שפּראַכן קענער און נאָך און נאָך. ניט אומזיסט איז געשאַפן געוואָרן אַרום אים אַזוי פיל פאַנטאַסטישע לעגענדעס. נאָר די גריכן זיינען געווען פייאיק אַרומוועבן זייערע העלדן מיט אַזעלכע רייכע פאַנטאַסטישע מעשהלאַך, ווי עס ווערט דערציילט פון דעם רמבם.

משה בן מיימון איז געבוירן געוואָרן אין קאָרדאָווע אין אַפּריל 1135. זיין פאָטער, מיימון בן יוסף האָט געשטאַמט פון אַ זייער פאַרנעמער, געלערנטער פאַמיליע, וועלכע האָט געציילט איר יחוס נאָך פון רב יהודה הנשיא און נאָך ווייטער ביז דוד המלך.

מיימון בן יוסף איז אַליין אויך געווען אַ גרויסער געלערנטער. ער קומט פון דער באַרימטער ישיבה פון דעם גרויסן תלמודיסט יוסף אבן מינש. ער איז אויך געווען דער דיין אין קאָרדאָווע. ער האָט אָנגעשריבן איינציגע וויכטיגע ספרים איבער תלמוד אין העב־רייאיש און אין אַראַביש. אָבער ניט נאָר אויף דעם געביט פון תלמוד איז ער געווען גרויס. ער איז באַזעסן אויך אַלע אַנדערע וויסנשאַפטן, מיט וועלכע יענע צייט האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט אין דער געשיכטע פון שפּאַניען. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן

אז ביי אזא פרישן לעבעדיקן קוואל האט פאר זיין זון משה באדארפט זיין זייער גרינג צו שטילן זיין דורשט נאך וויסן. די לעגענדעס אבער וואס דרייען זיך ארום זיין ערשטער קינדהייט שילדערן זיינע קינדער יארן אויף גאר אן אנדער אופן. אט וואס איין לעגענדע דערציילט:

זיין פאטער יוסף בן מיימון האט געלעבט א לאנגע צייט אלס — אלמן. זיין ערשטע פרוי האט אים איבערגעלאזט 2 קינדער. ער האט ניט געדענקט מער חתונה צו האבן. איינמאל חלומט זיך אים ווי א מלאך באווייזט זיך צו אים און באפעלט אים צו גיין אין א פלאץ ניט ווייט פון קארדאווע און חתונה האבן מיט דער טאכטער פון א פשוטן קצב. ער האט געפאלגט דעם באפעל פון דעם חלום.

אין א קורצער צייט האט אים זיין צווייטע פרוי געבוירן א זון, טאקע אט דעם משהן. ביים געבורט איז זיין מוטער געשטארבן.

משה (דערציילט די לעגענדע) איז אבער ניט געוואקסן ווי זיין פאטער האט געוואלט. ער האט ניט געוואלט לערנען און האט זיך ארויסגעוויזן אינגאנצן אומפייאיק עפעס אויפצונעמען. אלע באַמיאונגען פון זיין פאטער אים כאטש עפעס אויסצולערנען איז געַוועז ארויסגעווארפן — ווי אן ארבעס אין דער וואנט. דאס האט זייער געערגערט און געקריינקט זיין פאטער.

איינמאל האט דער פאטער אים גוט אויסגעזידלט און האט אים געזאגט, אז ער איז ווי עס שיינט געבוירן געווארן נאר פאר נידעריקע און מיאוסע זאכן פון לעבן, עס איז אים פשוט א חרפה און בושה צו האבן אזא קינד ביי זיך אין הויז. משה האט זיך געַפילט שטארק געטראפן און באליידיגט. נאך דעם טאג האט ער פארלאזט זיין טאטנס הויז. מיט א שרעקלאכן וויטאג איז ער אוועקגעגאנגען, אליין ניט וויסנדיג וואוהין.

ער האט ארומגעבלאנדזשעט א גאנצן טאג ווי א משוגענער, אהיים האט ער אבער ניט געוואלט קומען. ער האט געפילט אז זיין טאטע איז גערעכט. אבער וואס טוט מען? ער האט ניט געוואוסט ווי צו ענטפערן אויף דער פראגע. דערווייל איז געווארן נאכט. א

הונגעריקער און א דערשלאָגענער האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אויפן גראָז און איז אַנטשלאָפן געוואָרן. דער שלאָף האָט אים אָבער אויך קיין רו ניט געבראַכט: פאַרשידענע שלעכטע חלומות האָבן זיך אים די גאַנצע נאַכט געפּלאָנטערט. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז די זון שוין געווען הויך אין הימל. דאָס גאַנצע פעלד ארום אים איז געווען איינגעטונקען אין זונענשיין. ער האָט זיך דערפילט שטאַרק דערפרישט, ווי ניי געבוירן. עפּעס ווי ער איז גאר אן אַנ־דער מענטש געוואָרן. א מאָדנער געפיל האָט אים ארומגעכאַפּט, א געפיל פון שטאַרקן חשק צום לערנען.

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי זיין טאַטע פלעגט אָפט רעדן פון איינעם א גרויסן מענטשן: רבי יוסף אבן מיגאש, ער פלעגט דער־ציילן פון זיינע גרויסע מעלות, ווי אזוי ער איז מקרב יעדן איינעם וואָס וויל לערנען. ער האָט פעסט באַשלאָסן צו גיין צו אָט דעם גרויסן מענטשן. ער וועט פאַלן פאַר זיינע פיס, ער וועט פאַר אים טאָן אַלע שווערע ארבעטן אַבי ער זאָל אים לערנען תורה. א היים וועט ער נאר דעמאָלט קומען ווען ער וועט שוין ניט זיין א בזיון, אן אומכבוד פאַר זיינע עלטערן.

ער האָט זיין באַשלוס פּינקטלאך אויסגעפירט. אין א 5 יאָר ארום איז ער געקומען אַהיים צוריק קיין קארדאווע. אָבער ניט צו זיין פאָטער איז ער געקומען, נאָר אין א בית המדרש צו האַלטן א דרשה איבער א זייער וויכטיקן ענין.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען איבער דער גאַנצער שטאָט גע־שמועסט פון דעם וואונדערבארן יונגן מאַן, ווי אזוי מיט זיין שאַרפן פאַרשטאַנד, מיט זיין טיפן וויסן אין תלמוד האָט ער איבערראַשט די געלערנטסטע פון יענם בית המדרש.

די ווערטער האָבן דערגרייכט צו דעם דיין פון שטאָט, רב מיי־מון, משה'ס פאָטער. ער האָט אים איינגעלאַדן צו האַלטן א דרשה פאַר זיינע תלמידים אין זיין ישיבה.

מ'קען זיך לייכט פאָרשטעלן, ווי ער איז איבערראַשט געוואָרן ווען ער האָט אין דעם וואונדערבארן רעדנער דערקאָנט זיין אייגע־

נעם זון, וועלכן ער האָט מיט אייניקע יאָר צוריק כמעט ווי ארויס־געטריבן. צו דער פרייד פון דעם טאַטן איז גאָר קיין גרענעץ ניט געווען. ער האָט אים געדריקט צו זיין הארצן, ער האָט אים גע־קושט און געהאלדזט און אליין ניט געוואוסט וואָס מיט אים צו טאָן.

דאס מעסער דערלאַנגט ניט זיין ברוסט

נאכמיטיק. די קארדאוואר גליענדיקע זון ווארפט א שווערע פוילקייט אויף אלעם און אלעמען.

דער כאליף ראשיד אל כאכאם ליגט אויף זיין זייד ווייכן די־וואן און רוט. א שווערן שלאָף געהאט, זיינע אויגן קוקן גלייכגיל־טיק אָף אלע טייערע רייכע חפצים וואָס געפינען זיך דאָ אין צימער. זיי אימפּאָנירן אים מער ניט. ניט די פילפארביגע טעפּיכן, גע־שטריקט פון די פּערסישע יונגע פרויען, ניט די רייכע וואנט בילדער געמאָלן פון דעם רוימער טשערא טשילין אליין.. ער באטראכט די אלע רייך גלאנציקע זאכן ווי מיט עפּעס א געפיל פון כמעט עקל.

פלוצלונג בייט זיך זיין אויסדרוק: זיינע אויגן שטעלן זיך אָפּ אויף עפּעס א געגנשטאנד, וואָס ליגט אויפן טיש. ער גיט האסטיק א שפּרונג אויף, א לויף צום טיש און כאפּט א שיין־געשריבענעם מאַנוסקריפּט מיט אן אויפשריפט: „משה בן מיימון". ער קוקט אויפן מאַנוסקריפּט און זיינע אויגן גלאנצן פון פרייד. לסוף שרייט ער מיט באַגייסטערונג אויס:

— אָ, משה, דו וואונדער־מענטש! ביסטו א מלאך, געשיקט פון די הימלען צו אנטפּלעקן צו אונז, מענטשן, די סודות פון לעבן און אייביקייט? סאַראַ טיפע וויסנשאפט! דער דאָזיקער מאַנו־סקריפּט איז זיכער דער גאָלדענער שליסל צו די טויערן פון א נייער וועלט, וועלכע איז בלי ספק נאָך פארבאָרגן אין דער צוקונפט, אָבער וועמעס אויפגאנג עס רויטלט זיך שוין אינם האָריזאָנט! יאָ, דער משה איז אן אמתער נביא, א וואונדערלאכער דאָקטאָר, וועלכער

היילט געשיקט און איינפאך יעדע אינעווייניקסטע און אויסנוויי־ניקסטע קראנקהייט, א גייסטרייכער מענטש און א געבענטשטער פון גאט.

רעדנדיק אזוי, איז דער כאליף אויפגעשטאנען פונם דיוואן, אנגעגעקלונען צום דינער, זיך אנגעטאן און זיך פארנומען צום אויי־דיענץ־זאל, וואו ער נעמט אויף די מער באדייטענד־פארנעמע באַ־זוכער: ארטיסטן, געלערנטע, פאעטן און ד. ג. א גרויסע צאל זיינען שוין דארט געווען פארזאמלט און דער כאליף האט זיך מיט זיי פריינטלאך געגריסט.

— איז מיימון דא ניטא? — האט ער געפרעגט, ווארפנדיק זיינע בליקן איבער די פארזאמעלטע.

— ניין, אייער מאיעסטעט, — ענטפערט איינער פון זיינע הויפליים. — מיימון דענקט, ער האט בילכערעס צו טאן, ווי ארומ־צוטאנצן ארום זיין פרינץ.

— וואס מיינסטו? — זאגט דער כאליף אומצופרידן — קאנסטו קיינמאל ניט דערמאנען מיימונען אן עפעס א באמערקונג פון קנאה? האב איך ניט וויפיל מאל אפן דערקלערט, אז איך שעץ הויך דעם מאן, — יא, איך האב אים ליב! מיך קימערט קיינמאל ניט וואס ער טוט אין זיין פריוואטן לעבן. — יא — רעדט ער ווייטער, — עס איז זייער שווער פאר א גרויסן מענטשן אויס־צומיידן רכילות און קנאה. גענוג! שיק נאך מיימונען. איך וויל אים זען.

— אייער מאיעסטעט, — ענטפערט דער הויפמאן מיט א שמייכל. — איך האב געהאט חוצפה ארויסצורופן בא אייך דעם צארן, אבער איך קאן זיך ניט העלפן, איך בין צו שטארק צוגעבונדן צו מיין פרינץ, צו קאנען גלייכגילטיק צוזען, ווי עפעס א געלערנטער איד צייגט ארויס גרינגשעצונג צו אונזער שטאט און רעליגיע, ווי מיימון טוט עס.

— שווייג! — גיט צארניק א געשריי דער כאליף. — זאג אויף אים וואס דו ווילסט, אבער זיי פארזיכטיק! מיימון איז ניט קיין

פארעטער. איך האָב נאָרוואָס געלייענט זיינעם אַ מאַנוסקריפּט, וואָס ער האָט מיר נעכטן צוגעשיקט. עס אנטהאלט אזעלכע דער־הויבענע געדאַנקען, אַזאַ קלאָרע דערקלערונג אַף שווערע פּראָבלע־מען אין דער פילאָסאָפיע, אַז דיין באַהויפּטונג קומט מיר אויס זייער מאָדנע און לעכערלאַך.

רעדנדיק אזוי, האָט זיך דער כאַליף אַוועקגעקערט פונם הויפ־מאַן און גענומען רעדן מיט אַן אַנדערן פון די באַזוכער, וואָרפנ־דיק זיינע בליקן אין אַלע זייטן, טאָמער וועט ער זען מיימונען אריינקומען.

פלוצלונג האָט זיך די טיר ראש אַן עפן געטאָן. דער דינער, וועלכן מע האָט געשיקט נאָך מיימונען, האָט זיך האסטיק אריינ־געריסן אין זאַל און, קוים כאַפּנדיק דעם אטעם, האָט ער ארויס־געשטאַמעלט, אַז מיימון איז נאָרוואָס דערמאָרדעט געוואָרן אינ־מיטן גאַס.

— דערמאָרדעט! — האָט דער כאַליף אויסגעשריען. — מענטש! טראַכט נאָר וואָס דו האָסט נאָרוואָס געזאָגט!

— אייער מאַיעסטעט! איך זאָג דעם אמת. — האָט געענט־פערט דער דינער. — מיימון איז געגאַנגען פון שול און ער איז גע־ווען אויפן וועג אַהיים, ווען פלוצלונג האָבן אים אָנגעיאָגט צוויי פאַרמאַסקירטע פיגורן, איינער האָט אים אריינגעשטאָכן אַ שפּיז אין דער ברוסט. ער איז גלייך אומגעפאַלן אַ טויטער. אַ גרוי־סער עולם האָט זיך ארומגעקליבן ארום אים מיט אַ ווילדן געטומל, דורך וועלכן איך האָב קוים באַוויזן זיך דורכצושניידן אַ וועג און אייך ברייגגען די שרעקלאַכע בשורה.

דער כאַליף האָט צוגעדעקט זיין פּנים מיט זיינע הענט, דאַן האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו די באַזוכער און געזאָגט:

— איר וועט מיר מוזן אַנטשולדיקן, מיינע פריינט, וואָס איך פאַרלאָז אייך. מיימון איז געווען מיין פריינט. איך מוז אים זען און אפשר נאָך אַמאָל צו אים רעדן. אפשר וועט גאָט געבן, אַז זיי־נע אויגן זיינען נאָך ניט פאַרמאַכט אויף אייביק און איך וועל נאָכ־

אמאָל קאנען זען יענע קלאָרע שטערן, וואָס שפּיגלען אָפּ זיין ריינע נשמה.

דער כאליף האָט פארלאָזט דעם פּאַלאַץ און זיך האסטיק א לאָז געטאָן צו דער וואוינונג פון מיימון.

— וואו איז דיין מייסטער? — האָט דער כאליף א פרעג געטאָן דעם אַלטן דינער, וועלכן ער האָט געטראָפן באַשעפטיקט אין פאָדערהויז.

— אין זיין צימער, אייער מאַיעסטעט! ער איז באַ דער אַרבעט.

— וואָס? באַ דער ארבעט! ער איז ניט אין בעט? ער איז געראַטעוועט?

— יאָ, אייער מאַיעסטעט! דאָס מעסער האָט דורכגעשטאָכן זיין מאַנטל, דורכגעלעכערט די פּארמעטענע הייליקע שריפט וואָס ער האָט געטראָגן אונטערן מאַנטל און קוים באַרירט זיין ברוסט, מאַכנדיק א לייכטע וואונד.

— דאַנקען גאָט! — האָט אויסגעשריען דער כאליף און איז האסטיק אריינגעלאָפן צו מיימונען אין צימער.

מיימון איז אים אַנטקעגן געקומען, זיך פארנויגט און געזאָגט:

— זאָל דער האַר, וואָס האָט מיך מציל געווען פון דעם אַנגריף פון מיינע שונאים, בענטשן אייער מאַיעסטעט! איך בין נאָך אַלץ באַם לעבן, די ביטערע גיפט טראָפּן פון דעם מלאך המות'ס שווערד האָט ניט דערגרייכט מיינע ליפּן, וועלכע זיינען נאָך אַלץ גרייט צו זיין עדות פונם אמת.

— ווי דאַנקבאַר איך בין, וואָס דו ביסט ניצול געוואָרן, מיין טייערער פריינט! — האָט אויסגערופן דער כאליף. — אָבער זאָג מיר: איז טאַקע אמת אז דאָס מעסער האָט דורכגעשטאָכן דעם פּארמעט פון דער הייליקער שריפט וואָס דו האָסט געבראַכט פון דער שול?

— יאָ, אייער מאַיעסטעט! אזוי איז עס. — ענטפערט מיימון. דערלאַנגט די הייליקע שריפט פון טיש און לייענט די שורה,

דורך וועלכער דאס מעסער האָט זיך דורכגעשטאָכן: „העלף מיר, אָ גאָט פון מיינע שונאים, וואָס רינגלען מיך ארום!"

— גאָט איז גרויס! — האָט אויסגעשריען דער כאליף מיט געפיל, ארומנעמענדיק מיימונען.

פון יענעם טאָג אָן, איז משה מיימון געוואָרן זיין ליבלאכער פריינט. ער איז פון טאָג צו טאָג געוואקסן אלץ העכער און העכער אין די אויגן פון דעם כאליף, טראָץ די פילע אָנפאלן און פארלוימדונגען פון זיינע שונאים.

דער רמבם און דער ברענענדיקער קאַלך־אויוון

צווישן די הויפלייט פונם כאליף איז געווען איינער וואָס האָט שטארק מקנא געווען דעם רמבם, וואָס דער כאליף גיט אים אָפּ אזוי פיל כבוד. עס האָט אים שטארק פארדראָסן און האָט פארטראכט אַז ער מוז פון אים פּטור ווערן.

איינמאָל דערשיינט דער הויפמאן פארן כאליף און אין אַ שמורעס, זאָגט ער צו אים:

— אייער מאַיעסטעט — איך מוז בעטן בא איך אנטשולדיקונג. ניט באַטראכט, האָב איך באַשולדיקט מיימונען אין ניט זיין פריינטלאך צו אונזער שטאַט; איך צי צוריק מיין באַשולדיקונג. דער געלערנטער איד איז קיינמאָל ניט געווען קיין שונא פונם שטאַט. אָבער איין זאַך פארדריסט מיר אין אים: עס איז שרעקלאך צו דענקען אַז אָט דער מאַן זאָל זיין אזוי צוויי־פנים'דיק.

בא די ווערטער האָט דער כאליף צאָרניק אַ קוק געטאָן צום הויפמאן.

— ביסט אַ מנובל — האָט ער אויסגעשריען — איך וואונדער זיך אויף מיין אומגלויבלאכן געדולד ביז אהער. אָבער מיין געדולד האָט געפּלאַצט. מוזט גלייך פארלאָזן מיין הויף.

— אייער מאַיעסטעט, ענטפערט דער הויפמאן — הערט מיך

אוים איידער איר פארדאמט מיך. מיימון האָט צווישן מענטשן אָפן דערקלערט, אַז ער פילט זייער אומאַנגענעם צו רעדן מיט אייער מאַיעסטעט, ווייל — פארגיט מיר, מאַיעסטעט, צו דער־מאָנען אַזאַ אומפארשעמטע פאַלשקייט אין אייער אנוועזנהייט.

—— אַ פאַלשקייט, אויסגעטראכט פון דיר אליין, מיינסטו, — זאָגט דער כאליף קאַלט.

— ניין, ניין — פּראָטעסטירט דער הויפמאַן — אַ פאַלשקייט פון מיימונען, וועמען אייער מאַיעסטעט פארגעטערט; פון דעם מיימון, וועלכער האָט דערקלערט פארן פּובליקום אַז ער מיאוסט זיך צו רעדן מיט אייך, ווייל איר האָט אַ שלעכטן ריח אין אייער מויל.

— אַן אומפארשעמטער ליגן! — האָט דער כאליף אויס־געשריען מיט צאָרן — ער האָט קיינמאָל אַזוי ניט געזאָגט.

— פּרואווט אים אליין — זאָגט דער הויפמאַן מיט אַשמייכל, — און דערנאָך פארדאמט מיך, אויב איר קאָנט.

די קאַלטבלוטיקע עקשנות פונם הויפמאַן איז ניט פארביי אָן ווירקזאמען עפעקט אָפן כאליף. ער האָט דערפילט אַ שטי־קעלע צווייפל אין מיימונ׳ס טרייהייט און האָט באַשלאָסן אים צו פּרואוון.

אין דער זעלבער צייט האָט דער ביטערער הויפמאַן געשאַפן אַ געלעגנהייט זיך גלייך צו זען מיט מיימונען און מיט בלומרשט־דיקער ערנסטקייט צו אים געזאָגט:

— מיין געלערנטער הער, דו דענקסט אַז דו ביסט אינגאַנצן זיכער אין דער פריינטשאַפט צו דיר פונם כאליף; דו מאַכסט אַ טעות. ער האָט אַ מאָדנעם און קאַפּריזנעם כאַראַקטער, מיט וועלכן קיינער קען קיינמאָל ניט זיכער זיין. וואָס פאר אַ באַשול־דיקונג, דענקסטו האָט ער געמאַכט קעגן דיר?

— וואָס? — האָט געפרעגט מיימון דערשטוינט.

— ער האָט געזאָגט אַז דו האָסט אַ שלעכטן ריח אין דיין

מויל, מיט וואָס דו מאַכסט אים פילן שלעכט ווען ער באַגעגנט זיך מיט דיר.

ווען דער הויפמאַן איז אַוועק, האָט מיימון טרויעריק אַ שמייכל געטאָן און האָט עפּעס מאָדנע ביטערלאַך געפילט. ער האָט פון קאַסטן ארויסגענומען אַ גרויסן, ווייסן טוך און איז אוועק אין פּאַלאַץ. עס איז געווען פּונקט די שטונדע ווען דער כאַליף נעמט געוויינטלאַך אויף דעם געלערנטן. ווען מיימון איז אריין אין אוידיענץ־זאַל, האָט ער געטראָפן דעם כאַליף אליין. ער האָט אים פריינטלאַך געגריסט און דערנענטערנדיק זיך, האָט ער געהאַלטן דאָס ווייסע טיכל פאַרן מויל כדי ניט צו באַלעסטיקן דעם כאַליף מיט זיין שלעכטן אטעם. דער כאַליף פון זיין זייט האָט מיט באַזונדערן געפיל אויך צוגעלייגט אַ שטיקל שטאָף צו זיין מויל ניט צו באַלעסטיקן מיימונען מיט זיין שלעכטן אָטעם, אָבער באַ זיך אין הארצן האָט געברענט אַ געפיל פון שרעקלאַכן צאָרן. דאָ האָט ער געזען דעם אמת פון זיין הויפמאַנס באַשולדיקונג. ער האָט אין דעם געזען אַן אומדערהערטעם שטיק פאַרראַט און פאַלשקייט, אַז אַזאַ פריינט זיינער ווי מיימון זאָל אין דער עפנט־לאַכקייט אים באַשולדיקן אין האָבן אַ שלעכטן ריח אין מויל. ער האָט באַשלאָסן אומצוברייינגען זיין אומטרייען פריינט. ער האָט אים קאַלט אָפּגעלאָזט, האָט באַלד געשיקט זיינעם אַ טרייעם דינער צום גרויסן קאַלכאויוון פון קאָרדאָוואַ מיט פאָלגענדיקע שליחות: באַפעל אין מיין נאָמען דעם קאַלך־ברענער ער זאָל אריינוווארפן אין ברענענדיקן קאַלכאַויוון דעם מאַן וואָס וועט קומען אין אַ שטונדע ארום און וועט פרעגן אויב דעם כאַליף׳ס באַפעל איז אויסגעפילט געוואָרן.

דער דינער איז האַסטיק אַוועק צום קאַלך־אויוון. דער כאַ־ליף האָט גלייך צוגעאיילט אַן אנדער שליח צו מיימונען ער זאָל אומבאַדינגט באַלד גיין צום קאַלכאַייוון און פרעגן באַם קאַלכ־ברענער אויב דעם כאַליף׳ס באַפעל איז אויסגעפילט געוואָרן.

אגב האָט דער כאַליף געשיקט רופן דעם הויפמאַן, אים גע־

דאַנקט פאַר זיין טרייער איבערגעבנקייט, וועלכע ער האָט צום באַ־דויערן ביז אהער אונטערשעצט און האָט אים פאַרזיכערט אין דער צוקונפט אומבאַגרענצטן צוטרוי. ער האָט אים אויך איבערגע־געבן וועגן זיין פּלאַן איבער מיימונען.

עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן אָנצורוקן דער אוונט, ווען מיי־מון איז ארוים אויסצופילן דעם כאַליפס באַפעל. עטלאַכע שטע־רענדלאַך האָבן שוין געגלאַנצט אין הימל. די זיסע ריחות פון די ציטראָן און מאַראַנצן־בוימער, וועלכע האָבן ארומגענומען די ווענט פון קאָרדאָווע, האָבן אריינגעגאָסן אין דער קילקייט אַ שטראָם פון אומבאַשרייבלאַכן תענוג. מיימון האָט שווייגנדיק שפּאַצירט דורך די אָפענע פעלדער. זיינע געדאַנקען האָבן זיך געהייבן פון דער ערד צו די הימלען. ער האָט באַטראַכט דאָס סאַפיר־געוועלב פון די הימלען. זיינע געפילן האָבן ביז עקסטאַז געשטורעמט אין אים, ווען די לבנה האָט זיך באַוויזן אינם האָריזאָנט און האָט פאַרפלייצט מיט אַ מבול פון זילבער־ליכט דאָס גאַנצע ברייטע פעלד. ער האָט אין דעם מאָמענט געפילט, אַז כאָטש ער איז באַ־שאַפן פון שטויב, האָט ער דאָך אַזעלכע געפילן און געדאַנקען, וועלכע זיינען צוגעקייטלט צו דער אומענדלאַכער אייביקייט, און קאָן פון איר ניט אָפּגעטיילט זיין.

אָבער פּלוצלונג איז ער געוואָרן געשטערט פון זיינע געדאַנ־קען. אַן אַלטע פרוי איז אַרויסגעלאָפן פון אַ האַלב־חרובן שטיבל און אויסגעשריען: „רבי, רבי, קום, איך בעט דיך, און העלף מיין קראַנקער טאָכטער".

מיימון ענטפערט: „וואַרט ביז איך וועל זיך צוריקקערן. דער כאַליף האָט מיר געגעבן אַ באַפעל, וועלכן איך טאָר ניט פאַרנאַכלעסיקן.

אָבער די אַלטע פרוי האָט ניט אויפגעהערט אים צו באַשווערן און בעטן מיט דער גאַנצער קראַפט פון אַ מוטערס פאַרצווייפלונג. זי האָט אים אַזוי שטאַרק געבעטן, אַז מיימון האָט מער ניט געקאָנט ביישטיין און האָט איר באַגלייט אין שטוב אריין, וואו זי האָט

אים צוגעפירט צו א שטרוי־זאַק, אויף וועלכן עס האָט גערוט איר טעכטערל.

דאָס בלאַסע ליכט פון א לעמפּל איז געפאַלן אויפן ווייסן פּנים פונם קראַנקן קינד, — וואָס איז געלעגן אין א פיבערישן צושטאַנד. די מיידעלע האָט אלע מאָל מיט אירע הענטלאך פאַר־שטעלט אירע בלוט־רויטע אייגעלאך, פון דעם ליכט, וועלכעס האָט איר קענטיק ווי געטאָן. מיימון האָט דאָס באַמערקט, ער האָט געהייסן דער פרוי אויסלעשן דאָס לעמפּל.

— רבי, — האָט זי דערווידערט, — עס איז דאָך איצט שבת, מעג א פרומע פרוי ווי איך מחלל שבת זיין צוליב א קראַנק קינד?

— יא! — זאָגט מיימון — טו וואָס איך הייס דיר.

זי האָט געפאָלגט.

— טו נאָר א קוק אהין — האָט ער ווייטער גערעדט — פון הימל שיינט ארונטער דאס ליכט פון גאָט דורכן פענסטער גלייך אויף דיין טאָכטערס געלעגער. אָבער די לבנה שטראַלן קאָנען ניט שאַדן צו שוואכע אייגן, זאָל דיין טאָכטער זיך איבערשלאָפן, גוטע פרוי, און אין דער פרי וועט זי אויפשטיין א געזונטע.

די מוטער האָט מיט פרייד געקוקט אים אין פּנים אריין. זי האָט זיינע ווערטער געטרויט, ווייל זי האָט געוואוסט, אז ער איז א גרויסער דאָקטאָר, פונקט ווי א גרויסער פילאָזאָף און ניט נאָר היילט ער נשמות, נאָר ער היילט אויך גופים.

געבענדיק דער מוטער אייניגע עצות, ווי זיך צו באַגיין מיטן קראַנקן קינד, איז מיימון ארויס.

ווען מיימון איז ווידער געווען אין דרויסן, האָבן שוין אלע שטערן אין פולן גלאַנץ געשיינט אין הימל. ער האָט זיך אָנגע־הויבן צוצואיילן. ער האָט אריינגעשפּאַנט אין אַ שמאָל געסל צווישן קליינע שטיבלאך, וואו די קאַלך־ברענער האָבן געוואוינט. באַלד איז ער צוגעקומען נאָענט צום קאַלך־אויוון. ער האָט געזען ווי געדיכטע פּאַרע און דיקער רויך הייבן זיך אויף פון די קוי־

מענס פון דעם קאַלך־אויוון, שפּריצן ארויף מיט פייערדיקע צונ־גען, וועלכע שיסן ווייט אין דער פינצטערניש.

ווען ער האָט אריינגעטראָטן אין הויף, איז ער געוואָרן ווי צומישט פונם שיפּען און קנאַקן אינם ברענעדיקן אויוון, וועלכער האָט געפלאַקערט ווי דער גיהנום. פיר ארבעטער זיינען דאָרט געשטאַנען מיט ווילדע רויטע פּנימער, באַלויכטן פון די פלאַמען. מיימון טרעט צו נעענטער און פרעגט: „איז דעם כאַליפס באַ־פעל געוואָרן אויסגעפילט?"

דער קאַלכ־ברענער גיט סאַרקאַסטיש אַ לאַך, ציינט מיטן פינגער צום ברענעדיקן אויוון מיט די ווערטער: „יאָ! דאס גע־שעפט איז געמאַכט! דער כאַליף וועט זיין צופרידן פון זיין די־נער!"

מיימונען האָט עפּעס געוואונדערט אָט דער ענטפער. ער איז אָבער געווען צו געטריי און אויפריכטיק, ער זאָל וועלן איינדרינ־גען אינם כאַליפ'ס סודות. ער האָט שנעל פארלאָזט דעם קאַלך־אויוון און האָט זיך אומגעקערט אהיים דורך דער פּראַכטפולער זומער נאַכט.

אויפן צווייטן טאָג, האָט ער אין דער באַשטימטער שטונדע זיך פארנומען צום אודיענץ זאַל. קוים איז דעם כאַליפ'ס אויג געפאַלן אויף מיימונען, איז ער ווי געביסן פון אַ שלאַנג צוגעלאָפן צו אים מיט אן אויסגעשריי:

— אום גאָטעס ווילן, ווי אזוי קומסטו אהער?

— וואָס האָט דיך אזוי איבערגעשראָקן, מיין גוטער פּרינץ— פרעגט מיימון מיט אַ געמיש פון ווילדן שרעק און איבערראַשונג.

— ביסטו נעכטן געגאַנגען צום קאַלך־אויוון, ווי איך האָב דיר באַפעלן? — פרעגט דער כאַליף מיט אַ ציטער.

— יאָ, אייער מאַיעסטעט, און ווען איך האָב געפרעגט: צו דעם כאַליפ'ס באַפעל איז אויסגעפילט געוואָרן, האָבן די קאַלכ־ברענער מיר פארזיכערט, אַז דער באַפעל פון פּרינץ איז פּינקטלאַך

געוועז אויסגעפילט. — דאס געשעפט איז געמאכט — האָבן זיי מיר געזאָגט.

— גאָט גוטער! וואָס האָט פּאסירט? האָט געשריען דער כאליף אין אויפרעגונג. — נאָכאַלעמען איז אַן אומשולדיקער מענטש אריינגעוואָרפן געוואָרן אין פייער! אַלאַ, אַלאַ! וואָס האָב איך געטאָן?

— געוויס קיין שלעכטס, — ענטפערט מיימון. מיין פּרינץ איז צו ערלאך און פּאַרזיכטיק צו באַגיין א פארברעכן.

— ניין, ניין! איך בין ניט געוועזן פאַרזיכטיק! — שרייט דער כאליף. ווייסטו וואָס איך האָב אָפּגעטאָן? איך האָב באַ־פעלן אריינצוואווארפן דיך, משה, אינם ברענענדיקן קאַלך־אויוון. דאס איז וואָס איך האָב דיך אַהין נעכטן געשיקט.

— מיך! מיין פּרינץ! האָט מיט שטוינען אויסגעשריען מיימון — וואָס פאַר א גרויסן פארברעכן בין איך עס באַגאַנגען, וואָס איך האָב פארדינט אַזאַ שרעקלאכע שטראָף?

— אָט יענער הויפמאַן, — האָט געענטפערט דער כאַליף, — דיין שונא, וועלכער האָט שטענדיק זיך באַמיט צו פאַרשוואַרצן דיין נאָמען אין מיינע אויגן, האָט מיר דערציילט אַז דו האָסט אָפן פאַר א פּובליקום דערקלערט אַז מיין מויל האָט א שלעכטן ריח, וואָס מאכט דאס באַגעגענען זיך מיט מיר דיר זייער אומאנ־גענעם. איך האָב אים געגלויבט. ווייל קורץ נאכדעם ביסטו דער־שינען פאר מיר מיט א טיכל פאר דיין מויל און האָב באַשלאָסן דיך אומצוברייננגען.

— דערזעלבער הויפמאַן — ענטפערט מיימון, וועלכער האָט אָפּגענאַרט מיין פּרינץ, האָט אויך מיך אָפּגענארט. ער האָט מיר דאסזעלבע דערציילט אויך פון דיר און אונזערעביידנס געגנזיי־טיקע געפילן האָבן פארצויגן א שלייער איבער אונזערע אויגן.

— איז דאָס מעגלאך? — שרייט אוים דער כאליף. אָ, לאָז מיך דיך ארומנעמען מיין אומשעצבארער און פיל באַליבטער פריינט, און פארגיב מיר דאס אומרעכט, וואָס איך האָב דיר גע־

טאָן. פון היינט אָן און ווייטער זאָלסטו זיין פאר מיר דער טייַ־ערסטער אוצר וואָס איך באַזיץ. און קיין כח אויף דער ערד זאָל ניט קאָנען מער צעבינדן דעם בונד פון אונזער פריינטשאַפט.

דער כאַליף האָט נאָך געהאַלטן מיימונען אין זיינע אָרעמס, ווען אַ דינער האָט געמאָלדן אַז איינער פון די קאַלך־ברענער וויל צו אים רעדן.

— זאָל ער אַריינקומען — האָט געזאָגט דער כאַליף.

— אייער גרויסע מאַיעסטעט — זאָגט דער מאַן באַם אַריינ־קומען — לויט אייער באַפעל, האָבן מיר אַריינגעוואָרפן אין קאַלך־אויוון דעם ערשטן מאַן וואָס איז געקומען מיט די ווערטער, „צי מיר האָבן אויסגעפילט דעם כאַליפ'ס באַפעל". דאָ איז זיין רינג, וואָס מיר האָבן אַראָפּגעצויגן פון זיין פינגער. מיין שותף האָט דאָס געוואָלט פאַרהאַלטן פאַר זיך אַלס אַ באַלוינונג, איך האָב עס אָבער געבראַכט אַהער, ווייל עס באַלאַנגט ניט צו אונז.

דער כאַליף האָט שנעל באַטראַכט דעם סיגנעט־רינג און האָט אויסגעשריען: גוטער גאָט! דאָס איז דער רינג פון דיין שונא, דער הויפמאַן, וועלכער האָט דיך פאַרלוימדעט פאַר מיר.

— אַה! אומדערפאַרשלאַכע השגחה! — האָט מיט באַ־גייסטערונג אויסגעשריען מיימון — דו האָסט מיך מציל געווען פון אונטערגאַנג! דאַנקען, אייביק דאַנקען וועל איך דיר, וועל־כער דעקט אויף די באַהאַלטענע נעצן פונם רשע.

— זאָג מיר, פריינט, פרעגט דער כאַליף, וואו ביסטו געווען, ווען דער הויפמאַן האָט זיך אַזוי געאיילט צו לויפן צום קאַלך־אויוון, נייגיריק צו הערן פון דיין טויט?

— איך בין געזעסן לעבן אַ קראַנקער מיידעלע און באַרואיקט איר מוטער, — ענטפערט מיימון — דערווייל האָט דער גיריקער הויפמאַן ניט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן אויף דער גוטער בשורה פון מיין טויט. ער איז אַהין אָנגעקומען פאַר מיר און האָט דאָרט געפונען דעם טויט אַנשטאָט די נייעס, וועלכע ער האָט געהאָפט צו הערן.

— אמת, נאָט איז גערעכט אין זיין משפּט, — האָט אַ זאָג געטאָן דער כאליף.

דער רמבם און זיין תלמיד

דער שם פון רמבם איז זיך צוגאנגען איבער גאַנץ אייראָפּא. אין די ווייטסטע לענדער האָט מען גערעדט פון דער טיפער חכמה און וואונדערפולע רפואות פון דעם בארימטן אידישן דאקטאר אין שפּאַניע.

אמאָל האָט איינער אַ געוויסער יונגערמאן, אַ בן יחיד פון אן ענגלישן רייכן סוחר, וועמעס דורשט נאָך וויסן עס האָבן די לע־רער פון זיין אייגן לאנד ניט געקענט באַפרידיקן, האָט שטילער־הייט פארלאָזט זיין פאָטערס הויז און איז געקומען קיין קארדאָווא, צו לערנען תורה באם רמבם.

ניט אָן שוועריקייט האָט ער דערגרייכט דעם ציל פון זיין וואונטש. ווייל דער וויסנזוכנדער יונגערמאן האָט געשטרעבט ניט נאָר צו זיין דער תלמיד פון אָט דעם גרויסן לערער, ער האָט אויך געוואָלט אויספאָרשן און באאבאכטן אלע קלייניקייטן פון דעם רמבם'ס לעבן, און אריינצודרינגען אין אלע סודות און מיס־טעריען, וואָס די מערסטע לערער באהאלטן פון זייערע תלמידים.

דער יונגערמאן האָט גוט געוואוסט, אז די גרויסע מענטשן באזיצן צוויי נאטורן, און דער קליגסטער און אָפטמאָל דער געני אין דער עפנטליכקייט—צייגט אָפּט ארויס דעם היפך אין זיין היי־מישן פּריוואטן לעבן. ער האָט דעריבער באשלאָסן אָנצונעמען אַ סטראטעגישן מיטל צו דערגרייכן זיין ציל. ער האָט זיך פאר־שטעלט פאר אַ טויב שטומען. ארעם געקליידעט און מיט אַ באַ־זונדער עניוות איז ער געקומען צום רמבם און מיט געוויסע זשעס־טיקולאציעס האָט ער אים געגעבן צו פארשטיין אז ער פארלאנגט צו זיין זיין משרת נאָר פארן טעגלאכן שטיקל ברויט.

דער רמבם גערירט פון אזעלכע באשיידענע פאָדערונגען, האָט אים אָנגעשטעלט בא זיך אלס משרת.

אויספילנדיק מיט געטרייער פינקטלאכקייט אלע זיינע פליכטן, וואָס זיין רבי האָט אים אנפארטרויט, האָט ער שטארק נושא חן געווען באם רמבם און האָט געוואונען זיין פולשטענדיקן צוטרויען אויף אזוי פיל, אז אין א קורצער צייט האָט ער דערגרייכט אזא מדרגה אָז דער רמבם האָט אים געמאכט פאר זיין אסיסטענט אין אלע זיינע כעמישע און פיזישע עקספערימענטן, וועלכע ער האָט אָנגעפירט אין געהיים, מורא האָבנדיק זיי צו פארעפנטלאכן כדי מ'זאָל זיי ניט מיסברויכן. ער האָט קיינמאָל ניט חושד געווען אז זיין תלמיד קאָן אים אמאָל פאראַטן.

דערווייל איז דער פלייסיגער תלמיד ניט נאָר געוואָרן שטארק פאמיליאר אין פראַקטישע עקספערימענטן, נאָר ער האָט אויך פול־שטענדיק זיך באקאנט מיט אלע טעאָריעס. ווייל, אין דער אָפּ־וועזענקייט פון זיין באַלעבאָס, האָט ער גרינטלאך שטודירט אלע ביכער און דעם רמבם'ס שריפטן מיט אזא פלייס, אז אין עטלאכע יאָר איז ער שוין גאר ניט וויט געווען צום רמבם אליין.

ארום יענער צייט איז א נאָבעלמאַן פונם הויף אטאַקירט געוואָרן פון א מאָדנער קראנקהייט. עס איז קיין סימן און קיין שפור ניט געווען אויף זיין גאנצן גוף פון עפּעס א קראנקהייט, ער האָט נאָר צייטנווייז אָנגעהייבן פילן אזא שווינדלען אין זיין קאָפּ, אז ער פלעגט זיך ארומדרייען אין א קרייז, ווי געצוואונגען פון עפּעס א פארבאָרגענער קראַפט ביז ער איז אומגעפאלן אן אונ־מעכטיקער און שטאַרק אויסגעמאַטערט.

נאכדעם, ווען אלע געלערנטע הויף־דאָקטוירים האָבן אָנגע־ווענדעט די גאַנצע קונסט פון זייער וויסן, און דעם קראנקענס לעבן איז געשטאַנען אין גרויס געפאר, האָט מען אלץ די לעצטע האָפע־נונג געשיקט רופן דעם רמבם. ער האָט באלד געפונען דעם פּינקטלאכן דיאגנאָז פון דער קראנקהייט און האָט זיך אָפּגערופן צו די פארזאמעלטע קרובים פונם קראנקן, נאָר אן אָפּעראַציע קאָן

אים ראַטעווען. ער לײַדט פון א ווארים אינם מאַרך, וועלכע אַטאַ־קירט אַמערסטן די שאָף, אָבער זייער זעלטן אַ מענטשן. איך מוז מאַכן אַן עפענונג אין שאַרבן און באַזייטיקן דעם ווארים, קיין אַנ־דער הילף איז ניטאָ.

מ׳קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ שרעקלאַכע אי־בעראַשונג עס האָבן פאַראורזאַכט די ווערטער פון דעם אידישן דאָקטאָר, און אויף אַזאַ געפערלאַכער אָפּעראַציע האָט מען זיך ניט אַזוי לייכט באַשלאָסן.

עטלאַכע וואָכן זיינען אריבער איידער דער קראַנקער נאָבעל־מאַן האָט באַ זיך אָפּגעמאַכט צו דערלויבן אויפצועפענען זיין קאָפּ. אויף לעצט, ווען די קראַנקהייט האָט זיך פאַרשטאַרקט און ער האָט שוין מער ניט געקאָנט איבערטראָגן, האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן איבער זיך די אָפּעראַציע.

דער רמבם מיט זיין דינער זיינען געקומען, מיטנעמענדיק מיט זיך אַלע נויטיקע כירורגישע אינסטרומענטן, וואו עס האָט זיך פאַרזאַמלט אַן עולם פון פאַרנעמע נייגיריקע דאָקטוירים.

מיט קאַלטער מיושבדיקייט און מיט אַ געניטער דערפאַרע־נער האַנט, איז דער רמבם צוגעטראָטן צו דער געפערלאַכער אָפּע־ראַציע.

דער שאַרבן איז פלינק געווען ארונטערגענומען, דער שרעקלאַ־כער וואָרים איז זיך באַוועגלאַז געלעגן אין די פאַלדן פונם מאַרך; אַלע אנוועזענדע האָבן באַוואונדערט די דערפאַרנקייט און חכמה פונם רמבם, וועלכער האָט גענומען צו דערוויטערן דעם וואָרים מיט אַ פּאָר דינע צוועגגלאַך, ווען מיט אַמאָל דערהערט ער אַ שטי־מע אויסשרייענדיק: „האַלט אָפּ, מיימון! דו וועסט טויטן דעם מאַן„.

דער רמבם איז געווען דערשטוינט. די צוועגגלאַך זיינען ארויסגעפאַלן פון זיינע הענט. ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו דעם אויסשרייער: דאָס איז געווען זיין טויב־שטומער דינער.

— וואָס זאָל דאָס מיינען? דו האָסט מיך אָפּגענאַרט — האָט דער רמב״ם מיט ערגערניש אויסגעשריען.

— אה! פאַרגיב מיר, לערער, שפּעטער וועל איך דיר דערציילן פאַרוואָס איך האָב געשפּילט ביז איצט אַ פאַלשע ראָלע, אָבער אין דעם מאָמענט לאָמיר ראַטעווען דעם קראַנקן מאַן. זע, דער דאָזיקער וואָרים איז ענג צוגעטוליעט צום מאַרך, און אויב דו וועסט אים מיט גוואַלד אָפּרייסן, וועסטו שעדיקן דעם מאַרך און דער מאַן וועט זיכער שטאַרבן.

— ווי זשע דען זאָלן מיר דערוויטערן דעם וואָרים? — פרעגט דער רמב״ם פאַרשעמט.

— לערער — ענטפערט באַשיידן דער דינער, — עס איז געשריבן טאַקע אין דיינעם אַ שריפט אַז באַ אַזאַ פאַל מוז מען אַנידערלייגן נאָענט צום וואָרים אַ גרינעם בלאַט פון דעם פלאַנץ (אַ נאָמען פון אַן אומבאַוואוסטן פלאַנץ) און דער וואָרים וועט אַליין פאַרלאָזן זיין פלאַץ און וועט אַרויפקריכן אויפן בלאַט.

דער רמב״ם האָט זיך טאַקע באַלד דערמאַנט אַן דעם דערמאַנטן אויפשריפט. דאָס בלאַט איז געבראַכט געוואָרן און די אָפּעראַציע איז געווען געלונגען. דער נאָבלמאַן איז געזונט געוואָרן און דער רמב״ם איז געוואָרן זיין פריוואַטער דאָקטאָר.

ווען דער דינער האָט דערציילט וואָס עס האָט אים געצוואונגען זיך צו פאַרשטעלן פאַר טויב־שטום, האָט דער רמב״ם אים, פאַרשטייט זיך, מוחל געווען און איז פון דאַן אָן געוואָרן זיין חבר, זיין בעל יועץ, מיט וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל ניט געשיידט.

דער רמבם און אריסטו *

טיף אין זיינע רעיונות זיצט אריסטו דער גריכישער גרויסער פילאָסאָף און טראַכט. ער טראַכט איבער דעם פּראָבלעם פון לעבן. זיין שאַרפער אָדלער בליק דרינגט אריין אין דער טיפעניש פון דער ערד, זיין טיפער געדאַנק דערגרייכט די הויכע הימלען, מיט זיין קלאָרן פאַרשטאַנד באַנעמט ער די גאַנצע נאַטור, ער פאַר־שטייט דאָס לשון פון חיות און פלאַנצן, נאָר איין זאַך איז פאַר אים א פאַרזיגלטער סוד און דאָס איז דאָס לעבן פונם מענטשן.

גרויס איז דער מענטש אין זיין דענקען, גראַנדיעז זיינען זיינע געוואַלדיקע נצחונות איבער דער נאַטור, אָבער ווי קורץ זיינען זיי־נע טעג! פאַרוואָס זאָל דער מענטש, דער בחיר היצירים ניט לעבן אייביק? אָדער ער זאָל כאָטש אַזוי לאַנג לעבן, אַז ער זאָל קענען דורכפירן כאָטש א טייל פון זיינע פאַרלאַנגען?

ער פאָרשט די אַלטע ספרים פון גרויסע חכמים, ער זוכט אין די טאָוולען פון אַלטע פילאָסאָפן, ער געפינט ניט קיין ענטפער אויף זיין פראַגע.

מ'האָט אים אַמאָל דערציילט, אַז אין מצרים בא די חרטומים געפינען זיך צוויי אַלטע ספרים, אין וועלכע עס געפינט זיך דער סוד פון לעבן, אָבער קיינער פאַרשטייט זיי ניט. ער גלויבט אָבער ניט אין דעם. מ'האָט אים שוין פיל מאָל צוגעטראָגן אומפאַר־שטענדלאַכע ספרים, ער האָט אָבער אַלע מאָל אין זיי גאָר ניט גע־פונען.

---

* לעגענדעס ווייסן ניט פון „צייט" און „פּלאַץ". אין איין אבדול ראַכמאַן, ווען דער לעצטער האָט געלעבט אַרום 200 יאָר לעגענדע געפינען מיר דעם רמבם אַלס הויף דאָקטאָר פונם כאַליף פאַרן רמבם. אָדער אין אַן אַנדער לעגענדע באַגעגנט זיך דער רמבם מיטן פילאָסאָף אריסטו, ווען דער לעצטער האָט געלעבט מיט א 1000 יאָר פאַרן רמבם.

די פראגע רויבט בא אים די רו.

ער באשליסט, זאל ער נאך איינמאל פרואוון, און לאזט זיך אוועק קיין מצרים. אבער דאס מאל האט ער ניט געמאכט קיין טעות. עס איז אים געגוג געווען א בלעטער טאן איינע פון די ספרים און זיינע אויגן האבן אנגעהויבן צו גלאנצן, עס איז אים ליכטיק געווארן אין אלע אברים.

ער באשליסט צו קויפן די ספרים, ער באצאלט פאר זיי א גרויסן פארמעגן און נעמט זיי אהיים.

ער הויבט אן צו שטודירן די הויכע געדאנקען פון די ספרים, אבער ער מוז מודה זיין אז דער אינהאלט פון די ספרים איז פאר אים צו טיף. די געדאנקען צו הויך אפילו פאר זיין געניאלן פאר־שטאנד. ער באשליסט צו זוכן א חבר, א געלערנטן קלוגן מענ־טשן, מיט וועמען צו שטודירן די צוויי געהיימניספולע ספרים.

ער לאזט זיך אוועק קיין שפאניען. ער באקענט זיך מיטן רמבם. דערציילט אים די געשיכטע מיט די ביכער. דער רמבם גיט א בלעטער איינע פון די ביכער און הויבט אזש אן צו ציטערן פאר פרייד. ער באמערקט דארטן הויכע געדאנקען, וועלכע ער האט נאך קיינמאל ניט געהערט. צו טיף זיינען זיי אפילו פאר אים. דער רמבם שלאגט פאר אריסטו'ן צו לעבן מיט אים דא אין קארדאווא ביידע זאלן זיי שטודירן די ביכער, ביידע זאלן זיי מאכן פארשידענע עקספערימענטן און זיי וועלן מעגלאך אויפדעקן א גרויסן סוד.

אריסטו איז מסכים אויף אלעם אבי צו דערגיין דעם סוד פון לעבן. זיי גיבן זיך איינס דאס אנדערע דאס ווארט, אז אויב איינער פון זיי וועט עפעס אויסגעפינען, זאל ער באלד עס איבער־געבן צו זיין חבר.

זיי נעמען זיך פלייסיג שטודירן די ביכער, און וואס טיפער זיי דרינגען אריין, אלץ שווערער און פארפלאנטערטער ווערט דער אינהאלט. אבער קיינע שוועריגקייטן, קיין זאך אין דער וועלט קאן זיי ניט אפהאלטן ווייטער צו שטודירן די ביכער.

שוין באַלד אַ יאָר פאַריבער, פילע סודות זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן, פילע אומפאַרשטענדלאַכע זאַכן זיינען צו זיי קלאָר געוואָרן, אָבער דעם סוד פון לעבן האָבן זיי נאָך אַלץ ניט געוואוסט. זיי האָבן שוין אָנגעהויבן פאַרצווייפלט צו ווערן, ווען איינמאָל אין אַ פרימאָרגן הערט אריסטו אַ שרעקלאַכן אויסגעשריי: „געפונען", „געפונען"! ער לויפט אריין אין חדר פון דעם רמבם, ער גיט אַ שפּרונג אָפּ צוריק פאַר שרעק און איבערראַשונג: דער רמבם שטייט אויסגעצויגן די הענט אַרויף, זיינע האָר צעפּאַטלט, זיינע אויגן שפּריצן פייער ווי בּאַ אַ משוגענעם און האַלט אין איין איבערחזרן: „געפונען, געפונען"! אריסטו וויל אים באַרואיקן: וואָס רעדסטו? וואָס געפונען, ווּעמען געפונען? דער רמבם באַמערקט אים ניט. ער קוקט אין דער ווייטקייט און חזרט אַלץ איבער: געפונען! געפונען! אריסטו רעדט צו אים, ער זעצט אים אַנידער און באַמערקט ווי דער רמבם פאַרלירט זיין באַוואוסטזיין, ער פאַלט אין אונמאַכט.

נאָך שווערער אַנשטריינגונג ברייננגט ער אים צוריק צום באַוואוסטזיין און דער רמבם שלאָפט איין.

אריסטו ווייס נאָך אַלץ ניט וואָס דאָ איז פאַרגעקומען. ער זעט דאָס אָפענע ספר, ער שפּירט פייכטקייט אויף די בלעטער. טרערן! מיימון האָט געוויינט. ער הויבט אָן צו לייענען דאָס בלעטל — די ווערטער זיינען פאַר אים אומפאַרשטענדלאַך. נעמען פון פאַרשידענע קרייטיכער, גרינסן, געמישן, צוזאַמענשטעלונגען, חשבונות אויף חשבונות — ער הערט ווידער אַ שטימע: אריסטו! געפונען דעם סוד פון לעבן! ער קוקט זיך אום — דער רמבם ווייזט אים אָן אופן אָפענעם ספר: אָט דאָ, זעסט? איך בין דערגאַנגען דעם סוד ווי אַזוי צו מאַכן אַז אַ מענטש זאָל לעבן אייביק. אייביק! קיינמאָל ניט שטאַרבן! וגזה המות לנצח! פאַרשניטן וועט ווערן דער טויט אויף אייביק.

אריסטו הערט און גלויבט ניט זיינע אויערן.

— דעם סוד דערגאַנגען? ווי אַזוי?

— אַט זע! — דער רמבם ווייזט אים אָן אויף פאַרשידענע שטעלן אין ספר — ווען מ'זאָל צושניידן אַ לעבעדיקן מענטשן, אַרויסנעמען די און די טיילן, זיי אַריינלייגן אין גלעזערנעם רע־טאָרט, אַריינמישן די און די קרייטעכער, עס לאָזן אַזוי שטיין אַרום ניין חדשים, וועט פון דעם געבוירן ווערן אַ מענטש ניט קיין ילוד אישה, נאָר ענלאַך צו אַ מלאך אין הימל. זעסט, געפו־נען דעם סוד! אַ שותף צו מעשה בראשית קאָנען מיר זיין!

אַריסטו קוקט אין ספר, ער רעכנט, ער פּאָרשט יעדעס וואָרט, יעדעס אות. ער לייענט די שורות אויף צוריק ווי דער רמבם ווייזט אים אָן, עס שטימט. דער רמבם איז גערעכט! ער ווערט שטאַרק באַגייסטערט, זיינע אויגן הייבן אָן לייכטן פאַר פרייד, ער פילט ווי זיין האַרץ קלאַפּט שטאַרק אין זיין ברוסט, ער קאָן זיך ניט באַהערשן, פאַלט אַרויף אויף מיימונס האַלז און צעוויינט זיך פאַר פרייד.

— לאָמיר ניט זאַמען — שרייט אויס דער רמבם — לאָמיר וואַרפן גורל ווער עס זאָל זיין דער ערשטער גליקלאַכער. אָך גאָט! וויפיל סודות ליגן באַהאַלטן אין די דאָזיגע שטומע קרייטעכער!

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און קלאַפּענדיק האַרץ וואַרפט דער רמבם דעם גורל. און דער גורל פאַלט אויף אַריסטו. עס גלויבט זיך ניט. ער הייסט אַריסטון וואַרפן גורל. — עס פאַלט אַלץ אויף אַריסטו'ן. עס ווערט באַשטימט אַ צייט צו צוטרעטן צו דער אַרבעט. זיי פאָרשן נאָכאַמאָל די ביכער, זיי מאַכן פאַרשי־דענע עקספּערימענטן מיט די נויטיגע מאַטעריאַלן — עס שטימט! אַריסטו נעמט באַם רמבם אַ תקיעת־כף אַז ער וועט דערפירן די זאַך ביזן סוף.

דער רמבם פאַרשלעפערט אַריסטון, ער מאַכט איבער אים די נויטיגע אָפּעראַציע, ער לייגט אַריין די נויטיקע טיילן פון קער־פּער אין גלעזערנעם רעטאָרט, שיט אַריין די פאַרשידענע קרייטעכ־צער, פאַרמאַכט דעם רעטאָרט און שטעלט אים פאַרזיכטיק אַני־דער אויף אַ זיכערן פּלאַץ.

מיט אָנגעשטרענגטן אומגעדולד וואַרט דער רמבם אויף דעם אויסגאַנג פון דער גרויסער זאַך. — אויף דעם געבורט פון אַ נייעם מענטשן, פון אַ מענטשן וואָס וועט זיין פאַרשידן פון אַלע איבע־ריקע. אַ מענטש וואָס דאַרף אייביק לעבן, אייביק לעבן. אַ מענטש וואָס זאָל קיין מורא ניט האָבן פאַר קיין זאַך אין דער וועלט, — די שטאַרקסטע כוחות פון דער נאַטור זאָלן ניט זיין בכח אים צו טאָן בייזעס; דאָס פייער זאָל אים ניט קאָנען ברע־נען, דאָס וואַסער זאָל אים ניט קאָנען דערטרינקען, קיין חיה רעה זאָל איבער אים קיין שליטה ניט האָבן. אַה, ווי גרויס און מעכ־טיק דער מענטש וועט דאַן זיין אין זיין אייביקייט!!

עס גייט אַ חודש פאַריבער, נאָך אַ חודש און אין רעטאָרט באַמערקט זיך נאָך גאָרניט. אַביסעלע אומרו גנבעט זיך אַריין צו אים אין האַרצן, אָבער ער וואַרט געדולדיק ווייטער. ערשט נאָכן דריטן חודש באַמערקט ער עפּעס אַן ענדערונג אינעם רע־טאָרט: עס טיילט זיך ביסלאַכווייז אויס פון דער כאַאָטישער מאַסע אַ קליינטשיק געשטאַלט. ער זעט שוין אַ קעפּעלע, הענ־טעלאַך און באַלד — אַ גאַנץ קערפּערל.

עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלן זיין מוראַדיקע אויפרעגונג, זיין שטאַרקן געפיל. אַזוי קאָן נאָר פילן אַ פרוי, וועלכע דערפילט דאָס ערשטע מאָל איר ערשטלינג אונטערן האַרצן; אַזוי פילט פּילייכט דער גרויסער סקולפּטאָר, ווען פונם ליים וואָס ער האַלט צווישן די פינגער טיילט זיך אויס דאָס דערוואַרטעטע געשטאַלט.

ער טרעט ניט אָפּ פונם רעטאָרט און באַאָבאַכטעט יעדן מאָ־מענט, ער באַמערקט שוין באַוועגונג, אָפּענע אויגעלאַך בויגעוו־דיקע פינגערלאַך.

נאָך אַ חודש פאַרגייט און דאָס מענטשעלע טיילט זיך אויס שאַרפער, בולטער, מיימונס אויפרעגונג וואַקסט פון טאָג צו טאָג— די אויפרעגונג פון אַ מוטער וואָס וואַרט אויפן דערשיינען פון קליינעם נפש'ל.

אָבער... אָבער פּלוצלונג גיט אים אַ שרעקלאַכער געדאַנק

ווי אַ האַק איבערן קאָפּ. ער ווערט ווי פּריטשמעלעט. ער הערט ווי עפּעס אַ שטימע וואָלט צו אים אַ געשריי געטאָן: „מיימון, וואָס טוסטו? דו באַשאַפסט אַן אייביקן מענטשן? דו באַשאַפסט אַ צווייטן גאָט? מיימון! ווייסטו וואָס דאָס מיינט?"

ער לויפט צו צום רעטאָרט, ער וויל אים אָנכאַפּן, אַ שליידער טאָן און פאַרניכטן. אַ קלייניגקייט, אַן עבודה זרה שאַפן! אָבער ער באַמערקט ווי דאָס מענטשעלע וואָלט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר און שטרעקט אויס דאָס רעכטע הענטעלע, ווי עס וואָלט געזאָגט:

— מיימון, דו האָסט מיר געשוואוירן! וואו איז דיין תקיעת כף?

ער טרעט מיט שרעק אָפּ צוריק.

אָט דער געדאַנק האָט באַ אים איינגאַנצן זיין רו גערויבט. ער איז געוואָרן שרעקלאַך אומרואיק. ער האָט געפילט ווי אַ מאַמע גרייט זיך צו טויטן איר אייגן קינד.

ער פירט אָן אַ שרעקלאַכן קאַמף מיט זיך זעלבסט. אַלע מאָל, ווען ער דערנענטערט זיך צום רעטאָרט, באַמערקט ער ווי דאָס מענטשעלע גיט מיט שרעק אַ קוק מיט די קליינע אויגעלאַך און שטרעקט אויס דאָס רעכטע הענטעלע.

אַה, ווי גליקלאַך וואָלט ער איצט געווען, אַ שרעקלאַכער שטורעם זאָל פּלוצלונג אויסברעכן, אַ ווילדער פייער זאָל פּלוצלונג אויפפלאַמען און פאַרניכטן די הויז מיט דעם רעטאָרט, אפילו מיט זיך אויך!

באַנאַכט מוטשען אים בייזע חלומות: דאָ זעט ער ווי מענטשן שטייען און בוקן זיך צום נייעם גאָט! — דאָ זעט ער ווי מ'ברייננגט מענטשן קרבנות צום אייביקן מענטשן. דאָ זעט ער ווי דער אייביקער מענטש הערשט מיט זיין אומבאַגרעניצטער מאַכט און פאַרטיליקט און פאַרניכטעט אַלעס וואָס וויל אים ניט דינען. ער דערקלערט זיך פאַרן באַשעפער פון דער וועלט.

אַלע מאָל נאָך אַזאַ נאַכט פון חלומות גיט ער אַ לויף צו צום

רעטאַרט גרייט אים צו פאַרניכטן אָבער די דערשראָקענע אָפענע אויגעלאַך, דאָס אויסגעשטרעקטע הענטעלע גיט אים אַ שטויס אָפּ צוריק.

דער רמבם פילט ווי ער גייט פון זינען אַראָפּ! ער עסט ניט, ער האָט מורא זיך לייגן שלאָפן דורך די שרעקלאַכע חלומות, ער רעדט ניט צו קיינעם. אַלע זיינע באַקאַנטע קוקן אויף אים מיט מורא. זיי פאַרשטייען ניט וואָס מיט אים איז געוואָרן. ער לויפט אָפט אוועק צום ברעג ים, ער איז אָפט גרייט זיך אריינצואוואַרפן, אָבער וואָס וועט ער דערמיט פועל יוצא זיין? . . .

וואָס טוט מען? ווער קאָן אים אַן עצה געבן? ער האָט גאָר מורא אימיצן צו פאַרטרויען זיין שרעקלאַכן סוד.

איינמאָל קומט ער אַזוי אַן אויסגעמאַטערטער פון אַ שפּאַציר, באַמערקט ער פונדערווייטנס ווי עפּעס אַ סך מענטשן שטייען לעבן זיין הויז, טומעלן און לאַכן. ער גייט צו נענטער, זעט ער ווי צוויי הענער שלאָגן זיך, רייסן איינס דאָס אנדערע, פאַלן אַלע מאָל איינס אויפן אַנדערן, גרייט צו פאַרניכטן. ער קוקט אַזוי אַפּאַטיש אויף דער גאַנצער געשיכטע, ער גייט צו צו זיין טיר, ער עפנט זי אריינצוגיין, ווי איין האָן ווערנדיק געשטויסן צו דער וואַנט פון דעם צווייטן, פאַלט אריין אין דער אָפענער טיר. דער רמבם באַווייזט נאָך ניט עפּעס צו טאָן, ווי דער אַנדערער האָן שפּרינגט אריין נאָך אים און עס קומט פאָר אַ שרעקלאַכער געראַנגל אין הויז.

און דאָ האָט געטראָפן עפּעס אומדערוואַרטעטעס: די הענער האָבן אומגעוואָרפן דעם רעטאַרט, וועלכער האָט זיך באַלד צעבראָכן און דאָס קליינע מענטשעלע איז דער'הרגעט געוואָרן, נאָך ניט באַוויזנדיק אַ שטרעק צו טאָן דאָס רעכטע הענטעלע.

צו ערשט האָט דער רמבם עפּעס ניט באַנומען וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. איז דאָס ניט אַ חלום? אָבער ווען ער איז געקומען צו זיך פון איבעראַשונג און האָט באַגריפן די ווירקלאַכקייט, האָט ער איינגעזען אַז דאָס איז ניט אַנדערש ווי מן השמים.

די וואונדערלאכע רפואה

אַ גרויסער דאקטאר איז דער רמבם געווען. אַ קוק צו טאָן אויפן חולה, איז גענוג געווען פאַר אים פעסטצושטעלן דעם דיאַגנאָז פון דער קראַנקהייט.

אַ מנהג האָט ער געהאט: יעדן טאָג ווען די קראַנקע פלעגן קומען צו אים נאָך הילף, האָט דער דינער זיי אויסגעשטעלט אין צוויי שורות, דער רמבם פלעגט דורכגיין אינמיטן, אַ קוק געטאָן אויף אַ קראַנקן רעכטס, אויף אַ קראַנקן לינקס, אריינגעקוקט אין זיינע אויגן, גלייך פעסטגעשטעלט, וואָס אים איז, אים געגעבן די באַשטימטע מעדיצין און ווייטער געשפּאַנט. קיינמאָל ניט געפעלט. אויב איינער פון די קראַנקע איז שוין געווען הילפלאָז, אומהייל־באַר, האָט דער רמבם דאס אים גלייך געזאָגט אין די אויגן.

אין איינעם אַזאַ טאָג איז צווישן די קראַנקע, אויך געווען איינער, ביי וועמען דער רעכטער פוס איז געווען אינגאַנצן פּאַראַליזירט.

דער רמבם גייט דורך צווישן די קראַנקע. וועמען ער גיט אַ רפואה, וועמען אַן עצה, ער קומט צו צום קראַנקן מיטן פּאַראַליזירטן פוס, ער קוקט אים אריין אין די אויגן און זאָגט אים מיט אַ טרויעריקער שטימע: מיין פריינט, נאר איין גאָט קאָן דיר העלפן. איך האָב פאר דיר קיין רפואה ניט.

אַ פאַרצווייפעלטער, אַ דערשלאָגענער גייט דער קראַנקער ארויס פון רמבם׳ס הויז; ער ווייסט, אַז ער איז אַ פארלוירענער: אויב דער רמבם האָט אים ניט געקאָנט העלפן, וועט אים קיינער ניט קאָנען העלפן. ער האָט דאָס געוואוסט און דאָס טאקע האָט אים אריינגעבראכט אין שרעקלאכער פארצווייפלונג.

ער האָט זיך געלאָזט גיין אויף זיינע קוליעס, נאָכשלעפנדיק זיין טויטן פוס, אליין ניט ווינסדיק וואוהין, און אזוי האָט ער זיך דערשלעפּט ביז אַ נאָענטן וועלדל. ער האָט פּלוצלונג דער־פילט אַ שטאַרקע מידקייט אין אלע זיינע אברים, און האָט זיך

אנידערגעזעצט אַפּרוען. דאס ווע‏לדל איז געווען אַ שיטערס, די מערסטע בוימער זיינען געווען טויטע, נאַקעטע, פּאַרטרוקענטע; זיי האָבן ניט געקאָנט באַשיצן פון דער ברענענדיגער זון. דער באָדן האָט זיך געכוואַליעט אין זאַמד און אין שטיינער. דאס וועלדל איז, זעט אויס, געווען דער אָנהייב פון אַ מדבר.

ווען ער האָט זיך אביסל אָפּגערוט און אָפּגעכאַפּט אביסל דעם אָטעם, האָט ער דערפילט אַ שטאַרקן דורשט. ער וויל זיך אויפהייבן גיין זוכן וואַסער, אָבער זיינע אברים זיינען אַזוי ווי אָנגעגאָסן מיט בליי. ער קאָן זיך בשום אופן ניט אַ ריר טאָן פון אָרט.

— אָט דאָ איז שוין מיין סוף געקומען — טראַכט ער — קיינער פון מיינע אייגענע וועלן אפילו ניט וויסן וואו מיין געביין איז אַהינגעקומען. ער מאַכט נאָך אַ שטאַרקערע אָנשטריינגונג זיך אויפצוהייבן, — אוממעגלאַך! אַזוי ווי צוגעשמידט צום זאַמד, אויף וועלכן ער האָט גערוט. ער וויל שרייען, אָבער אין האַלז איז אים טרוקן, די צונג קוים וואָס זי רירט זיך און קאָן קיין קלאַנג ניט ארויסגעבן. יאָ, מיין סוף איז געקומען — גיט ער אַ טראַכט. און הייבט אָן שטיל צו וויינען און בעטן גאָט ער זאָל אים צושיקן אַ הצלה.

ערגעצוואו גיט אַ פּייגעלע אַ פּיסטשע. אַך, ווי ער איז עס מקנא! דאס פּייגעלע לעבט און ער שטאַרבט; דאס ווערעמל וואָס קריכט לעבט, די מוראַשקעס, פּאַרהאַוועטע, לויפן פאַרביי אים, — זיי לעבן, אָבער ער האַלט אין אָפּשטאַרבן. אויגן פול מיט שטומען געבעט, אויסגעמישט מיט פּראָטעסט זיינען געווענדט צום שוויינגנדיקן הימל. עס שטיקט אים אין האַלז. אַ, וואו נעמט מען אַ טראָפּן פייכטקייט צו באַנעצן זיין פאַרשמאַכטע צונג?

מיט שרעקלאַכן יאוש מאַכט ער צו זיינע אויגן און גרייט זיך שוין צו שטאַרבן, פּלוצלונג דערהערט ער טריט, זיינע אויגנ־לעדלאַך עפענען זיך אויף אַ ווייל, — זעט ער פונדערווייטנס, אַ מאַן פירט אַן אייזל, ער מאַכט די גרעסטע אנשטריינגונג און לאָזט

ארוים אַ משונהדיקן קלאַנג. דער מאַן באַמערקט אים, ער זעט ווי ער ליגט אַ פאַרחלש׳טער, אַ פאַרשמאַכטער. אויף צו להכעיס, האָט דער מאַן מיט זיך קיין טראָפּן וואַסער ניט. ער קומט פון דער מדבר און עס איז אים גאָרניט געבליבן פון זיין פּראָוויזיע. דער מאַן טראַכט, מיט וואָס ער קאָן אים העלפן און פאַלט אויף אַ פּלאַן. ער זוכט אויס אין וואַלד אַ גרינעם בלאַט, ער גיט אַ מעלק זיין אייזעלטע און לייגט דעם בלאַט מיט דער מילך אַנידער לעבן קאָפּ פון קראַנקן . . . דאָס איז אַלץ, וואָס ער האָט דערווייל געקאָנט טאָן פאַר אים. אַליין איילט ער זיך אין שטאָט, מורא האָבנדיג פאַר זיין אייגן לעבן.

דער קראַנקער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיט זיינע ליפּן צום בלאַט, אָבער איידער ער האָט באַוויזן צוצורירן זיך צום בלאַט, ווי אַ מוראַדיקער שלאַנגנקאָפּ באַווייזט זיך פון אונטער אַ שטיין, גיט אַ שיפּע און, אָנבויגנדיק זיך איבערן בלאַט לאָזט זי פון איר מויל ארויס אַ פּינע גלייך אויף דער מילך. ער גיט פון פאַרצווייפלונג אַ יעבע. די שלאַנג דערשרעקט זיך און ווערט פאַרשוואונדן אונ־טערן שטיין. די מילך איז פאַרסמט. טרינקט ער — שטאַרבט ער, טרינקט ער ניט, — שטאַרבט ער אויך. זיין לאַגע איז אַ שרעקלאכע, אין האַלז וואַרגט אים, זיין צונג ווערט אים אַן אי־בעריקע אין מויל, און ניט טראַכטנדיק קיין סך, גיט ער זיך אַ וואָרף מיט די ליפּן אויף דער מילך און לעקט זי אויס ביזן לעצטן טראָפּן.

ער פילט אויף אַ ווײַלע אַ דערלייכטערונג, און איז צופרידן מיט דעם מאָמענט. זאָל ער כאָטש אַ מינוט פאַרן טויט פילן גוט. ער ווייסט אַז אייניקע סעקונדן פאַרן טויט ווערט שטענדיק גרינ־גער. דאָס לעבן גיט, ווי אַן אויסגעגאַנגענעם ליכט, אַ פלאַם אויף און ווערט באַלד אויסגעלאָשן, און די סעקונדן זיינען ווי עס ווייזט אויס שוין געקומען. ער פילט ווי עס ציט אים צום שלאָפן, — יאָ, דער סוף קומט. ער פילט אָבער אַז ער האָט אַ גרינגן טויט

און איז כאָטש דערמיט צופרידן. ער גיט זיך איבער צום שלאָף און זינקט איין אין פארגעסנקייט.

וויפיל ער איז אָפגעשלאָפן, ווייסט ער ניט, נאָר ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָבן שוין שטערנדלאַך איבער אים זיך איבערגעוואונקען און א קיל ווינטעלע האָט געצערטלט זיין פּנים.

ער קוקט זיך ארום, און אין די ערשטע מאָמענטן ווייסט ער ניט וואו ער געפינט זיך. ביסלאַכווייז הייבט ער אָן אָפּפרישן אין זיין זכרון דאָס געשעענע. ער האָט דאָך געדאַרפט שטאַרבן! און ער לעבט דאָך גאָר! ער פּילט אויך אַ דערלייכטערונג אין אלע זיינע אברים. אָ! גאָט! וואָס איז דאָס? ער קאָן פריי באַוועגן מיט זיין פּאַראַליזירטן פוס! ניין, עס איז אוממעגלאַך! עס חלומט זיך אים! עס חלומט זיך אים? נו, זאָל זיין אזוי! אַ זיסער חלום איז נאָך אלץ בעסער ווי אַ ביטערע ווירקלאַכקייט! ניין, עס קאָן ניט זיין! ער דענקט דאָך אינדערוואָך. ער פּרואווט זיך ביסלאַכווייז אויפהייבן. אָ, וואָס איז דאָס? ער קאָן שטיין אויף ביידע פיס אָן זיינע קוליעס. הייסט עס אַז ער איז געזונט געוואָרן! אָבער ווי אזוי? ער דערמאָנט זיך אין דער אייזל מילך אויסגעמישט מיט שלאַנגען סם און קומט צום באַשלוס אַז דאָס איז געוועזן זיין רפואה. אויב אזוי, פאַרוואָס האָט דער רמבם, דער גרויסער דאָקטאר, דער יודע הכל, — פאַרוואָס האָט ער דערפון ניט געוואוסט? הייסט עס אַז די וועלט נאַרט זיך אין אים! און וויפיל מענטשן קומען אום צוליב זייער גלויבן אין אים?! אָ, ער וועט אים זאָגן! ער וועט אים וויזן, אַז ניט אלץ ווייסט ער!

ער לאָזט זיך גיין און פארגעסט אפילו מיטצונעמען זיינע קוליעס. ער פּרואווט שנעלער גיין, — ער גייט! ער פּרואווט לויפן, — ער לויפט. פאר גליק האָט ער אליין ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. ער לויפט, שפּרינגט, קלעטערט אויף ביימער און שרעקט איבער די פייגעלאַך, די וועוורקלאַך. אַך, ווי ליב די גאַנצע נאַטור איז איצט באַ אים! וואָס פאר אַ מאָדנע באַ־

דייט דאס לעבן האָט ביי אים איצט באַקומען! אָ, ווי ער וואָלט אומגעאַרמט אַלע פייגעלאַך, האָזעלאַך, אַלע חיות פון וואַלד! אַפילו די ווערימלאַך און מוראַשקעס, אויף וועלכע ער האָט ערשט ניט לאַנג געקוקט אויף זיי מיט אַזאַ מין קנאה! ווען ער קאָן אָט די אַלע צודריקן צו זיין ברוסט! וואָס פאַר אַ ריזיק שטאַרקע ליבע עס קלאַפּט איצט אין זיין ברוסט! ער שטעלט זיך אָפּ אין־מיטן וואַלד, די הענט אויסגעשטרעקט אין דער הויך, די לייכטענדע אויגן אויפגעהויבן צום הימל און אַ האַרציג זיסער דאַנק גיסט אַרויס, — ניין, עס שטורמט אַרויס פון זיין נשמה צום אַלער־העכסטן, וועמען אַליין ער האָט צו פאַרדאַנקען מיט זיין לעבן.

אָבער דאָס נעמט ניט אַוועק פון אים זיין באַגער צו גיין צום רמב״ם, זאָל ער אים אַפילו דאַרפן אויפוועקן פון שלאָף, און אים ציינן, ווי איגנאָראַנט ער איז, ווי מענטשן טאָרן ניט זיין איינגע־גלויבט אין אים.

דער רמב״ם, נאָך אַ טאָג שווערע אַרבעט, מיד און דערשעפּט פון די פילע חולאים, איז ער פאַרנאַכט צו אַרויסגעגאַנגען אין זיין גאָרטן אַביסל זיך דורכצושפּאַצירן, זיין מיט זיך אַליין און זיך פאַנאַנדערקלייבן אין זיינע פילע רעיונות, וואָס פּלאָנטערן זיך אין זיין שאַרפן מוח. נאָכדעם, ווי ער האָט מיטן פּנים געווענדט צו מזרח, אָפּגעדאַוונט מעריב, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אויפן פּלויט, וואָס שיידט אָפּ די גאַס און מיט באַוואונדערונג בעאָבאַכטעט דעם אויסגעשטערנטן הימל מיט דער נאַרוואָס דערשיינענער לבנה.

פּלוצלונג דערטראָגט זיך צו זיין אויער האַסטיגע טריט. ער וואַרפט זיין בליק צו יענער זייט און מיט דערשטוינונג דערקענט ער יענעם חולה, וועמען ער האָט געהאַלטן פאַר אומהיילבאַר. ער איז באַלד אַרויס פון גאָרטן און צו צו אים אַנטקעגן. זיין שאַרף אַדלער אויג האָט באַם שיין פון דער לבנה באַלד דורכגעדרונגען די אַלע באַהאַלטענע ווינקעלאַך פון יענעמס גוף און נשמה. און נאָך איידער יענער האָט אויפגעעפנט זיין מויל, האָט דער רמב״ם

אים געזאָגט: זעסטו, נאָר די מילך פון אן אייזעלטע, וואָס איז שוין זיבן דורות א בכורה און סם פון א שלאנג, וואָס איז אויך שוין זיבן דורות א בכור, — נאָר דער געמיש פון אָט דיביידע מינים, האָט געקאָנט אויסהיילן דיין קראנקהייט. איך האָב עס געוואוסט, האָב געזען די אומעגלאכקייט דאס צו באקומען, איך האָב דיר געמוזט זאָגן דעם אמת... איצטער דאנק דעם אלמעכטיקן, וואָס האָט דיר צוגעשיקט אָט די ביידע זאכן, א דאנק וועלכע דו ביזט געזונט געוואָרן.

דער מאן איז געבליבן שטיין דערשטוינט און האָט ניט געקאָנט זיין מויל עפענען. ער האָט זיך פאר זיך אליין געשעמט, וואָס ער האָט אזוי פאלש געטראכט פונם רמבם. ער איז געפאלן פאר זיינע פיס און געבעטן פארגעבונג פאר זיינע שלעכטע רעיונות. ער האָט אים דערציילט אלעס, וואָס איז מיט אים פאָרגעקומען.

שטיי אויף — זאָגט דער רמבם — דו דארפסט זיך ניט אנטשולדיקן פאר מיר, איך האָב דיר קיין גוטס ניט געטאָן. דאנק בעסער גאָט פאר זיין גרויסן חסד, וואָס ער האָט מיט דיר געטאָן, צושיקנדיק דיר די רפואה, ווען דו האָסט געהאַלטן באַם שטאַרבן.

און דער מאן איז אוועק פונם רמבם א גליקלאכער, א צופרידענער און מיטן געדאנק, אז דער רמבם איז טאַקע דער גרעסטער דאקטאר, צו וועמען מ׳דארף האָבן פולן צוטרויען.

שלמה אבן גבירול און דער פייגנבוים

אין יענער גאָלדענער צייט פון אראביש־שפאניען, וועלכע האָט זיך אזוי באַרימט געמאַכט מיט אזעלכע פּאָעטן־דיינקער, ווי יהודה הלוי, אברהם אבן עזרא, דער רמב״ם און אנדערע, אין יענער צייט האָט געלעבט דער באַרימטער פּאָעט און דענקער שלמה אבן גבירול. מ׳רופט אים: „דער פּאָעט פון טרויער”. ער האָט זייער יונג פארלוירן זיינע עלטערן און איז געבליבן איינזאַם אויף

דער גרויסער ברייטער וועלט אָן עלטערן, אָן ברידער און שוועס־טער, אָן קרובים און פריינט. די דאָזיקע איינזאַמקייט דריקט ער שטאַרק אויס אין זיינע פריסטע לידער. אליין איז ער געווען שיין און שטאָלץ מיט אַ נאָבל הארץ און ריינעם לעבן. ווער עס האָט אים נאָר געקאַנט פערזענלאַך, האָט אים ליב געהאַט. זיינע שירים אָבער, אין וועלכע עס איז געווען אַ מין געמיש פון הומאָר און פאַ־טאָס, האָבן געוואונען פאַרן פּאָעט אַן אוניווערסאלע אנערקענונג. דער שם פון אבן גבירולס פּאָעזיע האָט זיך פארשפּרייט איבער פילע שטעט און לענדער. יעדעם מויל איז געווען פול מיט זיין רום; גרויסע מענער האָבן געזוכט זיין פריינטשאַפט, און אפילו די פרינצן פון שפּאַניען האָבן געזוכט זיך צו באקענען מיט אים און הערן זיינע לידער.

עס איז שווער צו גלויבן אַז אַזאַ מאַן ווי שלמה זאָל האָבן שונאים. און דאָך האָט ער געהאַט איינעם אַ שרעקלאַכן שונא, זיינער אַ שכן, אבן האשאם, אַ מור, האָט מקנא געווען שלמה'ס גרויסן שם און האָט געהאַסט דעם מאַן, וועמען די גאַנצע וועלט האָט ליב געהאַט. אים האָט פאַרדראָסן, וואָס אַלע רעדן פון דעם אידישן פּאָעט מיט אַזאַ באַגייסטערונג און די קנאה האָט אים גע־בראַכט צו מערדערישע געדאַנקען. ער האָט באַשלאָסן אים אָפּ־צוראַמען פון וועג.

אַ שטיקל צייט האָט ער געהאַלטן זיין פּלאַן בסוד. ער האָט ארומגעטאַנצט ארום פּאָעט מיט האָניק־זיסע קאָמפּלימענטן, ארויס־געוויזן צו אים אויסערגעוויינטלאַכע פריינטשאַפט, און זיך באַצויגן צו אים, גלייך ער וואָלט געווען פון זיינע גרעסטע פארערער. עס איז ניטאָ קיין לייכטערע זאַך צו געווינען דעם קינדערש־נאַאיוון צוטרויען פון אַ פּאָעט ווי צו לויבן זיינע שאַפונגען. פּונקט ווי אַ מאַמע טרויעט איינגאַנצן דעם, וועלכער לויבט אירע קינדער, אזוי אויך דער פּאָעט האָט דעם פולסטן צוטרויען צו דעם, וועלכער לויבט די פרוכטן פון זיין מוח.

און אזוי האָט דער נאָבעלער שלמה געטרויט זיין פּאַלשן

פריינט און האָט אין איין טאָג אָנגענומען די איינלאַדונג צו קומען אין זיין איינזאַמער ווילע. ער האָט ניט געהאט דעם מינדעסטן חשד וועגן האשאם'ס טייוועלשן פּלאַן, אפילו ווען ער האָט קיינעם ניט געפונען אין הויז, חוץ האשאמען, כאָטש נאָך אַנדערע האָבן געזאָלט דאָ זיין. ווען שלמה האָט אים וועגן דעם געפרעגט, האָט האשאם געענטפערט: זיי וועלן מסתם באַלד קומען; דערווייל לאָמיר זיך דורכשפּאַצירן אין גאָרטן. און אזוי האָט ער אַהין אוועקגעפירט דעם צו זיך פאַרטרויטן פּאָעט.

עס איז געווען אַ ליבער פרילינג טאָג; די לופט קיל און מילד, אָנגעזאַפּט מיט פאַרשידענע ריחות פון זיס שמעקנדיקע בליטן. די זון האָט זיך שוין דערנענטערט צום האָריזאָנט, דער אָוונט שטערן האָט מיט שטאָלץ ארויסגעשיינט פונם מזרח. אַלע פייגל זיינען שוין שטום געווען, חוץ דעם נאַכטיגאַל, וועלכער האָט אָנגעפאַנגען זיין נאַכט־קאָנצערט.

שלמה'ס פּאָעטישע נשמה האָט מיט טיפן דורשט געטרונקען דעם צויבער פון דער שיינער נאַטור. טויזנטער פאַנטאַזיעס זיינען אויפגעשוואומען אין זיין מוח און שירים אויף שירים האָבן אומ־וויליק זיך געצויגן צו זיינע ליפּן.

— ווי פּרעכטיק שיין איז דאָס לעבן! — האָט ער אויסגע־שריען צו זיין באַגלייטער — די גאַנצע נאַטור, זעט צו זיין געשאַפן פאַרן מענטשן.

— יאָ, דאָס לעבן וואָלט זיכער געווען שיין, ווען עס זאָל דער פּאָדעם פּלוצלונג ניט ווערן איבערגעריסן, דאָרט וואו דו האָפסט נאָך לאַנג צו לעבן.

— יאָ, פריינט, דו האָסט געזאָגט אן אמת,—ענטפערט שלמה, פיל מאָל, ווען דער מענטש געניסט פון פולן פאַרגעניגן פון לעבן און ער האַלט אינמיטן בליען, ווערט ער פּלוצלונג אוועקגעשלעפּט פונם טויט.

— יאָ, אזוי ווי דו, פאַרפלוכטער קערל! — האָט האשאם ארויסגעגרילצט ווי צו זיך.

— וואָס האָסטו געזאָגט? — פרעגט דער פּאָעט, וועלכער האָט געכאַפּט די ערשטע ווערטער. — איך? וואָס פאַר אַ געפאַר דער־וואַרטעט מיך?

האשאם האָט אים ניט געגעבן קיין ענטפער. דערווייל זיינען זיי צוגעקומען צו אַן איינזאַמען פּלאַץ, וואו עס איז געשטאַנען אַן איין־און־איינציקער פייגנבוים מיט אַ סך צווייגן. ער איז נאָך ניט געווען באַדעקט מיט זיינע ברייטע בלעטער. דאָ און דאָרט האָט זיך עפּעס אַ קנאָספּ געעפנט, אָדער אַ ווייך בלעטל האַלט זיך אין באַפרייען פון זיין געפאַנגענשאַפט.

— דאָ איז דיין קבר! — האָט האשאם געענטפערט אין אַ פאַרדומפּטן קול, אָנווייזנדיק אויף אַ גרוב אונטער דעם בוים...

— דאָרט וועסטו רוען היינט באַנאַכט.

— איך פאַרשטיי דיך ניט — האשאַם, רעד קלאָרער.

— איצט וועסטו שוין פאַרשטיין! — האָט אַ רעווע געטאָן האַ־שאַם, אריינשטעכנדיק אַ קורצן שפּיז אין דער ברוסט פון דעם אומבאַוואָפנטן פּאָעט.

שלמה האָט געזונקען צו דער ערד, ער איז אָבער נאָך ניט גע־ווען טויט און האָט ארויסגעשטאַמלט מיט אַ פאַרדומפּטער שטי־מע: רוצח, דו האָסט מיך דערהרגעט און דאָ איז קיינער ניטאָ צו זיין אַן עדות קעגן דיר, אָבער דער אַלוויסנדער וועט דיך ניט אָפּ־לאָזן אומבאַשטראָפט. די פרוכט פון דעם בוים וועט רעדן און דיך ארויסגעבן אַלס דעם מערדער.

ראשאם האָט הויך אַ לאַך געטאָן און געזאָגט: — איך וועל אָנזאַפּן די וואָרצלען פון דעם בוים מיט דיין בלוט, וועלכעס וועט מוזן שווייגן. באַלד נאָכדעם האָט ער באַגראָבן דעם קערפּער אונ־טערן פייגנבוים און פאַרלאָזט דעם גאָרטן.

מ׳קען זיך פאָרשטעלן ווי שטאַרק דער באַליבטער פּאָעט האָט אויסגעפעלט צו יעדן. קיינער האָט ניט געוואוסט וואו ער איז אַוועקגעגאַנגען און דערפאַר האָט קיינער ניט געקאַנט טרעפן וואָס מיט אים האָט פּאַסירט.

פיל וואָכן זיינען פאַרגאַנגען און שלמה האָט זיך ניט צוריקגעקערט. אַלע זיינע פריינט זיינען געווען שטאַרק באַזאָרגט פאַרן פאַרלוסט פון זייער באַליבטן פּאָעט.

דער מערדער האָט אָנגעקווועלט פון זיין געלונגענע שטיקל אַרבעט.

ווידער אַמאָל האָט זיך צוריקגעקערט דער נייער פרילינג און האָט אויפגעוועקט אַלע איינגעשלאָפענע זאמען צום לעבן. די פעלדער האָבן זיך אָנגעטאָן אין אַ פריש גרין קלייד, די מאַראַנצן און ציטריןביימער האָבן ארויסגעגעבן גרינע בלעטער. די אייל בירטן, פייגנביימער און וויין טרויבן האָבן אָנגעהויבן ארויסצוברייגען זייערע קנאָספּן. האָט דער פייגנבוים אונטער וועלכן עס איז געלעגן באַגראָבן דער פּאָעט, אויך געבליט און געגעבן פרוכטן? וועט דער בוים אומצייטיק ניט אומקומען, נאָכדעם ווי ער האָט בייגעוואוינט אַזאַ שרעקלאַכן אַקט פון גרויזאַמקייט? וועט ניט דעם פּאָעט׳ס נאָבל בלוט אָנגרייפן זיינע וואָרצלען און טויטן זיין שטאַם? אָבער ניין! עס ווייזט אויס אַז דער בוים האָט נאָך געצויגן טאָפּעלטן כח פון דעם פּאָעט׳ס בלוט, בעת די אַנדערע פייגענבוימער האָבן נאָרוואָס אָנגעהייבן ארויסצושפּראָצן זייערע קנאָספּען, איז דער בוים שוין געווען באַדעקט מיט די פיינסטע און זאַפטיגסטע פייגן, וואָס ווער האָט ווען געזען דאָ אין לאַנד. דער אייגנטימער האָט טריאומפירט, האָט צוזאַמענגערופן זיינע פריינט און באַקאַנטע צו באַוואונדערן דעם בוים, וועלכער האָט זיך אַזוי געפּעדערט מיט זיינע זאפטיגע פרוכטן. יעדער פון זיי האָט פּשוט געשטוינט פון אַזעלכע אויסערגעוויינטלאַכע פייגן און האָט אים געפרעגט פאַרוואָס גראַד דער בוים האָט געגעבן פרוכטן אַזוי פרי? האשאם האָט מיסטעריעז געשמייכלט און געזאָגט: יא, מיינע פריינט! איך קאָן אייך ניט דערקלערן דעם כישוף וואָס דער בוים באַזיצט.

די גאַנצע וועלט האָט אָנגעהויבן צו רעדן פון האשאם׳ס פייגנבוים, עס פאַרשטייט זיך, ווי אַלע מאָל אין אַזעלכע פאַלן, גיט מען גוזמא׳דיק פאַרגרעסערטע מעשיות. מ׳האָט גערעדט פון הא־

שאמען ווי פון עפּעס אַ גרויסן מכשף, וועלכער איז פאַרבונדן מיט די אונטערערדישע כוחות. צו לעצט האָבן די זאָנדערבאַרע מעשיות דערגרייכט אויך צו די אויערן פון דעם כאַליף. ער האָט באַשלאָסן אַליין מיט זיינע אייגענע אויגן צו זען דעם וואונדערבאַרן בוים און אין איין טאָג איז ער דערשינען מיט זיין סוויטע אין האַשאַם׳ס גאָרטן.

אַזוי שנעל, ווי דער מערדער האָט דערזען דעם כאַליף, האָט ער אָנגעהויבן ציטערן ווי אַ בלאַט און ווען דער לעצטער האָט זיך געהייסן ווייזן דעם פייגנבוים איז האַשאַם געוואָרן בלאַס ווי אַ מת.

— וואָס איז מיט דיר, האַשאַם? — זאָגט דער כאַליף. — ס׳וועט דיר ניט פאַרדריסן, ווען איך וועל אָפּרייסן אַ פּאָר פרוכטן פון דיין פייגנבוים. קום, פיר מיר צו.

דער מערדער האָט זיך ווי עס איז אָנגענומען מיט מוט און צוגעפירט דעם כאַליף צו דעם איינזאַמען בוים. דער כאַליף מיט זיינע הויפליים האָבן געשטוינט צו קוקן אויף די גרויסע, וואונדערלאַכע זאַפטיקע פייגן. ער פרעגט האַשאַמען:

— איך גלויב קוים די מעשיות וואָס מ׳דערציילט פון דיר אַז דו ביסט פאַרבונדן מיט די אונטערערדישע טייוואָלים, אָבער קום אַהער און דערצייל מיר דעם סוד. איך וויל עס וויסן.

די דאָזיקע ווערטער האָבן האַשאַמען אַריינגעוואָרפן אין אַ שרעקלאַכער פאַרלעגענהייט. ער איז אַזוי געוואָרן צומישט, אַז ער איז געשטאַנען און האָט ניט געקאָנט אַ וואָרט אויסריידן. דער כאַליף איז אין כעס געוואָרן און האָט שטרייננג געפאָדערט צו דערציילן אים דעם סוד. אָבער האַשאַם איז געשטאַנען ווי אַ שטומער. דער כאַליף איז געוואָרן צורייצט פון האַשאַמס עקשנות און האָט באַפוילן אים געבן אין אינקוויזיטאַרישן טאַרטור עקזאַמען. הערנ־דיק דאָס, האָט אין אים אַ קלאַפּ געטאָן זיין געוויסן, ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו די פיס פונם כאַליף און האָט געבעטן רחמים נאָך איידער ער האָט זיך מודה געווען. דאָס האָט נאָך מער פאַר־

שטאַרקט דעם חשד און אָנהייבנדיק אָנצואווענדן דעם טאַרטור מיטל, האָט זיך דער מערדער אינגאַנצן מודה געווען.

עס איז גלייך געמאַכט געוואָרן אַן אונטערזוכונג, און דעם פּאָעט'ס קערפּער איז געוואָרן אויפגעדעקט אונטערן פייגנבוים. אַלע אַנוועזענדע האָבן מיט שרעק געקוקט אויף דעם פאַל און געפאָדערט אַז דער אויסוואורף זאָל באַשטראָפט ווערן לויטן געזעץ.

— ניין, — האָט געזאָגט דער כאַליף. — דער ברוט זאָל אויפגעהאַנגען ווערן אויף דעם זעלבן בוים, וועלכער זאָגט עדות אויף זיין מאָרד. זאָל ער דאָ פוילן און געשאָלטן ווערן פון יעדן איינעם, וואָס האָט ווען פאַרזוכט אַ פרוכט פון דעם דאָזיקן בוים. זאָל דער גאַנצער גאָרטן פאַרוויסטעט ווערן, נאָר דער פייגנבוים זאָל איבערבלייבן פאַר אַן אייביקן אָנדענק און וואָרנונג.

דעם כאַליפ'ס באַפעל איז פּינקטלאַך געווען אויסגעפילט. דער מערדער איז אויפגעהאַנגען געוואָרן אויפן פייגנבוים; דער שיינער גאָרטן מיט אַלע בוימער און גראָזן איז צעשטערט און פאַרוויסט געוואָרן, און נאָך אַ לאַנגע צייט נאָך דעם איז דאָס פּלאַץ געווען פאַרשאָלטן און אויסגעמידן פון אַלעמען.

רש״י (רבי שלמה יצחקי)

רש"י איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געגעבן אַ פּירוש אַף תנ"ך, וואָס האָט דערקלערט אַלע שווערע ניט פאַרשטענדלאַכע ווערטער און פּסוקים. ער האָט אויך געמאַכט אַ פּירוש אָפן תלמוד, אָן וועלכן עס וואָלט אומעגלאַך געווען צו פאַרשטיין סיי די שפּראַך, סיי דעם זין פון פילע אויסדרוקן. עס איז שווער צו געפינען, ווער עס זאָל האָבן אַזוי פיל ביייגעטראָגן צו דער אויפקלערונג פון תנ"ך און תלמוד אַזוי ווי רש"י האָט עס געטאָן.

רש"י איז געבוירן אין פראַנקרייך אין 1030 און געשטאָרבן אין 1105. ד. ה. געלעבט 65 יאָר.

אזוי ווי פון יעדן גרויסן מענטשן, וועבן זיך אויך ארום אים פילע פארשידענע לעגענדעס. איינע פון די לעגענדעס גיבן מיר פאר אייך דאָ.

רש״י׳ס שותף אין גן עדן

ווען רבי רש״י איז אַלט געוואָרן 60 יאָר און האָט דערפילט ווי עס ווערט אַלץ נעענטער צום סוף פון זיין לעבן, האָט ער אויס־געדריקט אַ וואונטש צו וויסן, ווער וועט עס זיצן מיט אים באַ איין טיש אויף יענער וועלט אין גן עדן.

ער האָט פארשטייט זיך ניט געהאַט דעם מינדעסטן צווייפל, אַז אַזאַ צדיק ווי ער, וועלכער האָט זיין גאַנצן לעבן ניט אָפּגעטראָטן פונם דרך הישר אפילו כחוט השערה, וועט זיכער האָבן דעם גן עדן און וועט זיצן פאר אַ גאָלדענעם טיש אויף אַ גאָלדענעם שטול, מיט אַ פּערל־קרוין אויף זיין קאָפּ און וועט הנאה האָבן מזיו השכינה.

ער האָט אָבער געוואָלט וויסן, ווער וועט עס זיין דער אַנדערער גליקלאַכער מענטש, וועלכער וועט זוכה זיין צו זיצן ארום דעם זעלבן טיש לעבן אים.

ער האָט געפאַסט תעניתים, האָט געטאָן תפילה צו גאָט, ער זאָל פאר אים מגלה זיין דעם נאָמען פון דעם מענטשן.

איינמאָל חלומט זיך אים ווי מ׳רופט אָן דעם נאָמען פון זיין קונפטיקן שותף אין גן עדן:

— דאָן אברהם גרשון, צדיק פון בארצעלאָנע.

דערוויסנדיק זיך דערפון, איז רש״י געוואָרן נייגיריק און באַ־קומען אַ שטאַרקן חשק זיך צו טרעפן נאָך דאָ אויף דער וועלט מיט זיין שותף אין עולם הבא, און האָט אונטערגענומען אַ רייזע קיין בארצעלאָנע.

נאָך זיין פארשטעלונג, האָט געדארפט זיין גן עדן פריינט האָבן אַ בלאַסן פנים, איינגעגראָבענע אויגן, אַ לאַנגע באָרד, אַן איינגע־בויגענע פיגור, אַ מאַן וואָס איז יומם ולילה געזעסן על התורה ועל העבודה, געפאַסט אַ סך תעניתים און האָט אינגאַנצן מבטל געווען

די עולם הזה. נאָר אַזאַ מאַן האָט, לויט זיין באַגריף, געקאָנט פאַרדינען צו אָנגערופן ווערן „צדיק".

עס איז דעריבער געווען פאַר רשי אַ גרויסע איבערראַשונג, ווען ער איז געקומען קיין בארצעלאָנע און האָט ניט געקאָנט געפינען קיין מאַן מיט דעם נאָמען „אברהם צדיק". אמת, פילע פּערזאָנען האָבן געהאַט דעם כבוד אָנגערופן צו ווערן „צדיק", אָבער ניט מיטן נאָמען אברהם גרשון. נאָר נאָכפאָרשנדיק צו עס איז בכלל אין בארצעלאָנע פאַראַן אַ מאַן מיטן נאָמען „אברהם גרשון", האָט ער באַקומען אַן ענטפער:

— וואָס, מיינסטו דאָן אברהם דעם גביר? ווי געשיקט זיך, אז אַ מאַן ווי דו זאָל אפילו האָבן אין געדאַנק נאָכצופרעגן זיך נאָך אַזאַ כופר בעיקר, וועלכן מ'זעט קיינמאָל ניט אין שול, וועלכער עסט שפּייז צוגעגרייט פון אַ גוי. מיר וואונדערן זיך אַלע, פאַרוואָס ער שמדט זיך ניט און זאָל ער אויסגעמעקט ווערן פונם ספר החיים! ניין, רבי! דו קאָנסט קיין עסקים ניט האָבן מיט אַזאַ רשע.

„נו, טאַקע אַ פיינער חברהמאַן איז מיין קונפטיקער שותף אויף יענער וועלט" — טראַכט רש"י, און גיט אַ בליק צוריק אויף זיין פאַרגאַנגענעם לעבן, צי האָט ער עפּעס אַמאָל ניט באַגאַנגען אַ חטא, דורך וועלכער ער האָט זיך פאַרדינט אַזאַ שטראָף.

— דו וועסט זיכער ניט באַזוכן אָט יענעם מאַן, — האָט אים געוואָרנט דער רב פון בארצעלאָנע.

— פאַרוואָס ניט? אפשר וועט זיך מיר איינגעבן אים אַרויפצופירן אויפן דרך הישר.

— מאַך זיך ניט נאַריש! אים וועט שוין קיין תשובה ניט העלפן. אָבער טו ווי דו פאַרשטייסט.

ווען רש"י איז צוגעקומען צום הויז פון דאָן אברהם, איז ער שרעקלאַך דערשטוינט געוואָרן: דאָס איז געווען אַן אמת'ער פּאַלאַץ, געבויט מיט אַזאַ שיינקייט און געשמאַק, ס'האָט אַזש געריירט דאָס האַרץ פונם אַלטן רבין, וועלכער האָט נאָר געקענט געפינען דעם איינציגן חטא, וואָס עס איז ניט אַנשטענדיג פאַר אַ בן ישראל

צו וואוינען אין אזא רייכן פּאַלאַץ, ווען אזוי פיל אָרעמע ברידער זיינען פאַרמשפּט צו וואוינען אין אזא אָרעמקייט און שמוץ. אריינ־גייענדיג אין הויף, האָט ער זיך געפונען אין אן אָפענעם פאָדער הויז, וואו שווייצארן מיט גאָלד באַפּוצטע ליווריייען באַוועגן זיך הין און הער צונעמענדיק געסט, וועלכע שטייגן ארויס פון רייכע קאַרעטעס. ער האָט שוין געוואָלט צוריק גיין און האָט איינעם פון די דינער אָנגערופן זיין נאָמען, האָפנדיג אז ער וועט קאָנען אומ־באַמערקט זיך ארויסגליטשן, האָבנדיק אַ גוטע אנטשולדיגונג, אָבער דער דינער האָט אים אויפגענומען מיט דער גרעסטער העפ־ליכקייט, האָט אים ארויפגעפירט דורך ברייטע מאַרמאָרנע טרעפּ אין אַ רייכן אנטיק צימער, וואו ער האָט אים געבעטן צו וואַרטן עטלאַכע מינוטן.

ווען רש״י איז געבליבן אליין האָט ער אַ טראַכט געטאָן: עפּעס מוז דאָ זיין אַ טעות. דאָס איז אַ שלעכטער איד, אַ מענטש אינ־גאַנצן אָן שום אמונה. ער האָט זיך צוגעגרייט דאָ אויף דער וועלט זיין גאָלדענעם שטול, זיין גאָלדענעם טיש, זיין גן עדן התחתון. ווי קומט ער צו זיין זיין שותף אויף יענער וועלט? ער איז צו רייך איך זאָל אים קאָנען באַוועגן תשובה צו טאָן און ארויספירן אויפן דרך הישר, אָבער איך וועל פּרובירן, איכל טאָן וואָס עס איז אין מיין רשות; איך בין דאָך ניט מער ווי אַ געצייג אין גאָטס הענט.

די טיר האָט זיך געעפנט און דאָן אברהם, אַ הויכער שיינער מאַן ארום 30 יאָר אַלט, קומט אריין. ער האָט זייער פריינטליך באַגריסט דעם גאַסט מיט די ווערטער:

— לאָמיר האָפן אז מיין באַשיידענער אָפּדאַך וועט לאַנג־לאַנג האָבן דעם גרויסן כבוד דורך דער אנוועזנהייט פון אזא געהויי־בענעם, געלערנטן און פרומען גאַסט ווי דו.

— פרום! שרייט אויס רש״י — ווי וואַגסטו צו דערמאָנען דאָס וואָרט פרום, — צו רעדן פון פרומקייט, דו, דער כופר בעיקר! זאָלסט וויסן זיין אז איך בין צו דיר געקומען אין נאָמען פון אונ־זער האר גאָט.

— געווים ווייס איך דאָס — שלאָגט אים איבער דאַן אברהם מיט א שמייכל — שוין דערפאַר זאָג איך דיר טאַקע נאָכאַמאָל, אַז דו ביסט מיר זייער ווילקאָמען. און וואָס עס איז שייך דיין פּאָר־וואורף, קאָנסטו אים צוריקהאַלטן; דעם אָרט לעבן האָב איך מיר אויסגעקליבן און עס איז מיין אחריות. קום, זיי פריינטלאַך. לאָ־מיר בעסער זיך נעענטער באַקענען. און קודם כל בעט איך פון דיר א טובה מיך צו באַערן מיט דיין אנוועזנהייט מאָרגן אויף מיין חתונה.

— אה! דו האָסט חתונה! מסתם עפּעס א גויאישע טאָכ־טער?

— ניין, א בת ישראל, א ליבע גוט הארציגע מיידל, קום מאָרגן, וועסטו זי זען.

— איז זי רייך?

— ניין.

— יא, ווען זי זאָל נאָר אריינגעפירט ווערן אין א גוט אידיש הויז, דאָס וואָלט זייער גוט געווען.

— איבעריגענס — ווער ווייסט? — אפשר איז דאָס א מצוה. גוט, איך קום.

זייער געשפּרעך איז געשטערט געוואָרן דורך א דינער, וועל־כער האָט געמאָלדן אַז אן אָרעמע פרוי וויל זען דעם באַלעבאָס.

— זאָל זי וואַרטן א מאָמענט, — זאָגט דאַן אברהם.

— אן אָרעמע פרוי — שרייט אויס רש"י — מאָרגן האָסטו חתונה, און דו האָסט נאָך ניט א טראַכט געטאָן פון די פילע אָרעמע, דו דערלויבסט זיי נאָר צו קומען דיך דערמאָנען וועגן דיין חוב! א חרפּה!

— מיין טייערער רבי רש"י, — זאָגט דאַן אברהם — דו ביסט צו שטריינג! כדי דו זאָלסט אליין קאָנען משפּטן, בעט איך דיך גיין מיט מיר באַגעגענען די אָרעמע פרוי און פרעג איר וואָ־סערע פראַגן דו ווילסט.

זיי זיינען אריינגעגאַנגען אין צימער, וואו די פרוי האָט גע־

װאָרט און אויף די פראַגעס פון רש״י, האָט זי געענטפערט:
— נדבות גיט ער, װי איך װײס, צו אַלע אָרעמע; איך בין אָבער ניט געקומען אַהער נאָך נדבות.

רש״י איז דערװײל געװען צופרידן צו הערן אַז זײן שותף פון יענער װעלט איז אַמװײניקסטן אַ בעל צדקה. ער האָט געשװיגן װען דאַן אברהם האָט געפרעגט דער פרוי:
— װאָס־זשע פאַרלאַנגסטו; װאָס קאָן איך טאָן פאַר דיר?
— איך װיל דײן עצה — ענטפערט די פרוי.
— רעד און זײ זיכער צו הערן פון מיר אַ פרײנטלאַכע עצה.
זאָגט די פרוי:
— איך בין אַן אָרימע אַלמנה מיט 4 קינדער, דרײ פון װעלכע זײנען נאָך זײער יונג. מײן עלטסטער זון, אַ בחור פון 18 יאָר אַלט, אַרבעט פאַר אונזער חיונה, און מיט זײן ערלאַכקײט און פלײ־סיקער אַרבעט, האָט ער פאַר אונז געשאַפן אַ שײנע גוטע הײם; אָבער איצט איז ער קראַנק, מסוכן קראַנק.
— אַזױ, גוטע פרוי, דאַרפסטו דאָך האָבן אַ דאָקטאָר, איך שיק דיר באַלד מײן אײגענעם דאָקטאָר.
— נײן, דאָן אברהם, אַ דאָקטאָר װעט אים ניט העלפן. מײן זון איז קראַנק דורך אַן אומגליקלאַכער ליבע. עס איז דאָ פאַראַן אַ יונגע מײדל אָרעם און ערלאַך אַזױ װי ער אַלײן, אין װעמען ער איז פאַרליבט און האָט געהאָפט מיט איר חתונה צו האָבן; נאָר אירע עלטערן צװינגען איר חתונה צו האָבן פאַר אַ רײכן מאַן.
— פרױ! צו װאָס זאָגסטו דאָס מיר? — זאָגט דאָן אברהם.
— װײל דו ביסט דער מאַן, דאָן אברהם; און אַז איך האָב עס דיר שױן געזאָגט, לאָז איך דיך איבער צו טאָן און דײן געװיסן.
— װאָס איז דײן זונס נאָמען — פרעגט דאָן אברהם מיט אַ ציטערדיק קול.
— אברהם בן עמנואל.
װען זײ זײנען געבליבן אַלײן, און רש״י, זעענדיק דאָן

אברהם'ען א טויט בלאסן, מיט גרויסע טראָפּנס שווייס אויף זיין שטערן, רופט ער זיך אָפּ צו אים מיט געפיל:

— נאָכאַלעמען, איז דאָס גאָרניט. איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהערט אז א מאַן זאָל שטאַרבן דורך א ליבע.

— ניט געהערט? — רופט זיך אָפּ דאַן אברהם.

— ניין, געוויס ניט. קאנסט זיכער זיין אז דער יונגער בחור וועט דערפון ניט שטאַרבן. יונגע מענטשן מאַכן אָפּט צופיל טומל וועגן זייער ליבע. נאָך א שטיקל צייט וועט ער געפינען אן אַנדער מיידל אזא פיינע ווי די.

— ניין, עס איז ניטאָ נאָך אַזעלכע אונטער דער זון! — האָט דאַן אברהם מיט ווייטאָג אויסגעשריען. — נאָר איין זון איז דאָ אין הימל. נעם זי צו און אַלעס ווערט פינצטער, די לופט — קאַלט, די פעלדער האָבן קיינע ווייכע גראָז און דער גאָרטן — קיינע בלו־מען! נעמסטו זי צו, נעמסטו צו דאָס לעבן.

לעבן אָן ליבע איז גאָרניט! אה, די פרוי איז געווען גערעכט!

— יא, יא, דאַן אברהם, איך וואָלט זייער געוואָלט אביסל פאַרלייכטערן דיינע שמערצן. עס איז דער חוב פון א גאַסט צו טיילן זיך מיט די צרות פון זיין באַלעבאָס. עס קאָן טאַקע זיין שטאַרק נישט אנגענעם, אפילו שמערצלאַך פאַר דעם ליבהאָבער, איך דענק גאַנץ ערנסט, אַז עס איז דאָ קיין געפאַר ניטאָ פאַרן טויט, אָבער עס פאַרשטייט זיך, עפּעס מוז געטאָן ווערן פאַר דער פאַמיליע.

— ביסט גערעכט, רבי רש"י. איך האָף אַז איך וועל עפּעס טאָן פאַר דעם מאָרגן. פאַרגעס ניט צו קומען צו מיר מאָרגן מנחה צייט.

נעקסטן טאָג האָט רש"י ניט פאַרפעלט פּינקטלאַך צו קומען אין צייט צום פּאַלאַץ, וועלכער איז געווען אַרומגערינגלט מיט א גרויסן עולם מענטשן, בעת דורכן טויער האָט זיך אריינגעגאָסן א שטראָם מיט געסט, וועלכע זיינען געקומען גראַטולירן דעם איי־גענטימער פון פּאַלאַץ.

די חופה, אונטער וועלכער די חתונה צערעמאָניע האָט באַ־דארפט פאָרקומען, איז שוין געווען אויפגעהויבן אין הויף, דער מארמאר באָדן פון וועלכן איז געווען אויסגעשפרייט מיט בלומען.

עס איז שוין געזאָגט געוואָרן די נויטיגע תפילה. די כלה, באַגלייט פון אן אָרקעסטער און שטורקארצן, איז אריינגעפירט גע־וואָרן אין הויף. ווען דער רב האָט אָנגעהייבן לייענען די כתובה, האָט דאן אברהם באַמערקט: עס מוז איין זאַך אויסגעבעסערט ווערן: דער נאָמען פון דעם חתן איז ניט אברהם גרשון, נאָר אברהם בן עמנואל. איך בין נאָר געווען דער שדכן. אַלעס אנדע־רע דארף גיין ווי געווען. איך לאָז איבער אברהם בן עמנואל צו פירן מיינע געשעפטן, איך פאַרנעם זיך אויף אַ לאַנגער נסיעה. הורא! זאָלן די כלי־זמר און פאַקל־טראָגער באַגלייטן אברהם בן עמנואל און זיינע קרובים אין פאַלאַץ אריין.

— אה! — האָט אויסגעשריען רש״י — דו ביסט געווים ווערט צו זיין מיין שכן אין גן עדן.

צו ערשט איז רש״ס אויסגעשריי אזוי ווי פאַרטויבט געוואָרן אומבאַמערקט, אָבער נאָכדעם ווען רש״י האָט דערציילט זיין חלום צו דאן אברהם׳ן, האָט דער לעצטער מיט אַשמייכל געענטפערט:

— איך בין צופרידן דאָס צו הערן, עס איז באמת אַ פאַרגע־ניגן צו האָבן אַ גוטן שכן. און חוץ דעם — האָט ער צוגעגעבן מיט פאַרשלאָסענע ליפּן: איך וועל דאָך אהין קומען איינער אליין...

יום טוב מעשיות

די פסח מעשהלאך, וואָס מיין פאָטער פלעגט דערציילן אין יעדער פסח נאַכט צום סדר.

1

דיינו

אמאָל, אמאָל מיט פילע יאָרן צוריק האָט געלעבט אַ איד מיטן נאָמען ר' שמואל נדיב. ער איז געווען אַן אָנגעזעענער באַלעבאָס, אַ גרויסער בעל־צדקה און מכניס־אורח. אויב ווער עס האָט פּינקט־לאַך מקיים געווען די עצה טובה פון אונזערע חכמים: „יהי ביתך פתוח לרוחה" — איז דאָס געווען ר' שמואל. אָפן איז זיין הויז תמיד געווען פאַר יעדן. ער איז געווען אַ מאמין גדול און שטאַר־קער בעל־בטחון, אָבער זיין גוט האַרץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט האָט איבערשטייגט אַלעס.

יעדן פסח פלעגן אויסער זיינע בני־בית, באַ אים אָפּריכטן דעם סדר אויך צען אורחים, עשרה בטלנים. די גאַנצע 8 טאָג יום־טוב האָבן זיי באַ אים געגעסן, געשלאָפן, נייע קליידער געגעבן און נאָך פסח זיי באַגלייטן מיט אַ ביסל מזומנים. אַזוי פלעגט ער זיך פירן אַלע זיינע יאָרן. קיין גביר אדיר איז ער קיינמאָל נישט גע־ווען, ער איז געווען אַ תבואה הענדלער און אַלע פויערן פון די אַרומיקע דערפער, וועלכע האָבן געהאַנדלט מיט ר' שמואלן, האָבן אים זייער ליב געהאַט פאַר זיין ערלאַכקייט און אמת.

די לעצטע דריי־פיר יאָר אָבער האָט עס אים אָנגעהייבן גיין ווי מיט דער פּוטער אַראָפּ. ער האָט אָנגעהייבן פון יאָר צו יאָר ווערן אָרימער און אָרימער. ער האָט אָבער זיין בטחון אין גאָט

ניט פארלוירן. ער האָט אַלע זיינע כוחות אָנגעשטריינגט צו זיין דער זעלבער בעל־צדקה ווי פריער. אָבער דער לעצטער פאר־פסח איז בא ר' שמואלן געווען דער ערגסטער אין זיין לעבן. עס איז שוין אזא קורצע צייט געבליבן אינגאנצן 3 וואָכן צו פסח, און בא ר' שמואלן אין הויז איז נאָך קיין סמן ניטאָ פון מצות, ניט פון אַנדערע נויטיקע זאכן צום פסח. וואָס זאָל ער דאָ טאָן? ער לויפט ארום פון איין פריץ צום צווייטן; פון איין פויער צום אַנ־דערן — און אין קול ואין עונה... אַלע שערי־פרנסה האָבן זיך פאר אים צוגעמאכט. טרויעריק קומט ער אהיים יעדן פארנאכט א מידער, א דערשלאָגענער, און שטארקט זיך מיט אַלע כוחות, עס זאָל זיך אין אים חס־ושלום ניט אריינגנבענען א רוח־ספיקות, א מין תרעומת געגן דער השגחה העליונה... זיין פרוי חנה — א אישה צנועה, האָט אים מיט קיין וואָרט ניט געוואָלט ערגערן. זי האָט גוט באגריפן די קריטישע לאַגע, זי האָט אָבער, אזוי ווי איר מאַן געהאָט דעם פולן בטחון צום אויבערשטן, אַז ער וועט זיי מן הסתם ניט פארלאָזן. זי פלעגט אים שטענדיק באגעגענען מיט א פרייליך פנים און אָנווענדן אַלע אירע כוחות צו צעשלאָגן זיין מרה־שחורה.

די צייט שטייט אָבער ניט אויף איין אָרט. שוין נאָר אַכט טעג אין דער אייביקייט אוועק און ר' שמואלס לאַגע האָט זיך אויף א האָר ניט פארבעסערט. וואָס הייסט עס? — טראַכט ער זיך — זאָל מעגלאך זיין, איך האָב מיך אזוי שטאַרק קעגן גאָט פארזינ־דיקט, אַז ער האָט זיין האנט פון מיר אָפגעטאָן? דאכט זיך מיר איך האָב אים געדינט אזוי ווי תמיד מיט מיין גאַנצן הארצן, מיט מיין גאַנצער נשמה, מיט מיין גאַנצן פארמעגן. פארוואָס קומט עס מיר? ער האָט זיך אָבער באַלד דערשראָקן פאר זיינע תרעומת־געדאַנקען און האָט באַלד אין זיין הארצן גאָט געבעטן ער זאָל אים מוחל זיין.

ניט ווייט פון שטעטל, וואו ר' שמואל האָט געוואוינט, איז א גרויסע שטאָט געווען, דאָרט האָט דער קסר אַליין געוואוינט.

אין יענער צייט איז אין דעם קסר'ס הויף געשען אַ זאַך, וואָס האָט געמאַכט אויפטרייסלען די גאַנצע מדינה. אַ טייערער דימאַנד פון קסר'ס קרוין איז פאַרשוואונדן. עס האָט ניט געהאָלפן קיין זוכן, קיין פאָרשן — דער שטיין איז ניטאָ. אַ כרוז איז אויסגערופן געוואָרן איבער דער גאַנצער מדינה, אַז ווער עס וועט אָנווייזן דעם גנב פון דעם שטיין, דעם וועט דער קסר גליקלאַך מאַכן... דער כרוז האָט אויך דערגרייכט צו די אויערן פון ר' שמואלן. אַך גאַ־טעניו — גיט ער אַ טראַכט — דו ביסט דאָך גרויס און מעכטיק און יודע הכל. פון דיר איז דאָך קיין זאַך ניט פאַרבאָרגן! דו ווייסט דאָך געוויס וואו דער שטיין איז! וואָלט דען אַן עולה געווען דו זאָלסט פון דיין כסא הכבוד אַנטפּלעקן דעם סוד צו דיין קנעכט שמואלן? אָה, וואָס פאַר אַ פּסח איך וואָלט פאַר דיר געמאַכט!... די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אים ניט געלאָזט רוען. ער האָט אַלץ געטראַכט, ווי גליקלאַך ער וואָלט געווען, ער זאָל זיך פּלוצלונג דערוויסן ווער דער גנב איז! ווי גליקלאַך וואָלט ער געווען!

די צייט פליט. עס איז שוין ניט מער ווי 8 טעג צו פּסח. ר' שמואל ווערט פאַרצווייפלט. ער זעט ניט קיין אויסוועג. וואָס וועט זיין? ער ווערט פּשוט ווי צעמישט... פּלוצלונג קומט אים אין קאָפּ אַ געפערלאַכער געדאַנק, אַ געדאַנק, וואָס בויערט אים ווי מיט אַן עגבער זיין מוח. ער ווענדט אָן אַלע זיינע כוחות אוועקצושטויסן דעם דאָזיקן שרעקלאַכן געדאַנק, ער איז אָבער אומעכטיק, צו שוואַך. ס'ווייזט זיך אים אויס, ווי עפּעס אַ געהיימע שטימע זאָגט אים: גיי צום קסר און זאָג אים, אַז דו וועסט אים מודיע זיין ווער דער גנב איז, אָבער ניט באַלד, נאָר נאָך פּסח. דו וועסט דערווייל קריגן עפּעס געלט און וועסט מאַכן דעם פּסח כדבעי, און גאָט, וועמען דו האָסט ביז אַהער טריי געדינט, וועט דיר דורך זיין שליח אליהו הנביא אַנטפּלעקן דעם סוד.

ער האָט זיך שטאַרק געשראָקן פאַר דעם געוואַגטן געדאַנק. גיין צום קסר און אים זאָגן אַזאַ ליגן. ער האָט אין זיין לעבן קיין

ליגן ניט געזאָגט. איצט זאָל ער זיך אזוי דערנידעריקן! און וואָס וועט זיין נאָך פסח? מע וועט זיך אים דאָך מיטן טויט באַשטראָפן ווען מע וועט אויסגעפינען אז ער האָט אָפּגענאַרט דעם קסר. אָבער וואָס טוט מען? נישט מאַכן קיין פסח? גאָט דער יודע הכל ווייסט דאָך, אַז ער טוט עס פאַר זיין כבוד וועגן. וועט ער דען אים ניט שיקן עפּעס אַן הצלה אין זיין עת־צרה? און אויב ניט? אויב ער וועט מוזן שטאַרבן! איז עס דען ניט אָנגעצייכנט פון דער השגחה העליונה? זאָל ער כאָטש זיין לעצטן פסח ניט פאַרשווועכן.

און אזוי, געשטויסן, ווי פון עפּעס אַ געהיימע קראַפט, איז ער אַוועק צום קסר. ער פאַלט פאַרן קסר'ס פיס און איז אים מודיע צוליב וואָס ער איז געקומען. דער קסר הייסט אים אויפשטיין און מיט באַוואונדערונג און נייגירדע באַטראַכט ער דעם אידן וואָס שטייט פאַר אים מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און קוקט אים גלייך אין די אויגן.

— וועסטו מיר אָנווייזן — ווענדעט זיך צו אים דער קסר — ווער דער גנב איז?

— ווען דער פסח וועט קומען — ענטפערט ר' שמואל — האָף איך אַז מע וועט מיר מן השמים מודיע זיין ווער דער גנב איז און איך וועל עס דאַן צו דיר, גרויסער קעניג איבערגעבן".

— און אויב ניט? — פרעגט דער קסר.

— אויב ניט, — ענטפערט ר' שמואל — וועט גאָט מיין לעבן צו דיר אין די הענט איבערגעבן.

דאָס געזיכט פון ר' שמואלן, וואָס איז געווען באַצירט מיט אַ שיינער גראָער באָרד און מיט צוויי לויכטנדע אויגן און אויף וועלכן עס האָט ווי די שכינה, גערוט אַ טיפער ערנסט, האָט אויפן קסר אַ זייער גוטן איינדרוק געמאַכט.

— גיי — זאָגט אים דער קסר — זאָל דיר דיין גאָט מודיע זיין ווער דער גנב איז, וועל איך דיך באַלוינען ווי עס קער צו זיין.

און באַפוילנדיק אים לעת־עתה צו געבן אַ געוויסע סומע געלט, האָט מען אים ארויסגעלאָזט פון קסר'ס הויף.

עס פאַרשטייט זיך, אַז בײַ ר' שמואלן אין הויז האָט זיך אָנגעהייבן שטאַרק צו רוישן. מע האָט אָנגעהייבן צו צוגרייטן אַלעס וואָס מע דאַרף האָבן אויף פסח און אין 3־4 טעג האָט שוין קיין זאַך ניט געפעלט. רייכער פון אַלע פסח'ן איז דער פסח געווען. ר' שמואל האָט ניט געזשאַלעוועט קיין געלט, קיין מי צו באַשיינען דעם יום־טוב מיט כל טוב. ער האָט אויך ניט פאַרגעסן צו שיקן צו פילע אָרימעלײַט מצות און אויך אַנדערע חפצים. אַלע בני־בית האָבן זיך מתעסק געווען מיטן פסח.

אַלע האָבן זיך געפרייט. איין ר' שמואל איז ארומגעגאַנגען אומעטיק. דער שרעקלאַכער סוד וואָס איז בײַ אים אויפן האַרצן געלעגן ווי אַ שווערער שטיין, האָט אים ניט געלאָזט צורו. שרעקלאַך איז זיין לאַגע געווען, נאָך ערגער ווי פריער, איידער ער האָט באַקומען דאָס געלט. נאָר אַ טראַכט צו טאָן, דורך וואָס פאַר אַ נידעריק מיטל ער האָט דעם פסח געמאַכט! מצוה הבאה בעבירה! ווי ברוינזנדיקע כוואַליעס אין אַ שטורמישן ים האָבן אין זיין קאָפּ געשטורעמט פאַרשידענע אומדערטרעגלאַכע געדאַנקען. וואָס האָט ער דאָ געטאָן? וואָלט ער ניט געמאַכט קיין פסח! אַ שאַנדע, אַ חרפה? — דאָס איז נאָך אַלץ בעסער ווי צו זיין אַ ליגנער, אַ דובר שקרים! אָט זיינען די עשרה בטלנים, וועלכע וועלן בײַ אים אָפּריכטן דעם סדר אויך אַמאָל, ווארשיינלאַך, געווען שיינע באַלע־באַטים, אָרים געוואָרן. זיי זיינען טאַקע איצט אביונים, בטלנים, אָבער ערלאַכע, ניט קיין ליגנער. מיט וואָס איז ער מער מיוחס פון זיי? פון דער צווייטער זייט אָבער, האָט אים אזוי ווי איינער אריינגעטאַרקעט אין אויער: דו ביסט ניט שולדיק, גאָט האָט דאָך דיר דעם געדאַנק אריינגעגעבן, און דער יודע הכל ווייסט וואָס ער טוט. פאַרליר נאָר ניט דיין בטחון, וועט שוין זיין גוט. דאָס האָט אים אפילו אַביסל באַרואיקט, אָבער ניט אויף לאַנג. פלעגט ער

נאָר זיינע אויגן צומאַכן, האָט אים דער בעל־החלומות אָנגעהויבן צו פייניקן, אַז ער פלעגט אויפשטיין ווי משוגע.

איינמאָל חלומט זיך אים, ווי מע רופט אים צו שטיין פאַרן בית־דין של מעלה אָפּצוגעבן דין וחשבון פאַר זיינע מעשים תעתועים. ער זעט ווי אַלע זיינע שרים וואָס ער האָט די גאַנצע צייט באַשאַפן מיט זיינע מעשים טובים, שטייען אַלע מיט אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ און שעמען זיך פאַרן שטן־קטיגור, וואָס דערלאַנגט פאַרן בית־דין דעם שווערן חטא זיינעם.

„פאַרן צונג אים אויפהייגען! — שרייט דער קטיגור — בראָטן און ברענען אים אין גהינום פאַר אַזאַ שקר, פאַר אַזאַ חטא!"

דער סניגור ווייזט אָבער אָן אויף די אַלע זיינע מלאכים טובים, די שרים זיינע, וואָס ער האָט באַשאַפן מיט זיינע מצוות און טענה'ט אַז זיין חטא ווערט ניט נאָר בטול בשישים, אלא באלף, באלף אלפים. מע דאַרף אים ניט באַשטראָפן... אָט אַזעלכע און נאָך ענלאכע חלומות פלעגן אים פייניקן יעדע נאַכט.

זיין גוטע פרוי חנה האָט באַמערקט אין איר מאַן אַ שטאַרקע ענדערונג. זי האָט געשפּירט, אַז דאָ איז עפּעס אַ שרעקלאַכער סוד באַהאַלטן, זי האָט אָבער ניט געוואַגט אים צו פרעגן, אים קיין יסורים ניט פאַרשאַפן. זי האָט געהאָפט אַז סוף־כל־סוף וועט ער דאָך איר אַליין דאָס דערציילן.

מערקווירדיק! איידער ער איז געגאַנגען צום קסר, זענען די טעג אַזוי שנעל געלאָפן, ווי מינוטן האָבן זיי זיך אים געצייגט. איצט אָבער איז יעדער טאָג באַ אים אַ יאָר געווען, ניט אַ יאָר — אַ אייביקייט! מיט וואָס פאַר אַן אָנגעשטרענגטן אומגעדולד האָט ער געוואַרט, אַז דער יום־טוב זאָל שוין קומען און טאַקע גלייך פאַריבער! די אויסגערעכנטע צייט אָבער, וואָס איז גלייכגילטיק צו יעדע פאַסירונג, וואָס עס זאָל ניט געשען, איז זיך לאַנגזאַם גע־גאַנגען פאָרווערטס, ניט קימערנדיק זיך פון ר' שמואלס שרעקלאַ־כער לאַגע.

דער הייליקער יום־טוב פּסח איז סוף־כל־סוף געקומען. מיטן

פסח איז אויך אָנגעקומען דער געבענטשטער פרילינג, וואָס האָט אָנגעפילט די לופט מיט פרישע בשמים'דיקע ריחות פון די יונגע, צאַרטע שפּראָצונגען און זאַפט־קלעפּיקע קנאָספּן, וועלכע האָבן געהיימניספול צעעפנט זייערע מיילכעלאך כדי ארויסצולאָזן פון זיך פרישע נייע צווייגעלאך און יונגענקע בלומעלאך. אַלעס אין דער נאַטור האָט אויפגעלעבט, אַלעס האָט געאָטעמט מיט פרישער ליבע און צאַרטע פאַרגעניגנס. ר' שמואלס הויז, וואָס איז געווען ארומגענומען מיט הויכע טאָפּאָליעס און פילע אקאציעס, האָט אויסגעזען ווי אַ גיגאנטע בלום, וואָס האָט צוליב פּסח עפּעס באַזונדער אויפגעלעבט. דער גרויסער רונדער טיש, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ שיין גרויס צימער, איז געווען געדעקט מיט כל טוב. די טייערסטע וויינען, זעלטענע פרוכטן און קאָסטבאַרע כלים האָבן באַצירט דעם טיש.

אין דער ערשטער נאַכט פון פסח, האָט ר' שמואל מיט די צען אורחים און מיט די איבעריקע בני־בית ארום דעם טיש אָנגעהויבן אָפּצוריכטן דעם סדר. ווי עס איז געווען דער מנהג אין יענע מקומות און אין יענער צייט, מוזן איניקע קאפּיטלאך פון דער הגדה גע־זאָגט ווערן מיט פאָלגענדיקן סדר: דער בעל־הבית גייט ארום טיש פאַרויס, נאָך אים די איבעריקע בני־בית מיט שטעקנס אין די הענט און טאָרבעס אויף די פּלייצעס. (זכר ליציאת מצרים). דער בעל־הבית זאָגט אָפּ עטלאַכע ווערטער פון אַ פסוק און די אַנדערע ענט־פערן אים מיט דער ענדע פונם פסוק. אַלע גייען זיי אָנגעטאָן אין שניי־ווייסע קיטלען מיט ווייסע קאָלפּאַקעס. ר' שמואל פאַנגט אָן: „כהאָ לחמא עניא... השתא הכא — שרייט אויס ר' שמואל מיט אַ הארצפּולער שטימע. „לשנה הבא בירושלים" — ענטפערן אַלע בקול אחד. אין ירושלים? האָט ר' שמואלן אַ ריס געטאָן באַם האַרצן. ווער וויים, וואו ער וועט דעמאָלט זיין?... ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט און ווייטער אָנגעגאנגען מיט'ן סדר.

אין קסר'ס הויף האָבן נאָר איניקע, גאָר נאָענטע געוואוסט פון דעם סוד, אַז עפּעס אַ איד האָט זיך אונטערגענומען צו זאָגן

ווער דער גנב איז, און אין דער הייליקער נאַכט פון פסח וועט מען אים מן השמים מודיע זיין. זיי איז נייגיריק און אינטערעסאַנט געווען צו וויסן, וואָס עס טוט זיך עפּעס אין דער פסח נאַכט באַם אידן אין הויז. און אין דער צייט, ווען ר׳ שמואל האָט געהאַלטן אינמיטן אָפּריכטן דעם סדר, זיינען צוויי פערזאָן פון קסר׳ס הויף געשטאַנען אונטער די פענסטער און זיך אונטערגעהערט וואָס עס טוט זיך אין אידנס הויז. אַ שרעק איז זיי באַפאַלן, ווען זיי האָבן דורך די שפּאַרונעס פון די לאָדן עפּעס אַזעלכעס געזען, וואָס זיי האָבן זייערע אויגן ניט געגלויבט. זיי האָבן אליין געזען, ווי פילע ווייסע געשטאַלטן, דאָס זענען געווים מלאכים, דרייען זיך ארום אַ רונדן טיש. איינער פרעגט עפּעס אויף אַן אומפארשטענדלאכער שפּראַך און אַלע ענטפערן אים מיט עפּעס זאַנדערבארע ווערטער. ר׳ שמואל פאַנגט אָן: „אלו הוציאנו ממצרים ולא עשה בהם שפטים”, ענטפערן אלע „דינו”.„אלו עשה בהם”... זאָגט ווייטער ר׳ שמואל און אַלע ענטפערן נאָך אַמאָל: „דינו!” די צוויי פערזאָן הערן זיך אונטער און פּלוצום באַפאַלט זיי אַ קאַלטער שוויים. זיי פאַלן שיר ניט אין אונמאַכט פאַר שרעק. „דו הערסט — זאָגט איינער — אָט דער ערשטער פרעגט עפּעס צו די מלאכים. ער פרעגט מסתם: „ווער איז דער גנב?” און די מלאכים ענטפערן אים... דו הערסט וואָס? זיי ענטפערן אים: „דאיונין”. דו הערסט? „דאיונין”. יאָ, איך הער — ענטפערט דער צווייטער מיט שרעק — הער זיך נאָר איין! זיי ענטפערן אים נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איינס און דאָס זעלבע: „דאיונין”. לאָמיר שוין לויפן צום קסר און אים מודיע זיין ווער דער גנב איז. דאָס איז דאָך זיין באַליב־טער לייב־מענטש: אליפערסי דאיונין!

זיי האָבן קיין מינוט ניט פארלוירן און שנעל ווי פייל אויסן בויגן זיינען זיי צום קסר געלאָפן און אים דערציילט וואָס זיי האָבן געזען און געהערט דורך די שפּאַרונעס פון די לאָדן באַם הויז פון דעם הייליקן אידן. אליפעסי דאיונין איז גלייך געבראַכט געוואָרן פאַרן קסר. „דו האָסט געגנבעט דעם דימענט” — האָט דער קסר

אָן הקדמות אָנגעפאַנגען — ברייננ אים די מינוט אהער!" דאיונין איז שיר נישט טויט געפאַלן פאַר שרעק. פונוואַנעט האָט זיך דער קסר דערוואוסט, אַז ער האָט דעם שטיין גענבעט? ער האָט זיך באַלד מודה געווען און אין אַ פאַר מינוט איז שוין דער שטיין געווען אין דעם קסרס קרוין. דאיונין איז, ווי געוויינטלאָך, געמשפּט געוואָרן נאָך זיין פאַרדינסט, און דעם קסרס הויף האָט ווידער אויפגעלעבט. די אַלע הויפּליט, וועלכע האָבן אויף זיך אַזאַ גע־פערלאַכן חשד געהאַט, האָבן יובילירט פאַר פריידן, וואָס דער חשד איז פון זיי אַרונטערגענומען געוואָרן, און האָבן האַרציק געדאַנקט דעם אידן, וואָס דורך אים איז דער סוד אַנטפּלעקט געוואָרן. דער קסר פון זיין זייט האָט שוין מיט אומגעדולד געוואַרט, דער אידי־שער פּסח זאָל שוין פאַראיבער, ער זאָל קאָנען דעם הייליקן אידן באַלוינען נאָך זיין ווערט נאָך.

ר' שמואל האָט קיין אַנונג ניט געהאַט פון אַלעם דעם, וואָס עס דערוואַרטעט אים. כדי צו דערשטיקן אין זיך זיין שרעקלאַכע אַנגסט און מרא־שחורה, האָט ער מיט באַזונדערע התלהבות אָפּ־געריכט איין סדר, דעם צווייטן. זיין געזיכט האָט געברענט, זיינע אויגן האָבן פונקען געשפּריצט און פון זיין מויל האָבן זיך אַרויס־געריסן הייסע פלאַמענדיקע ווערטער, וועלכע האָבן געמאַכט אויפ־טרייסלען אַלע אַרומיקע. ווען פון זיין צעוויינטעקטער נשמה האָבן זיך ווי אַ דונער־קראַך אַרויסגעריסן די ווערטער: „מן המצר קראתי יה" האָבן אַלע געגעבן אַ ציטער פאַר שרעק. ווער האָט עס געקאָנט באַגרייפן, וואָס באַ אים אין האַרצן טוט זיך? ווער האָט עס געקאָנט אַריינקוקן אין דער טיפעניש פון זיין צעוואָונדעטער נשמה? אָט, אָט, נאָך אַ פאַר טעג וועט ער מעגלאַך — וואָס מעג־לאַך? געוויס וועט ער שוין אויף דער וועלט ניט זיין. עס אַרט אים ניט דער טויט, שטאַרבן מוז דאָך יעדער. ניט היינט איז אַן אַנדער טאָג. עס אַרט אים דורך וואָס פאַר אַ טויט, דורך וואָס פאַר אַ פאַרברעכן ער וועט מוזן שטאַרבן...

דער פּסח איז אַם ענדע פאַריבער. ר' שמואל האָט ביד נדיבה

באַלוינט זיינע אורחים, ער האָט דאָס גאַנצע איבערגעבליבענע געלט צעטיילט צו עניים און אביונים. ער האָט זיך נאָר איבערגע־לאָזט אויף תכריכים און געוואַרט די מינוט, מע זאָל קומען נאָך אים. אסרו־חג האָט ער צונויפגערופן די גאַנצע משפּחה, פילע פון זיי זקני־העיר און האָט פאַר זיי דעם סוד אַנטפּלעקט. ער האָט זיך פאַר זיי מודה געווען אויף זיינע זינד, אַלעם זיי דערציילט און זיך מיט זיי געזעגנט...

אין דער צייט האָט זיך אַ רייכער וואָגן פאַר זיין הויז אָפּגע־שטעלט. עס איז ארויסגעשטיגן אַ רייך געקליידעטער מאַן און גע־פרעגט אויף ר׳ שמואלן. מיט אַ פּנים־עצבות איז ר׳ שמואל אים אַנטקעגן געגאַנגען. (ער האָט שוין מסתמא פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ שליח פון קסר). דער פאָרנעמער מאַן האָט זיך טיף פאַר־נייגט פאַר ר׳ שמואלן און אים געזאָגט אַז דער קסר רופט אים צו זיך. אַלע אין הויז האָבן אים באַוויינט, ווי מע באַוויינט אַ טויטן צום קבר.

ר׳ שמואל שטייט שוין ווידער פאַרן קסר מיט אַן אַראָפּגעלאָ־זענעם קאָפּ און פאַרוואָלקנד געזיכט, אַזוי ווי אַ פאַרמשפּטער, וואָס איז שוין זיכער אין זיין הינריכטונג. ווי דערשטוינט איז ער אָבער געוואָרן, ווען דער קסר האָט אים פריינטלאַך די האַנט גערייכט און אים געזאָגט, אַז ער ווייס שוין פון פריער, נאָך פון דער ערשטער נאַכט פּסח, ווער דער גנב איז, אַ דאַנק די מלאכים, וואָס זיינע דינער האָבן געזען דורך די שפּאַרונעס פון די לאָדן. די דינער האָבן זיך אונטערגעהערט און האָבן געהערט ווי די מלאכים האָבן אָנגע־רופן דעם נאָמען פון דעם גנב: „דאיוניו". „און איצט — פאַר־ענדיקט דער קסר — זיינען מיינע אוצרות פאַר דיר אָפן, וויפיל דו ווילסט קאָנסטו זיך נעמען. דו האָסט עס ערלאַך פאַרדינט".

ר׳ שמואל, קומענדיק אַביסל צו זיך, האָט ערשט איצט באַ־גריפן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. ער האָט אין דעם געזען אַ „אצבע אלוהים". מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן די שמחה בא ר׳ שמואלן אין הויז, ווען מ׳האָט אים ווידער געזען אַ לעבעדיקן.

פון יענער צייט אָן איז ר׳ שמואל נאָך מער מאמין געוואָרן. ער האָט אָבער שטענדיק גאָט געבעטן, ער זאָל אים מער ניט שטעלן צו אַזא שרעקלאכן נסיון.

2

אַ בריוו צו גאָט

איך געדיינק, דאָס איז געווען פיל, פיל יאָרן צוריק, אפשר 40 און אפשר נאָך מער, ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין אינגל. מיר זיינען אין אַ ערב פסח געקומען פון שול. דאָס ערשטע וואָס איך האָב דערזען איז געווען די שיינע היסב־בעט. אין שטוב איז גע־ווען ליכטיק, פריילאך, מיר אַלע קינדער זיינען געווען אָנגעטאָן אין נייע מלבושימלאך. און מיר האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט, ווען מע וועט זיך שוין זעצן אויף דער היסב־בעט צום סדר. אונז איז ניט געווען אַזוי וויכטיק דער גאַנצער סדר, ווי די מעשהלאך וואָס דער טאַטע פלעגט דערציילן. מיר האָבן נאָך געדיינקט פון פאַר־אַ־יאָרן, ווי פארגאַפט מיר האָבן געהערט די מעשה מיט׳ן „דינו״, ווי וואָכן לאַנג פלעגט זיך מיר חלומען „הר׳ שמואל״, די 10 אורחים, וואָס דעם קסר׳ס דינער האָבן זיי אָנגענומען פאַר מלאכים״, „ווי דער קסר כאַפּט דעם גנב ״ א. אַז. וו.

נאָך פאַר־איאָרן האָט דער טאַטע אונז צוגעזאָגט, אַז גאָט וועט העלפן מיר וועלן דערלעבן איבעראיאָר „וועט איר פון מיר נאָך שיינע מעשהלאך הערן״.

מיר זיצן שוין ארום טיש. דער טאַטע זיצט אויף דער היסב־בעט, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל, אַ ווייסע זיידענע מיט זילבער געשטיקטע יאַרמולקע אויפן קאָפּ, און מיט זיין שיינער זילבער וויי־סער באָרד האָט ער געהאַט אַ פּנים ווי איינער פון די „אבות״.

דער טאַטע מאַכט צום ערשטן קידוש, איך דער עלטערער פון די קינדער — נאָך אים, דערנאָך די איבעריקע קינדער.

מיר פרעגן די 4 קשיות, מיר זאָגן די הגדה, מיר עסן אַזוי ווי

דער סדר איז, אָבער עס זעט זיך אויף אונזערע פּנימלאַך, אַז מיר וואַרטן אויף עפּעס אַנדערש.

איך קען מיך ניט איינהאַלטן און טו אַ פרעג: „טאַטע, ווען וועסטו אונז שוין עפּעס דערציילן? „באַלד, מיין קינד, — ענט־פערט דער טאַטע — מיר וועלן פריער אריינלאָזן אליהו הנביאן".
איך האָב אומגערן אַ קוק געטאָן צו דער האַלב אָפענער טיר און אַ שרעק איז מיר באַפאַלן. עס ווייזט זיך מיר אויס אַז איך זע עפּעס, איך הער עפּעס טריט.

דער טאַטע גיט אַ זאָג: איצט קינדער וועל איך אייך דער־ציילן אַ מעשה, ווי איינער האָט געשיקט אַ בריוו צו גאָט.

הערט אַלע מיט קאָפּ!

מיר האָבן זיך אומוויליק געגעבן אַ הויב פון די פּלעצער און זיך פריילאַך אַנידערגעזעצט גרייט צו הערן.

דער טאַטע הייבט אָן:

אין אַ קליין שטעטל אין דער ליטע האָט מיט פילע יאָרן צוריק געלעבט אַ איד מיטן נאָמען רב' ברוך.

ער איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן, אָבער דאָס האָט אים ניט געשטערט תמיד צו זיין פריילאַך.

ערגעץ אין עק פון מארק האָט ער געהאַט אַ קליין קרעמל, וואָס האָט אים קוים געטראָגן אויף ברויט מיט קאַשע.

אַ גאַנץ יאָר איז ער נאָך ווי עס איז אויסגעקומען, אָבער פאַר אַ יום טוב פלעגט זיין צרות.

יום טוב קען מען דאָך ניט עסן אַזוי ווי אַלע טאָג, היינט דאַרף מען דאָך האָבן אַ מלבושל אויך.

דערהויפּט פּסח, אַזאַ הייליקער יום טוב, מע מוז האָבן מצות, וויין אויף ארבע כוסות. וואו נעמט מען עס?

ער האָט דאָך ניט געזאָרגט.

„גאָט איז ניט אַזאַ שלעכטער", פלעגט ער פריילאַך זאָגן — „ער וועט מיך מסתמא ניט פאַרלאָזן".

און אַזוי איז טאַקע געווען. אַ יעדן פאַר פּסח, פלעגט זיך ווי

אומיסטן עפּעס אויסזוכן אַ פּאַרדינסטל, אַ מעקלעריי, אָדער עפּעס אַנדערש, און ר׳ ברוך איז ווייטער געווען פריילאַך.

אין איין פּאָר פּסח אָבער, איז ווי אויף צו להכעיס אַלץ גע־נאַנגען באַ אים, ווי מיט דער פּוטער אַראָפּ. דאָ איז באַ אים אַ קינד קראַנק געוואָרן. דאָ האָבן גרויסע שלאַקס־רעגנס דורכגעלע־כערט דאָס דעכל פון זיין קלייטל און פיל פון זיין ביסעלע סחורה איז אינגאַנצן פאַרנעצט און פאַרדאָרבן געוואָרן.

אָבער אונזער ר׳ ברוך איז אויך איצט באַ זיך ניט אַראָפּגע־פאַלן.

— וועט איר זען — האָט ער פריילאַך אַ זאָג געטאָן, אַז מיר וועלן קיין חמץ אום פּסח ניט עסן. מיט צוויי זאַכן איז אַ איד שטענדיק פאַרזאָרגט: מיט מצות און תכריכים.

דאָ איז שוין אָבער אַזאַ קורצע צייט צו פּסח, אינגאַנצן צען טעג און באַ ר׳ ברוכן אין הויז איז נאָך אפילו קיין סימן ניטאָ פון פּסח. זיין ווייב שרה, כאָטש זי איז געווען אַ זייער פרומע און גו־טע פרוי, אָבער אויף ניסים — ווייסט זי — טאָר מען זיך ניט פאַר־לאָזן. זי ווערט שטאַרק אומרואיק.

— ברוך, וואָס וועט זיין דער סוף — רופט זי זיך אָפּ צו אים — צו פּסח איז שוין אזוי נאָענט, און מיר האָבן נאָך גאָרניט.

— זאָרג זיך ניט שרה — ענטפערט ער איר — גאָט וועט העלפן.

— וואָס הייסט, ער וועט העלפן? נאָך פּסח? ברוך, הלואי זאָל איך אַ ליגן זאָגן, דו פאַרלאָזט זיך אויף ניסים. איך האָב מורא...

— וואָס־זשע ווילסטו שרה, זאָל איך טאָן? זאָל איך גיין גנבענען?

— חס ושלום, ברוך, זאָל גאָט אויסהיטן! איך מיין... איך ווייס, אַ נאַרישע אידענע וואָס איך בין. איך האָב מיך דערמאָנט, ווען איך בין געווען אויפן בית עלמין, האָב איך געזען ווי פילע שרייבן אָן אויף די מצבות, מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס שרייבן

זיי צו די טויטע, זיי זאָלן זיך מיען פאַר זיי אויף יענער וועלט.

— וואָס־זשע ווילסטו זאָגן דערמיט, שרה? איך פאַרשטיי דיך ניט. זאָל איך אויך גיין אויפן בית עולם?

— חלילה! איך וויל זאָגן, אַז אפשר זאָלסטו טאַקע אָנשרייבן אַ בריוועלע — דו קענסט דאָך שרייבן — און עס אַוועקשיקן גלייך צום רבונו של עולם.

— וואַ־אָס? שרייבן אַ בריוו צו גאָט? ביסט ביים זינען, שרה? וואָס אַ פרוי קאָן איינפאַלן! כאַ־כאַ־כאַ שרה, שרה, כאַ־כאַ, אוי איך האָב שוין קיין זייטן ניט — דו מיינסט עס טאַקע ערנסט?

— וואָס האָסטו זיך אַזוי צעלאַכט — פרעגט שרה ברוגז — שוין לאַנג קענסטו מיך פאַר משוגע? אַז איך רייד, רייד איך ניט פון וועג. מיין מאַמע עליה השלום, זי זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן עדן, האָט מיר אַליין דערציילט, אַז איינמאָל איז בא איינעם אַן ערלאַכן אידן קראַנק געוואָרן זיין איינ־און־איינציקע טאָכטער. עס האָבן ניט געהאָלפן קיינע דאָקטוירים, קיינע גוטע אידן, קיינע שפּרעכערס. זי איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. האָט דער פאָטער זיך מישב געווען און אָנגעשריבן אַ בריוו צום רבונו של עולם. אויפן צווייטן טאָג האָט דערציילט די קראַנקע, אַז עפּעס אַן אַלטער גרייז גראָער מאַן האָט איר בא נאַכט געבראַכט אַ רפואה, און איר געהייסן איינגעמען. זי איז טאַקע באַלד געזונט געוואָרן. נו וואָס זאָגסטו, מיין מאַמע, זאָל זיך מיען, וועט קיין ליגן ניט זאָגן. אָ, ווען איך זאָל קאָנען שרייבן! פאָלג אַמאָל אַ נאַרישע אידענע, און שיק אַוועק אַ בריוו צום רבונו של עולם. שרייב אים אַלץ, אַלץ. שרייב אים, אַז דו דינסט אים געטריי, דו בעטסט צו אים דריי מאָל אַ טאָג. שרייב אים, אַז דו האָסט אַ פרומע ווייב, וואָס היט אָפּ אַלע זיינע מצוות. בעט בא אים ער זאָל דיר צושיקן אויף פּסח. ווערסטו זען, אַז ער וועט דיר אַלץ צושיקן.

ר׳ ברוך קוקט אויף זיין ווייב, ווען זי רעדט און וויים ניט צי זאָל ער זי באַדויערן, אָדער לאַכן. ער קען זי פון תמיד פאַר אַ

שטילע פרומע ערלאכע פרוי. א זייער גוטע. ער איז שטענדיק צו איר גוט, און האָט איר קיינמאָל מיט קיין זאַך ניט וויי געטאָן.

ער הערט ווי ערנסט זי רעדט, ער איז אין אַ פארלעגנהייט. עס ווילט זיך אים אויך איצט איר ניט ווי טאָן און באַשליסט איר צוליב טאָן. ער ווייסט אַז עס איז אַ נארישקייט, אָבער עס אַרט אים ניט. זאָל זי אליין נאכהער אויסגעפינען.

— נו, גוט, שרה, — רופט ער זיך אָפּ — איך וועל שרייבן אַ בריוו, אָבער דו וועסט שוין זיין אזוי גוט און אים באַזאָרגן.

— דו, ברוך, שרייב נאָר אָן דעם בריוו — שרייט שרה פריי־לאַך אוים — איך וועל שוין געפינען אַ מיטל, ווי אזוי אים אוועק־צושיקן.

און אזוי, קינדערלאַך, האָט ר׳ ברוך גענומען שרייבן אַ בריוו צו גאָט. ער האָט לאַנג, לאַנג געשריבן. זיין גאַנץ ביטער האַרץ האָט ער אין דעם בריוו אויסגעגאָסן. זיין גאַנץ לעבן האָט ער באַשריבן.

ער האָט דערמאָנט, ווי ער איז אַמאָל אַ אינגל געווען. בא דעם טאַטנס סדר געזעסן. אַן איבערפאַל פון צעווילדעטע קאַצאַ־פּעס. געראַבעוועט, געשלאָגן, קוים דאָס לעבן געראַטעוועט.

אויך האָט ער דערמאָנט אַ „בלוט בלבול" אויף אידן. אים מיט נאָך פילע האָט מען אַרעסטירט, געפייניקט, קוים לעבעדיקע ארויס פון תפיסה. ער איז צוגעקומען ביז דער איצטיקער צייט. ער מוטשעט זיך, קוים וואָס ער פאַרדינט אויף טרוקן ברויט.

עס קומט דער פסח און ער האָט נאָך גאָרנישט. ער פאַרענ־דיקט דעם בריוו מיט אַ דאַנק צו גאָט, וואָס האָט אים ביז איצט ארויסגעפירט פון אַלדאַסבייז. ער האָט בטחון אַז גאָט וועט אים אויך ווייטער ניט פאַרלאָזן.

ער לייענט איבער דעם בריוו פאַר זיין שרהן. זי הערט און טרערן גיסן זיך פון אירע אויגן.

ער פאַרענדיקט דאָס לייענען און גיט איבער דעם בריוו צו שרהן. ער זאָגט צו איר: „וויין ניט, גאָט וועט אונז ניט פאַרלאָזן".

שרה ליגט אריין דעם בריוו אין א קאָנווערט. ר׳ ברוך פאַר־חתמעט אים און שרייבט אָן: דער בריוו גייט גלייך צו גאָט. שרה איז אַוועקגעלאָפן אין מאַרק, געקויפט בא א גויאיש אינגל א טייבעלע, האָט צוגעבונדן דעם בריוו צום טייבעלעס פיסעלע און מיט א ברכה עס אָפּגעלאָזט אויף דער פריי.

ווי עס זעט אויס, האָט דאס אינגל דאָס טייבעלע געבראַכט פון ערגעץ א ווייט דאָרף. איצט, ווען עס האָט זיך געפילט פריי, האָט זיך עס געלאָזט צוריק פליען אהין, עס האָט מסתם דאָרט גע־לאָזט קינדערלאך.

דער בריוו אָבער, וואָס האָט זיך געבאָמבעלט אונטער די פי־סעלאך, האָט געשטערט דעם טייבעלע פריי צו פליען. עס האָט דעם בריוו געכאַפּט אין שנעבעלע, און יעס איז איר גרינגער געוואָרן צו פליען.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאכט. אלע זיינען שוין אין שטעטל געשלאָפן. אלע פייגעלאך האָבן אויך שוין גערוט. אונזער טייבעלע איז אלץ געפלויגן און געפלויגן. עס האָט געוואָלט וואָס שנעלער קומען אהיים. ווער ווייסט וואָס די קינדערלאך טוען דאָרט? דאָס טייבעלע איז געפלויגן איבער וועלדער און פעלדער, איבער בערג און טאָלן. די לבנה האָט דעם וועג באלויכטן. די שטערנדלאך האָבן ליבלאך געפינקלט. אונזער טייבעלע איז גע־וואָרן מיד. עס פילט ווי די פליגעלאך ווערן שוואך. עס מוז זיך אָפּרוען. עס האָט אָבער מורא זיך אָפּצושטעלן אין וואלד. ס׳ווייסט, אז עס לויערן ארום רויבערישע נאכטפייגל.

הינטערן וואלד שטייט א גרויס שיין הויז, דאָס הויז געהערט צום דוקס — א זייער רייכער מאן, דאָס גאנצע שטעטל און נאָך שטעטלאך זיינען זיינע.

דאָס טייבעלע דערקענט דעם פּלאַץ. דאָס הערצעלע הייבט אָן צו ציטערן. ניט ווייט פון דאנען איז שוין זיין טויבנשלאק. עס דערפילט שוין די באַקאַנטע לופט. אָט באלד, באלד וועט עס שוין זיין לעבן די קינדערלאך.

עס נעמט זיך אָן מיט אַלע כוחות און מיט אימפּעט גיט זיך עס אַ לאָז ווייטער, אָבער דאָ געשעט אַן אומגליק. דאָס בענדעלע, צו וועלכן דער בריוו איז געווען צוגעבונדן פּאַרטשעפּעט זיך אַן גאַניק נעבן הויז. עס רייסט זיך, עס שלאָגט מיט די פליגלאַך, עס העלפט ניט, עס פאַרפּלאָנטערט זיך נאָך מער.

אין דער צייט, פּאָרט צו אַ קאַרעטע — דער דוקס איז אַהיים געקומען. ער וויל אַרויפגיין אויפן גאַניק, באַמערקט ער ווי דאָס טייבעלע ראַנגלט זיך און קאָן ניט לויז ווערן.

ער גייט צו און וויל דעם העלפן, באַמערקט ער אַ בריוו. ער ווערט נייגיריק: ער שניידט אָפּ דעם בריוו און באַפרייט דאָס טייבעלע. דאָס טייבעלע איז פריילאַך אַוועק צו אירע קינדערלאַך.

דער דוקס איז פאַרוואונדערט. ווי קומט עפּעס אַ בריוו צו־געבונדן צו אַ טייבעלע? ער ווייסט אַז מע פלעגט אין מלחמה צייט נוצן „טויבן־פּאָסט", אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט אים?

ער לויפט אַריין אין שטוב, קוקט אויפן אויפשריפט, ער קען עס ניט איבערלייענען. ער עפנט דעם בריוו. ער קען דאָ אויך ניט לייענען. די שפּראַך איז אים פרעמד. ער וויל אָבער וויסן וואָס אין בריוו איז געשריבן.

באַפוילט ער אויפוועקן דעם בוכהאַלטער. ער איז אַ געלערנ־טער מענטש, אפשר וועט ער עפּעס דערגיין.

דער בוכהאַלטער דרייט דעם בריוו אין אַלע זייטן, ער קען אַ וואָרט ניט איבערלייענען. ער האָט אָבער דערקאָנט, אַז דאָס מוז זיין אידיש.

דער דוקס באַפוילט צו ברענגען דעם אידישן ראַנדאַר פון נאָענטסטן דאָרף.

דרויסן איז שוין געווען גוט ליכטיק, ווען דער ראַנדאַר איז געקומען. ער לייענט צום ערשטן דעם אויפשריפט, אַז דער בריוו איז געשריבן צו גאָט. דער דוקס שטעלט אָן אַ פּאָר אויגן. ער שרעקט זיך אַזש. דער ראַנדאַר לייענט דעם בריוו, און זעצט אים ביסלאַכווייז איבער פאַרן דוקס.

דער דוקס הערט מיט קאָפּ.

אין אָנהויב איז עס אים עפּעס ווי אומפאַרשטענדלאַך. ביס־לאַכווייז אָבער הייבט ער אָן צו פאַרשטיין, און עס פאַרקלעמט אים ביים האַרצן. ער הערט דאָס לעבן פון אַ מענטשן, וואָס ליידט אַלע יאָרן, זיין גאַנץ לעבן, און פאַרוואָס? ווייל ער איז אַ איד.

אַ געפיל פון רחמנות נעמט אים אַרום. ער פאַרגעסט פון וועמען דער בריוו איז געשריבן, צו וועמען און צו וואָס. ער דער־מאָנט זיך, וואָס פאַר אַ מיינונג וועגן אידן מ׳האָט אין אים איינ־געפלאַנצט און ער שעמט זיך.

דער ראַנדאַר האָט געענדיקט דאָס לייענען.

דער דוקס פרעגט דעם ראַנדאַר צו קען ער דעם אידן ברוך, וואָס האָט דעם בריוו געשריבן, און ווי ווייט איז דאָס שטעטל, וואו דער איד וואוינט?

דער ראַנדאַר האָט געענטפערט, אַז דאָס שטעטל איז אַ 20 מייל פון דאַנען און דעם אידן קען ער ניט.

האָט דער פּריץ באַפוילן, אַז ער זאָל אים ביז מאָרגן געבן צו וויסן אַלץ וועגן אידן. קיינער טאָר אָבער דערפון ניט וויסן.

אויפן צווייטן טאָג האָט אים דער ראַנדאַר אַלץ דערציילט וואָס ער האָט געוואָלט וויסן.

האָט דער פּריץ באַפוילן אָנלאָדן אַ וואָגן פול מיט זאַכן אויף פסח. אייער, קאַרטאָפל, מצות, וויין און אַנדערע גוטע זאַכן, און עס אָוועקפירן צום אידן ברוך. עס איבערלאָזן ביי ר׳ ברוכן אין הויף, באַנאַכט, ווען אַלע שלאָפן, קיינער זאָל דערפון ניט הערן און ניט וויסן.

דערווייל איז בא ר׳ ברוכן אין הויז ניט געווען פרייליך. דער שטענדיק לוסטיקער ר׳ ברוך איז געוואָרן אומעטיק.

אָבער איינמאָל אין אַ פרימאָרגן גייט שרה אַרויס אין הויף, ערשט אירע אויגן דערזעען קעסטלאַך און פעקלאַך. זי בלייבט שטיין ווי פאַרשטיינערט. זי גלויבט זיך ניט. איר ווייזט זיך אויס זי חלומט. זי ווישט זיך אויס די אויגן. זי גייט פאָרזיכטיק צו

צו די קעסטלאך, זי טאפּט זיי, עס איז ניט קיין חלום. זי לויפט אריין מיט אַ שמחה אין שטוב אריין. פאַר פרייד קאָן זי אַ וואָרט ניט אויסריידן, זי שטאַמלט, זי שרייט, זי וויינט, זי שלעפּט ר׳ ברוכן אין הויף אריין.

ר׳ ברוך ווייסט ניט וואָס דאָ קומט פאָר. ער קוקט דערשראָקן אויף שרהן. ער האָט געמיינט זי איז משוגע געוואָרן.

ער גייט איר נאָך אין הויף אריין. ער דערזעט די אַלע פּעק־לאַך און דער קאָפּ פאַרדרייט זיך אים. ער קאָן ניט פאַרשטיין, וואָס דאָ איז געשען.

זיי בּאַרואיקן זיך באַלד. זיי נעמען אויפפּאַקן די פּעקלאַך, זיי געפינען אַלדאָסגוטס.

מאַן און ווייב קוקן זיך אָן און קאָנען אַ וואָרט ניט אויסריידן. טרערן, טרערן פון פרייד האָבן זיך פון זייערע ביידנס אויגן גע־גאָסן.

3

דער פּריץ און דער איד

מיט יאָרן צוריק האָט געלעבט אין אַ קליין שטעטל אין פּוילן אַ איד ר׳ יעקב, געוועזן אַן אָרימאַן, אָבער זייער אַ פריילאכער. ער איז שוין געוועזן אַ איד כמעט אַ בן־שבעים, אָבער האָט זיך נאָך גע־האַלטן זייער יונג.

אין די יונגע יאָרן האָט ער געוואוינט אין אַ דאָרף און האָט געלעבט פון ערד ארבעט. ווען עס איז ארויס אַ גזרה, אַז אידן טאָרן ניט וואוינען אין די דערפער און האָבן ניט קיין רעכט צו האָבן אייגענע לאַנד, איז ער געווען געצוואונגען מיט זיין ווייב און פיר קינדער צו פאַרלאָזן דאָס דאָרף און ארויסוואַנדערן אין שטאָט, וואו ער האָט געלעבט אַ שווער אָרים לעבן.

קיין בעל מלאכה איז ער ניט געווען, האָט ער זיך אָנגעהייבן

צו באַשעפּטיקן מיט מעקלעריי, אַ פּרנסה, וואָס איז אים ניט געווען צום האַרצן.

צוליב זיין פּרנסה, פלעגט ער זיך מוזן באַגעגענען מיט פּריצים, גוט־באַזיצער, קומען צו זיי אין הויף אריין און דאָס האָט ער ניט געקענט פאַרטראָגן. זיי האָבן געהאַט אַ טבע זיך לוסטיג צו מאַכן איבער יעדן אידן, וואָס פלעגט קומען צו זיי, אָפּלאַכן און חוזק מאַכן פון אים.

ר׳ יעקב פלעגט אָפט אריינקומען צו אַ רייכן פּריץ, וואָס האָט געוואוינט ניט ווייט פון אים. דער דאָזיגער פּריץ איז גראַד ניט געווען קיין שלעכטער, ער האָט ר׳ יעקבן ליב געהאַט פאַר זיין ערלאַכקייט און פלעגט אים אָפט צושאַרן אַ פאַרדינסטל. אָבער אָפּטמאָל, ווען ר׳ יעקב פלעגט זיין בא אים, פלעגט ער ליב האָבן מיט אים מאַכן שפּאַס: ער פלעגט צושטיין צו אים ער זאָל פאַר אים זינגען, אָדער ווייזן, ווי אַזוי די חסידים טאַנצן. דערביי פלעגט דער פּריץ זיך קרימען און מאַכן פאַרשידענע הויות. ר׳ יעקב פלעגט זיך שטאַרק באַליידיקן און אוועק פונם פּריץ אָן אַ זיי געזונט. דער פּריץ פלעגט אין אַזאַ פאַל אים צוריקרופן, אַנטשולדיקן זיך פאַר אים און אים איבערבעטן.

עס פלעגט אויך טרעפן, ווען ר׳ יעקב קומט אריין צום פּריץ, נעמט אַראָפּ זיין היטל און בלייבט אין דער יאַרמעלקע, פלעגט פון ערגעץ פון אַ באַהעלטעניש דעם פּריץ׳ס געלערנטע מאַלפּע ארויפשפּרינגען אויף דעם אידן און אַראָפּכאַפּן די יאַרמעלקע. דאָס האָט ארויסגערופן געלעכטער ביי די ארומיקע. דער פּריץ פלעגט כלומרשט אָנשרייען אויף דער מאַלפּע און איר הייסן צוריק אָנטאָן דעם אידן די יאַרמעלקע. זי פלעגט פּינקטלאַך אויספאָלגן.

פאַר ר׳ יעקבן איז דאָס געווען אַ שטאַרקע דערנידערונג, ער האָט אָבער זיך ניט געקאָנט העלפן. אמת, ווי שלעכט עס איז אים ניט געווען, ווי ער האָט זיך ניט געפּלאָגט, איז ער קיינמאָל ניט גע־

גאַנעגן צום פּריץ, סיידן מ'האָט אים פון דאָרטן ניט געשיקט רופן.

מילא, אַ גאַנץ יאָר האָט ער זיך נאָך ווי עס איז דורכגעמור־טשעט. ווען עס איז אָבער אָנגעקומען אַ פּאָר יום טוב, אַ פּאָר פּסח, למשל, איז געווען גרויסע צרות.

דערצו האָט ער נאָך געהאַט „צער גידול בנים" — צרות פון זיינע קינדער. געקומען איז ער אין שטאָט אריין מיט 4 קליינע קינדער — איינגלאך. פאר דער צייט זיינען די צוויי עלטערע גע־שטאָרבן. די אנדערע צוויי, וועלכע זיינען שוין איצט גאַנץ פיינע בחורים, איינער 15, דער צווייטער 17 יאָר אַלט, זיינען זיי אַוועק אין אַ ישיבה און ער מיט דער אַלטעטשקער פלאגן זיך אין זייער איינזאמקייט. זיי לעבן אָבער מיט בטחון אַז גאָט וועט זיי ניט פאַרלאָזן, זייערע צוויי קינדער וועלכע האָבן אַ שם אין דער ישיבה פאַר זייער גוטע קעפּ און ערלאכע, וועלן מסתם אריינפאַלן פאַר איידימלאך צו רייכע באַלעבאַטים און זיי די אַלטעטשקע, וועלן דורך זיי אָם ירצה השם אויפגעריכט ווערן. דאָס האָט זיי געגעבן מוט און האָפנונג איבערצוטראָגן אַלע פּלאָגענישן און פייניקונגען.

אָבער אַלץ האָט אַ גרעניץ, ר' יעקב האָט שוין מער ניט גע־קאַנט אריבערטראָגן. עס איז אים צוגעטראָטן אַזאַ צייט וואָס פּשוט, באו מים עד נפש. אַלע שערי פרנסה האָבן זיך פאַר אים פאַרשלאָסן. ער לויפט ארום אַ גאַנצן טאָג פון איין סוחר צום צווייטן, פון פּריץ צו פּריץ, אָבער ער קאָן קיין פאַרדינסטל ניט אריינקריגן. און דאָ איז נאָענט צו פּסח און האָט נאָך קיין זאַך ניט צוגעגרייט. ער ריכט זיך אויף די קינדער, זיי קומען אויף פּסח, ער דאַרף זיי מאַכן נייע מלבושימלאך, און ווי נעמט מען עס עפּעס ניט אן אורח אָדער צוויי צו די סדרים.

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט קומט ער אַהיים אַ מידער פונם ארומלויפן, אַ דערשלאָגענער און אן אומעטיקער — גאָר ניט זיין טבע.

זיין ווייב רחל לויפט צו אים צו אַ דערשראָקענע: וואָס איז מיט דיר, יעקב? ביסט עפּעס ניט געזונט? ער הויבט אויף זיינע

אומעטיקע אויגן און קאן קיין וואָרט ניט אויסריידן. פאַר רחלן איז דאָס אַ וואונדער. זי האָט אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אין אַזאַ צושטאַנד. ער פלעגט שטענדיק באַהאַלטן פון איר זיין שלעכטע לאַגע. ער האָט זי ניט געוואָלט ערגערן.

מער האָט ער אָבער שוין ניט געקאָנט איינהאַלטן אין זיך זיין צער און האָט אויסגעגאָסן זיין האַרץ פאַר זיין פרוי.

רחל האָט אים באַרואיקט און געזאָגט: דו דאַרפסט ניט זיין געפאַלן ביי זיך, יעקב, אָרימקייט איז ניט קיין שאַנד. וועלן מיר מאַכן אַן אָרימערן פסח אַבי געזונט. זי האָט אָבער געמוזט אָפּקערן איר פּנים ער זאָל ניט באַמערקן אירע טרערן.

— ווייסטו גאָר וואָס, יעקב, — טוט זי פלוצלונג אַ זאָג — איך האָב אַן עצה. מאָרגן, איה"ש וועל איך קריגן געלט אויף יום־טוב.

— ווי אַזוי? — גיט ער אַ פרעג פאַרוואונדערט.

— ווי אַזוי? — ענטפערט אים רחל און פאַרטראַכט זיך צי זאָל זי אים זאָגן, צי ניין. — ווי אַזוי? אָט הער: מאָרגן אינדערפרי, אַז גאָט וועט מיר שיינקען דאָס לעבן, וועל איך אוועקטראָגן מיין זיידענע זשופּעצע און מיין חתונה קלייד צו נחום דעם וואָכערניק און נעמען דאַרויף אַביסל געלט.

— וואָס? — פרעגט יעקב אין אַ פאַרשטיקטן קול — און אין וואָס וועסטו גיין אין שול אַריין אום יום־טוב?

— וועל איך איין יום־טוב ניט גיין אין שול אַריין. גאָט וועט מיר פאַרגעבן, און מיר וועלן האָבן אַ פריילאַכן יום־טוב.

ר' יעקב האָט געשוויגן. ער האָט ניט געפונען קיין ווערטער וואָס איר דאַרויף צו ענטפערן.

אין דערזעלבער נאַכט, ווען ר' יעקב האָט געהאַט אַ שמועס מיט זיין פרוי, האָט ערגעץ אַנדערש פּאַסירט עפּעס אַן אויסערגעוויינלאַכע פּאַסירונג.

דער פּריץ, וועלכער האָט געהאַט די באַרימטע מאַלפּע, איז גע־
זעסן אין אַ צימער ביי זיך אין פּאַלאַץ און געציילט געלט — ער
האָט באַדאַרפט איבערציילן אַ זעקל גאָלדענע רענדלאַך.

קיינער איז אין צימער ניט געווען, אַחוץ זיין מאַלפּע, מיט
וועלכער ער האָט ליב געהאַט זיך אָפּט צו שפּילן. דאָס צימער איז
גוט פאַרשלאָסן, די לאָדן צוגעמאַכט קיינער זאָל ניט זען וואו ער
האַלט זיין געלט.

ער ציילט די גאָלדענע רענדלאַך, ער באַנעצט אַלע מאָל זיינע
פינגער מיט זיין צונג, צו פאַרלייכטערן דאָס ציילן.

די מאַלפּע וואַרפט אירע בליקן דאָ אויפן זעקל, דאָ אויף זיין
מויל און צוריק.

דער פּריץ ענדיקט זיין אַרבעט און גייט שלאָפן. ער פאַר־
געסט אָבער מיטנעמען די מאַלפּע.

האָט די מאַלפּע אַ טבע נאָכצומאַכן אַלץ וואָס אַן אַנדערער
טוט און מיט איר מאַלפּישן מוח האָט זי פאַרשטאַנען, אַז איר באַ־
לעבאָס האָט מיטן מויל געגעסן די רענדלאַך. טראַכט זי ניט לאַנג
און שלינגט זיי איינס נאָכן אַנדערן, איינס נאָכן אַנדערן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזאַ גאָלדענעם מאָלצייט, האָט זי
שוין ניט געקאַנט בלייבן לעבן. זי האָט זיך געדרייט און געוואָרפן
ביז זי האָט מיט איר לעבן באַצאָלט.

אינדערפרי זוכט דער פּריץ די מאַלפּע, ער רופט זי — זי
קומט ניט. ער דערמאָנט זיך אַז זי איז געווען אין דעם צימער,
וואו ער האָט געציילט דאָס געלט. לויפט ער אַהינצו און טרעפט
זי טויט. ער באַדויערט זייער פיל, אָבער וואָס קאָן מען העלפן?
טויט איז טויט!

ער רופט אריין אַ דינער, הייסט זי אַרויספירן און ערגעץ באַ־
גראָבן. דער דינער באַגעגנט זיך מיט נאָך אַ דינער און מיט נאָך
אַ דינער און איינער שלאָגט פאָר מ׳זאָל בײנאַכט די מאַלפּע אריינ־
וואַרפן אין דעם אידנס הויף אריין. עס געפעלט זיי דער שפּיצל

און ביינאַכט טראָגן זיי אַוועק שטילערהייט די מאַלפּע און וואַרפן זי אַריין אין ר׳ יעקבס הויף.

גאַנץ פרי שטייט אויף רב יעקבס פרוי, בינדט צענויף אין אַ פּעקל אירע יום טוב׳דיקע בגדים און מאַכט זיך פאַרטיק זיי אַוועק־צוטראָגן. זי גייט אַרויס אין הויף און דערזעט די טויטע מאַלפּע, זי לויפט מיט שרעק אַריין צוריק אין הויז און שלעפּט אַרויס ר׳ יעקבן. זיי קוקן ביידע מיט שטאַרע אויגן און ווייסן ניט וואָס דאָס איז. באַלד אָבער דערקענט ער דעם פּריצ׳ס מאַלפּע און רעכנט, אַז דאָס איז זיכער דעם פּריצס אַ שפּאַס.

עס פאַרדריסט אים זייער שטאַרק. די דערניידערונג איז פּשוט ניט איבערצוטראָגן, אָבער וואָס קאָן ער מאַכן? אַ איד אין גלות... ער באַשליסט דאָ טאַקע אין הויף אויסגראַבן אַ גרוב און באַגראָבן די מאַלפּע.

ער הויבט אָן די מאַלפּע אַרומצוקוקן פון איין זייט צום צווייטן אָבער דאָ געשעט אַ זאַך, וואָס מאַכט זיי ביידע צום שטוינען: איר בויך פּלאַצט און עס הויבן זיך אָן אַרויסצושיטן גאָלדענע רענד־לאַך. זיי בלייבן ביידע שטיין פאַרגליווערטע, קוקן איינס אויפן אַנדערן און קאָנען זיך פון אָרט ניט רירן.

רב יעקב קומט באַלד צו זיך. ער האָט באַלד באַגריפן ווי די זאַך האָט געקאָנט פּאַרקומען. ער דערקלערט דאָס צו זיין פרוי און פאַרענדיקט מיט די ווערטער: — זעסטו, אָפּטמאָל ווילן אונז די שונאים שלעכטס טאָן און עס קומט גאָר אַרויס דערפון אַ טובה.

רב יעקב נעמט צונויף די רענדלאַך, ציילט זיי איבער — עפּעס אַ פּאָר צענדליק און לאָזט זיך גיין אין שטוב אַריין. אָבער פּלוצלינג בלייבט ער שטיין פאַרטראַכט. זיין ווייב קוקט אים אָן פאַרוואונ־דערט.

— ווייסטו, רחל, וואָס איך טראַכט — רופט ער זיך אָפּ, — עס איז אַ זינד צו נוצן דאָס געלט, עס וועט זיין אַ „מצוה הבאה

בעבירה". דאס געלט איז ניט מיינס און עס וועט הייסן גנבה, אויב מיר וועלן עס צונעמען. איך וועל עס אוועקטראָגן צום פּריץ.

— מיר דאכט זיך אויך, אז דו ביסט גערעכט — רופט זיך אָפּ זיין פרוי.

ווען ר' יעקב איז צום פּריץ געקומען, איז דער פּריץ נאָך ניט געהאט אויפגעשטאנען. די דינער האָבן געקוקט אויפן אידן מיט חשד, זיי האָבן גערדיינקט, אַז ער איז זיי געקומען פארקלאָגן.

ווען ר' יעקב איז געשטאנען פאַרן פּריץ און אים אָפּגעגעבן צוריק דאס געלט, דערציילנדיק אים, ווי אזוי ער האָט דאס גע־קראגן, האָט צו ערשט דער פּריץ גאר ניט פארשטאנען. ווי קומט די מאלפּע צום אידנס הויז און וואָס איז דאָס פאר א געלט?

ר' יעקב האָט אים דערקלערט ווי אזוי דאָס האָט געקאנט פּאַ־סירן. דאָ איז אים די געשיכטע קלאָר געוואָרן. אים האָט ר' יעקבס ערלאכקייט שטארק גערירט און איז געוואָרן בייז אויף זיינע דינער, וואָס האָבן אזוי חוזק געמאכט פון אים.

ער האָט געהייסן ר' יעקבן נעמען צוריק דאס געלט, זאָגנדיק, אז גאָט האָט עס אים באשערט. אָבער ר' יעקב האָט זיך אָפּגע־זאָגט, טענהנדיק אז ער האָט עס ניט פארדינט.

דער פּריץ האָט אים בארואיקט און געזאָגט, אז ער גיט עס אים פאר אן אדרויף צו א מסחר, וואָס ער דיינקט דורך אים דורכ־צופירן. דאן האָט זיך שוין ר' יעקב ניט געקאנט אָפּזאָגן.

דער פּריץ האָט אים טאקע באלד איבערגעגעבן א שליחות, פון וועלכע ר' יעקב האָט נאָך פאר פסח פארדינט א היבשע סומע געלט און זיי האָבן געהאט א פריילאכן יום טוב.

4

עלילת דם

היינטיקס יאָר האָבן מיר שוין ניט דערוואַרט, אז דער טאַטע זאָל אונדז דערציילן עפּעס א מעשהלע, ווייל די לעצטע צייט האָט ער זיך געפילט זייער שוואַך און איז געוועזן צופרידן, אז מע האָט

אים געלאָזן צורו. מיר האָבן אָבער דעם פּסח גֿעהאַט אַ גאַסט, אַ געשוועסטער־קינד, אַ אינגל פון אַ יאָר פערצן, וואָס איז צו אונדז געקומען אויף פּסח צוגאַסט און כמעט נאָר צוליב דעם, ווייל ער האָט געהערט אַז דער טאַטע דערציילט שיינע מעשהלאך באַם סדר. ער האָט עס טאַקע אָפן ארויסגעזאָגט. דער טאַטע האָט אים ניט געקענט אָפּזאָגן, און האָט זיך צו אונדז אַלע אָנגערופן: דאַכט זיך מיר איך האָב אייך שוין אַלץ דערציילט, אָבער לאָמיך אַ טראַכט טאָן, אפשר וועל איך זיך עפּעס דערמאָנען.

— ווייסטו וואָס, טאַטע, — האָט זיך אָפּגערופן מיין קלענע־רער ברודער — דערצייל אונדז אַ מעשהלע פון עלילת־דם.

— ווייסטו וואָס דאָס הייסט? — פרעגט דער טאַטע פאַר־וואונדערט — האָסטו ערגעץ געלייענט פון דעם, אָדער אימיצער האָט דיר עפּעס דערציילט דערפון? קאָנסטו מיר זאָגן, וואָס מען האָט דיר וועגן דעם דערציילט?

— איך וועל פּרואוון, — האָט מיין ברודער געענטפערט — עלילת־דם, הייסט „בלוט־בלבול”. אייניקע פון די קריסטן האָבן אויסגעטראַכט, אַז באַ די אידן איז דאָ אַ מנהג, אַז אין די מצות זאָל אריינגעמישט ווערן בלוט פון אַ קריסטלאַך קינד. און אַז עס ווערט באַ די קריסטן פאַרפאַלן אַ קינד, זיינען זיי חושד, אַז די אידן האָבן עס צוגעגנבעט, און דערהרגעט, כדי צו נעמען פון דעם קינד דאָס בלוט.

— שרעקלאַך! — האָבן אַלע זיך אָפּגערופן.

— יאָ, ס'איז שרעקלאַך! — האָט דער טאַטע אַ זיפץ געטאָן. דער בלבול האָט פיל מאָל אונדז אידן געקאָסט זייער פיל קרבנות. עס פלעגט טרעפן, אַז עפּעס איינער אַ גלח, אַ שלעכטער מענטש, וועלכער האָט עפּעס געטראָגן אַ האַס אויף אַ אידן, האָט אָנגערעדט אַן אומוויסנדן פּויער, ער זאָל הרגענען זיין קראַנק קינד און עס אונטערוואַרפן אין הויף פון אַ אידן. פּונקט אין דער פּסח נאַכט, ווען די אידישע פאַמיליע איז זיך רואיק געזעסן און אָפּגעריכט דעם סדר, פלעגט אַ גרופּע קריסטן, אָנגעפירט פון דעם זעלביקן

גלח, באַפּאַלן דאָס אידישע הויז. זיי פּלענן כלומרשט ארומזוכן אַלע צימערן פון הויז און גאַרנישט געפינען, נאָכדעם גיין אין הויף און געפינען דאָס טויטע קינד.

דער טאַטע איז אַנטשוויגן געוואָרן. עס זעט אויס, אז עפּעס האָט אים געשטיקט אין האַלדז און ער האָט ניט געקענט ווייטער רעדן. מיר אַלע זיינען אויך געזעסן זייער דערשלאָגן און האָבן ניט געקענט אַ וואָרט אויסרעדן.

מיין שוועסטערל, צען יאָר אַלט, האָט די ערשטע געפרעגט ?

— נו און וואָס איז ווייטער געווען ? מען האָט באַלד געוויס איינגעזען, אז דאָס קינד איז אונטערגעוואָרפן, און דער שולדיקער איז גוט באַשטראָפט געוואָרן ?

— ניט שטענדיק, מיינע טייערע, — האָט דער טאַטע געענט־פערט מיט אַ זיפץ, — איר פאַרשטייט דאָך, אז די וואָס האָבן גע־קאָנט טאָן אַזאַ זאַך, האָבן אויך געקאָנט פאַלש שווערן, און איי־ניקע אידן זיינען טאַקע פאַרמשפּט געוואָרן צו אייביקער תפיסה. און אפילו אז עס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן דער אמת, איז ביז וואָס־ווען, האָבן די קריסטלאַכע פּויערים דערווייל געפּלינדערט און געראַבעוועט אידישע הייזער, און אָפטמאָל אויך געהרגעט אידן.

עס דערציילט זיך אַזאַ מעשהלע : איינעם אַ רב האָט זיך באַנאַכט געחלומט, אז אין שול פון דעם ארון קודש, וואו עס שטיי־ען די ספרי תורות, זעצט ארויס אַ פייער. אַ דערשראָקענער איז ער באַנאַכט געלאָפן אין שול אריין, ער האָט געעפנט דעם ארון קודש, קיין פייער איז דאָרט ניט געווען. ער האָט שוין געוואָלט אוועקגיין. ס'איז ניט מער ווי אַ חלום — האָט ער געטראַכט. — ער האָט אָבער דאָס פלעשל ווייַן, פון וועלכן מען מאַכט קידוש יעדן פרייטיק־צו־נאַכטס, ניט געפונען אויפן פּלאַץ. האָט ער אָנ־געהויבן עפּעס פאַרדעכטיקן. ער נעמט דאָס פלעשל ווייַן אין זיי־נע הענט און באַמערקט אויף זיין פינגער אַ רויטן פלעק. ס'איז געווען אַ בלוט פלעק. דער רב האָט אָנגעהויבן צו ציטערן פאַר שרעק : „אַ בלוט בלבול ! ״

ער האָט אויפגעוועקט אַ פּאָר נאָענטע אידן, זיי דערציילט וואָס עס האָט געטראָפן. אַלע זיינען געשטאַנען דערשראָקענע און האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ווען זיי האָבן זיך אַביסל באַרואיקט, האָבן זיי באַשלאָסן אוועקשטעלן אין ארון קודש אַן אַנדער פלעשל וויין. און זיי האָבן דאָס באַלד געטאָן.

גאַנץ פרי, ווען די אידן האָבן זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן צונויפקומען אין שול דאַוונען, האָבן זיך אריינגעריסן אַ מחנה סאָלדאַטן און פויערן, געפירט פון דעם דאָרטיקן גלח, און אָנגעהויבן פאָדערן פון די אידן אַז זיי זאָלן אָפּגעבן דאָס מיידעלע, וואָס איז נעכטן פאַרלוירן געגאַנגען. די אידן שווערן אַז זיי וויסן פון גאָר ניט. עס העלפט ניט. מע זוכט אין אַלע ווינקעלאַך. מע געפינט גאָרניט. דער גלח קומט צו נאָענט צום ארון הקודש — „אָט דאָ", שרייט ער אויס, „אָט דאָ, וועלן מיר זיכער געפינען שפּורן פון דעם קינדס קערפּער". דער שמש עפנט מיט שרעק דעם ארון קודש, דער גלח גיט אַ כאַפּ דאָס פלעשל און מיט אַ שפּאָטישן שמייכל גיט ער אַ געשריי אויס: „אָט האָט איר אַ פלעשל מיט בלוט!" ער גיט דאָס פלעשל איבער צום „פּריסטאַוו", יענער גיסט אויס אַ פּאָר טראָפּן אויף זיין האַנט — ער זעט ניט קיין בלוט. ער גיט אַ שמעק — וויין. ער גיט דאָס איבער צום גלח. דער גלח פּרוּווט עס אויך — עס איז וויין, ניט בלוט. ער ווערט בלאַס, ער טוט צאַרניק אַ קוק אויף איינעם פון די פויערן, יענער פאַרלירט זיך, צלמט זיך און שווערט, אַז ער האָט אליין אריינגעשטעלט די נאַכט אין ארון הקודש אַ פלעשל מיט בלוט, אַזוי ווי דער גלח האָט אים געהייסן...

5

די וואונדערלאכע רייזע
(נאך א. קאראסא)

אויף א וויסטן אינדזל, אינמיטן ים האט געלעבט א זקן אין א פארבישופטן פאלאץ.

קיינער האט אים קיינמאל ניט געזען. קיינער האט אים קיינ־מאל ניט געהערט. ס'האבן דאך פון אים אלע געוואוסט. אלע האבן געגלויבט אין זיין מאכט, אלע האבן אויף אים געווארט און געהאפט.

איין דור צום צווייטן האט איבערגעגעבן וועגן אים מעשיות און לעגענדעס. יעדער האט זיך אים פארגעשטעלט אנדערש און אים פארשידן געמאלן.

מען האט דערציילט אז זיינע אויגן שליידערן בליצן. פון יע־דער זאך, אויף וועלכער עס פאלט זיין פייערדיקער בליק, ווערט א קופע אש. מיט זיין לאנגער בארד נעמט ער ארום דעם גאנצן אינדזל. ער קאן מיט איין פינגער אויסרייסן דעם שטארקסטן בוים, מיט א בלאז פון זיין מויל ווארפט ער אום די שטארקסטע חיות... מען האט דערציילט וואונדער איבער וואונדער.

אויף דעם זעלביקן ים, אויף אן אנדער אינדזל האט געוואוינט אן ערד ארבעטער, יהודה האט ער געהייסן. ער האט געהאט איין און איינציקן זון ישראל, ווען זיין פרוי שרה האט אים גע־בוירן אין די לעצטע מינוטן פון איר לעבן.

דאס קינד איז געווען שיין און קלוג און קיין זאך האט אים קיינמאל נייט געשראקן: ניט די נאכט פינצטערקייט, ניט דער דונער, ניט דער בליץ, ניט קיין ווילד חיות און ניט קיין שטורעם.

א פארטראכטער, מיט ארויפצו אויפגעהויבענע אויגן, פלעגט ער שפרייזן איבערן אינדזל, ווארפנדיק פון צייט צו צייט זיין

שטאָלצן בליק אויף דער אומענדלאַכקייט פון דעם שטורמדיקן ים.

ווי אַלע קינדער, האָט ער אויך געוואוסט די מעשה וועגן דעם סודותפולן זקן פון דעם ווייטן אינדזל. נישט איינמאָל פלעגט זיין פאָטער אין צייט פון רו אים איבערדערציילן דאָס וואָס ער האָט געהערט פון זיינע זיידעס, און וואָס יענע האָבן פון זייערע זיידעס איבערגענומען.

ישראל האָט שוין דערגרייכט דאָס יאָר פון „בר מצוה". ער האָט דאָס ערשטע מאָל דערפילט אויף זיין קאָפ די משא פון די „תפילין", איז אין זיין יונגן קאָפ געבוירן געוואָרן אַ פּלאַן. ער האָט באַשלאָסן צו לאָזן זיך זוכן דעם אינדזל, וואו עס געפינט זיך דער וואונדערלאַכער זקן.

עס איז געווען אַ פינצטערע נאַכט. דער יונגער ישראל האָט זיך אויפגעהויבן פונ'ם געלעגער, וואו ער איז געשלאָפן צוזאַמען מיט זיין פאָטער. ער האָט זיך איבערגעבויגן איבער זיין פאָטער און צאַרט אַ קוש געטאָן אים אין זיין אָפענעם צעקנייטשטן שטערן. דער אַלטער האָט זיך ניט גערירט. „ס'איז צייט", האָט ישראל אַ טראַכט געטאָן. ער האָט מורא געהאַט אַז זיין באַהאַלטענער גע־דאַנק זאָל ניט אויפוועקן זיין פאָטער. יענער האָט ווי אַ ציטער געטאָן פלוצלונג און עפּעס אַ מורמל געטאָן פון שלאָף. ישראל איז אומרואיק געוואָרן. באַמערקנדיק אָבער אַז זיין פאָטער שלאָפט, האָט ער זיך בארואיקט און איז מיט פאָרזיכטיקע שטילע טריט ארויס אין פאָדער הויז.

אין אַ ווייטן ווינקל איז געשטאַנען אַ קוישל פול מיט עסנ־וואַרג, און אַ גרויסער ליימענער קרוג מיט וויין. אויפן קרוג איז געלעגן אַ קליין זעקעלע, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען די „תפילין". ישראל האָט עס אַ קוש געטאָן און אַ כאַפּ טוענדיק די צוגעגרייטע זאַכן איז ער ארויס פון הויז.

אַלץ ארום איז געשלאָפן. וואַכנדיק איז געווען בלויז דער ים.

פּאַמעלאַך איז ישראל דורכגעגאַנגען די פעלדער וואו זיינע זיידעס, זיין פאָטער און ער האָבן פאַרבראַכט זייער גאַנצן לעבן;

דעם וואַלד, וואו יעדער בוים איז אים געווען באַקאַנט און נאָענט. אינדערמיט פון די טונקעלע קוסטעס האָט זיך געהערט דאָס פליעס־קען און רוישן פון די אומרואיקע כוואַליעס. דאָרט אויפן ברעג צווישן די קוסטעס האָט נאָך פון נעכטן געוואַרט אויף אים זיין קליין שיפל.

א טרויעריקן בענקנדיקן בליק האָט ער געוואָרפן אויף יענעם פינצטערן טייל פון וואַלד, וואו עס האָט זיך געפונען די היים פון זיינע עלטערן. ער האָט שטילערהייט געזאָגט: טייערער פאָטער, זיי מיר מוחל! איך ווייס וואָס פאַר א ווייטיק עס גועט דיר פאַר־שאַפן מיין אַנטלויפן. באַשולדיק מיך אָבער ניט צופיל. איך האָב געמוזט דאָס טאָן... מיך רופט שוין לאַנג א באַהאַלטענע שטים. די שטים פון דעם וואונדערלאַכן זקן.

ישראל איז שנעל אריינגעשפרונגען אין שיפל, האָט איבער־געשניטן דעם שטריק, וואָס איז געווען פאַרוואָרפן איבער א שפּי־ציקן פעלז, א כאַפּ געטאָן דעם רודער און א לאָז געטאָן דאָס שיפל אין ים אריין.

לאַנג איז ער געשוואומען. אזוי לאַנג אַז ער האָט אַזש פאַר־לוירן די רעכנונג פון די טעג און די נעכט.

א קוישל מיט ברויט, געטריקנטע פיש, פרוכטן און א קריגל ווייין, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט פון הויז — דאָס איז געווען די גאַנ־צע שפּייז זיינע אין די דאָזיקע טעג. דער ים האָט געהודעט, גע־ברומט, די כוואַליעס האָבן אויף זיין שיפל געלויערט, אָבער ער איז געפאָרן אַלץ ווייטער און ווייטער — צום ציל...

ביסלאַכווייז איז דאָס קוישל און דאָס קריגל ליידיק געוואָרן, און זיין געוואונטשטער ציל איז נאָך אַלץ ניט דערגרייכט געווען. עס זיינען פאַרלאָפן טעג און נעכט, מיט זיי איז געוואַקסן זיין דורשט און הונגער. דער ווינט האָט זיך פאַרשטאַרקט און ישראלן האָבן די כחות פאַרלאָזן. ער האָט שוין ניט געקענט פירן דאָס שיפל אָבער זיינע געדאַנקען זיינען פאַרבליבן פריי. קיין שרעק האָט אים ניט גענומען. דער ווינט האָט געפירט א קאַמף מיט דעם

יונגן שווימער, האָט געפּייפט, געברומט מיט זיין ווילדן אומקלאָרן קול:

„וועסט באַלד אומקומען, ישראל. איך וועל דיך אריינשלעפּן אין די כוואַליעס, זיי וועלן דיך איינשלינגען"....

עס איז פאַריבער א טאָג און נאָך א נאַכט. ישראל איז אומ־באַוועגלאך געלעגן אין זיין שיפל, וועלכעס האָט זיך געטראָגן מיט די כוואַליעס. ישראלס לעצטע כחות האָבן אים פאַרלאָזן. אין אים האָט געאָטעמט נאָר איין ווילן — קומען צום געהיימען אינדזל. ער איז געלעגן האַלב וואַך. פאַר זיינע האַלב געשלאָסענע אויגן האָט זיך באַוויזן זיין גוטער פאָטער. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער רופט: „ישראל, מיין קינד, ישראל, וואו ביזטו, ישראל, רוף זיך אָפּ!" און ישראלס אָפּגעשוואַכטע נשמה האָט א ציטער גע־טאָן.

פלוצלונג האָבן זיך דערטראָגן צו אים ווייטע, צאַרטע האַרפן קלאַנגען. ער האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך. ער האָט צונויפגע־נומען זיין גאַנצע ווילנסקראַפט, זיך פאַמעלאך אונטערגעהויבן און... איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן פון אן אומגעריכטן בילד:

אויף א קליינעם שטח פון אים האָט זיך געהויבן א באַלויכ־טענער טורעם, וואָס איז געווען באַצירט מיט א גלאַנציק שיינענ־דיקן „מגן דוד". ער האָט אָנגעהויבן פרייער צו אָטעמען, און עס האָט זיך אים פלוצלונג אויסגעוויזן, אַז ער האָט שוין אַמאָל, לאַנג, לאַנג צוריק, ער געדענקט ניט ווען געזען דעם דאָזיקן טורעם... דאָס האָט אריינגעגאָסן נייע קרעפטן אין זיין נשמה, זיינע הענט האָבן א כאַפּ געטאָן די רודער און מיט אומגעווויינטלאַכער שנעל־קייט האָט ער א לאָז געטאָן זיין שיפל גלייך צום אינדזל מיטן טורעם.

— איך האָב דערגרייכט! דערגרייכט! — האָט ער אויס־געשריען. דערגרייכט! דערגרייכט! האָט אָפּגעהילכט א ווי־דער קול.

ער איז צוגעשוואומען צום ברעג, אריין אין וואַלד, פון וואַלד אויף א לאָנקע, און ווען און שטעגן האָבן אים געבראַכט צום

טורעם. די טיר איז געווען אָפן; ער איז אריינגעגאנגען — אינ־ווייניק איז געווען פוסט. ער איז געגאנגען פון איין צימער אין א צווייטן — שטילקייט און פינצטערניש. „איך זע ניט קיין ארויס־גאנג" האָט ער מיט פארצווייפלונג אויסגעשריען. ער האָט זיך שוין געוואָלט צוריקקערן, האָט ער אָבער פלוצלונג דערפילט הינ־טער זיך טרעפּ. ער איז אַראָפּ, אָבער אויך דאָרט איז קיינער ניט געווען. נאָך א הינטער צימער, נאָך איינס, — אומעטום דאָס זעלבע: פינצטערניש און פוסטקייט. אָבער הער... פון די ווייַ־טע טיפענישן דערטראָגט זיך צו אים א צארט מעלאָדיש געזאַנג.

ער לאָזט זיך ארונטער טיפער. דאָס צארטע זינגען ווערט קלערער, עס הערט זיך ווי דאָ פון ערגיץ הינטער א טיר. עס הערן זיך שוין באַקאַנטע ווערטער, ווערטער פון תהילים: „ממעמקים קראתיך ד'" — פון דער טיפעניש טו איך רופן צו דיר גאָט.

מיט אן איינגעהאַלטענעם אָטעם גייט ישראל צו צו דער פאר־כישופטער טיר. ער שטעלט זיך אָפּ אביסל איידער ער עפענט זי, ער זוכט לאַנג דאָס הענטל... ער גיט עס א דריי, — און א שטראָם העלע ליכט פארבלענדט זיינע אויגן. די שטים ווערט אַנטשווינגן. עפּעס א וואונדערלאכע רואיקייט כאַפּט ארום זיין גאַנצן קערפּער. די טיר מאַכט זיך צו הינטער אים. און ער הערט א ווייכע שטים.

„ישראל, מיין זון ישראל. דו ביסט דאָך געקומען! אָ, מיט וואָס פאר אן אומגעדולד האָב איך געוואַרט אויף דיר, מיין דרייס־טער און גוטער זון. וויפיל ליידן, וויפיל פּיין האָסטו איבערגע־טראָגן צוליב מיר! אָבער איך האָב געוואוסט, אַז דו וועסט קומען גאַנץ און ניט געשעדיקט, און דו ביסט טאַקע געקומען. און אין ציַיט — צום סדר ביסטו געקומען. היינט איז די ערשטע נאַכט פּסח. גיי זשע מיין קינד, שנעלער, וואַש ארום דיינע מידע אברים, און לעג אונטער דיין הונגעריקן אויסגעמאַטערטן קערפּער. גיי צו נעענטער צום טיש, זעץ זיך!"

ער זעט א שטול פון ריינעם גאָלד, באַצירט מיט טיַיערע שטיי־נער, באַדעקט מיט ווייכע זיידענע קישעלאַך פון צארטע פעדערלאַך

פון די גן עדן פויגל. אָט איז אַ בעכער, אויסגעהוילט פון אַ גרויסן פּערל, דעם גרעסטן אין דער גאַנצער וועלט... אָט איז אַ קרוג, פול מיט וויין פון די גערטנער פון עדן! אָט איז אַ טעלער פון פּערל ווייסן לבנה שטיין. אין אים געפינט זיך אַ געשמאַק מאכל.

„קום צו נעענטער, מיין קינד, קום און זעץ זיך!"

און ערשט איצט האָט ישׂראל דערזען, פון וואַנען עס קומט די שטים.

אויף אַ הויכן אייזערנעם שטול, פאַר אַ גרויסן מירמלשטיינערנעם טיש איז געזעסן אָנגעטאָן אין אַ העל ווייסן קיטל אַ בלייכער מאָגערער זקן. זיינע דינע בלאַסע הענט זיינען געווען צו־געשמידט צו די פּאַרענטשעס פון דעם שטול מיט דיקע פאַרזשאַ־ווערטע קייטן. זיין שניי־ווייסע באָרד האָט זיך אין אַ אומאָרדנונג געשלעפּט כמעט צו זיינע פיס.

דעם אַלטנס שטים האָט ווידער אויפגעוועקט ישׂראלן:

„וואַש זך אָפּ, מיין קינד, און קום צו צו מיר".

ישׂראל איז צוגעגאַנגען צום גאָלדענעם בעקן, וואָס איז גע־ווען אָנגעפילט מיט בשמימדיקע וואַסער, און באַנעצט זיינע הענט און פּנים. אַ שטראָם ניי לעבן האָט זיך געגעבן אַ גאָס אריין אין זיין ברוסט זיינע אויגן האָבן געקראָגן זייער פריערדיקן גלאַנץ, זיין געזיכט — די פריערדיקע פרישקייט, זיינע הענט און פיס — זייער פריערדיקע קראַפט. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ. די אויסערגעוויינלאַכע פּראַכט פון דעם פּסחדיק־געגרייטן טיש האָט אים שיר פאַרבלענדט.

אויף דעם טיש האָבן געשימערט מיט אַלע רעגנבויגן קאָלירן: גאָלד, בריליאַנטן, לבנה קאָלירטע פּערל, פרילינג גראָז—גראָער אי־זומרוד, בלוילאַך געלער טאַפּאַז, טונקל בלויער סאַפּיר, בלוט רויטער רובין, צאַרט־גרינער שמאַראַגד, העל טאָניקער שימערדיקער אָפּאַל, הימל בלויע בירויזא.

אָט די אַלע טייערע שטיינער האָבן געבליאַסקעט אויף די קעפּ־לאַך, אין די אויגעלאַך און אין די פליגל פון כרובים און מגן דודס,

וואָס האָבן באַצירט די כלים פון דעם פּסח טיש. אַלץ האָט גע־שיינט און געגלאַנצט. אפילו די מצות, די זרוע, און די חרוסת האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן אַ מאָדנעם שיין. אָבער מער פון אַלץ האָט אויף זיך געצויגן ישראלס בליק די הגדה. די בלעטער זיינען געווען פון רויטן גאָלד. די בוכשטאַבן פון טייערע שטיינער, יע־דער קאַפּיטל איז נאָך דעם אינהאַלט נאָך געווען צוזאַמענגעשטעלט פון די צוגעפּאַסטע שטיינער. דאָס קאַפּיטל: „און קנעכט זיינען מיר געווען ביי פּרעה'ן אין מצרים" איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון דינע שעמעוודיקע רובינען, וועלכע האָבן ווי אויסגעדריקט די גאַנצע דערנידערונג פון דער שקלאַפערײַ. די שורות: „איצט זיי־נען מיר קנעכט, אָבער גיך וועלן מיר זיין פרייַ", זיינען געווען צו־זאַמענגעשטעלט פון זון־העלע אָפּאַלן, וועלכע האָבן געברענט מיט ליכטיקער האָפנונג.

אַ לאַנגע צייט האָט דער זקן זיך ניט דערלויבט אָפּצורייסן דעם יונגלינג פון דעם כשוף־בילד, באַמערקנדיק אָבער זיין אויס־געצערט געזיכט, האָט ער ווייך און צאַרט זיך אָפּגערופן:

„ישראל, מיין זון, אַלץ וואָס דו זעסט — איז דיינס. דו קאָנסט טאָן דערמיט וואָס דיין האַרץ גלוסט. נאָר דער שווערער וועג האָט דיך שטאַרק אויסגעמאַטערט, דעריבער בעט איך דיך, לעגן פריער אונטער דיין האַרץ מיט די צוגעגרייטע מאכלים".

ישראל האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אַ פרעג געטאָן: „ווער ביסטו, האַר, געשמידט אין קייטן?"

— מיין קינד, האָט דער אַלטער זייער ווייך אָבער טרויעריק געענטפערט, ווער איך בין, פרעגסטו? מיין נאָמען ווילסטו וויסן? אָ, זון מיינער! דו ווייסט אים שוין פון לאַנג! דו ביסט דאָך אַ זון פון דעם פיל ליידנדיקן וואַנדערנדיקן פאָלק ישראל, און איך בין דער, אויף וועמען עס פאַלט די לאַסט פון מענטשלאַכער זינד און אויף וועמען אַלע האָפן. דו זעסט, די דאָזיקע קייט? — זי איז אויסגעשמידט פון מענטשנס זינד, און זי ווערט אַלץ דיקער און דיקער. אָבער גענוג שוין פון דעם... היינט איז דער הייליי־

קער יום טוב, און ער טאָר ניט געשטערט ווערן... דו ווילסט וויסן מיין נאָמען, ווער איך בין? איך בין דער גייסט פון ליידן, דער סימבאָל פון האָפנונג... מיין נאָמען איז משיח...

6

##ביים זיידן אויף חנוכה

ביי משהלס עלטערן אין הויז טומלט זיך עפּעס. די קינדער גייען ארום און ריידן אזוי היציק, וואָס האָט פּאַסירט? א בריוועלע איז אָנגעקומען פון זיידן, וואָס וואוינט אין דאָרף. דער זיידע דערמאָנט, אז אָט באַלד איז שוין חנוכה און ער בעט, מ׳זאָל זיך באַצייטנס צוגרייטן און וואָס גיכער קומען.

אזוי פירט זיך שוין א יאָר צען, זינט דער זיידע וואוינט אין דאָרף. אלע חנוכה קומען זיך צוזאַמען צו אים זיינע קינדער און אייניקלאך און מ׳פאַרברייננגט דעם יום טוב גאַנץ פריילאך.

חנוכה איז ביים זיידן א טאָפּל-יום טוב: זיין געבורטסטאג פאַלט דעמאָלט אוים און פאַר יעדן חנוכה דערמאָנט ער מיט א בריוול אז מ׳זאָל ניט פאַרגעסן קומען. אויך איצט איז אזא בריוועלע אָנגעקומען צו משהלס עלטערן.

משהל איז אַלט געווען א יאָר צען, ער האָט געהאט אן עלטערן ברודער, חיים, פון א יאָר צוועלף, נאָך א קלענער ברודערל און שוועסטערל יוסי און גיטל פון פינף און זיבן יאָר אַלט.

דאָס בריוועלע האָט ביי די קינדער ארויסגערופן א טומל און גערודער. זיי זיינען אומגעלאָפן, האָבן גערעדט, זיך געהיצט, וואָס פאַר א מתנה זיי זאָלן ברייננגען דעם זיידן, ווי אזוי זיי וועלן עס דאָרט פאַרברייננגען; ווי אזוי די באָבע וועט זיי דערציילן שיינע מעשהלאך און נאָך און נאָך.

איין משהל האָט קיין אנטייל ניט גענומען אין דער שמחה. פּאַרקערט, זינט ס׳איז אָנגעקומען דאָס בריוועלע, איז ער געוואָרן

אומעטיק און איז ארומגעגאנגען ווי א ברוגזער. די מוטער האָט דאָס באַמערקט און עס האָט איר געוואונדערט; זי האָט געמיינט, אפשר איז ער ניט געזונט.

— וואָס איז מיט דיר, משהל — האָט זי אים איינמאָל א פרעג געטאָן — וואָס גייסטו ארום אזוי אומעטיק? קום נאָר אהער, לאָמיך א טאַפּ טאָן דיין קעפּל אנו, ווייז מיר דיין צונג.

— ס'איז מיר גאַרניט, מאַמע — ענטפערט משהל — ווייסט דאָך, איך האָב פיל לעקציעס צו מאַכן.

די מוטער האָט זיך בארואיקט.

אין א פּאָר טעג נאָכדעם, שטעלט ער פּלוצלונג אָפּ איינמאָל דער מאַמען מיט אזא פראגע: „מאַמע, ווען דיינקסטו צו פאָרן צום זיידן?"

— וואָס איז? — ענטפערט די מאַמע מיט א פראגע — דו האָסט שוין קיין געדולד ניט צו ווארטן? אין א צוויי וואָכן ארום, א פּאָר טעג פאר חנוכה".

— ניין, — ענטפערט משהל — איך... איך האָב געוואָלט דיר עפּעס זאָגן. אפשר זאָל איך ניט פאָרן צום זיידן. ווייסט דאָך איך האָב אריבערגעהיפּט א קלאַס און איך האָב א סך ארבעט.

— וואָס, — האָט די מוטער פארוואונדערט אויף אים א קוק געטאָן — דו ווילסט ניט פאָרן צום זיידן? עפּעס א נייעס.

— גאַרניט — האָט משהל קורץ א זאָג געטאָן און איז אוועק אין זיין צימער. די מוטער איז אביסל געשטאַנען און איז אוועק צו איר הויז ארבעט.

ניט אומזיסט איז משהל ארומגעגאַנגען אזוי אומעטיק. ער האָט געדיינקט, וואָס עס איז פאראיאָרן פּאָרגעקומען ביים זיידן. ווען ער דערמאָנט זיך אין דעם, הייבט ער אזש איצט אָן צו ציטערן פאר פאַרדרוס און ווערט רויט. ער געדיינקט עס, גלייך ווי עס האָט ערשט נעכטן פּאַסירט. מיט וואָס פאר א פרייד און באַגייס־

טערונג ער איז אריינגעקומען אין זיידנס הויז. ער האָט דאָך דעם זיידן אזוי ליב. דער זיידע איז אזא שיינער, אזא גוטער! ווי גוט, משהל האָט זיך געפילט, ווען דער זיידע האָט אים צוגעדריקט צום הארצן און אים געקושט. ער געדיינקט נאָך די ווערטער, וואָס דער זיידע האָט געזאָגט צו די קינדער, ווען זיי האָבן אים דערלאנגט די מתנות: „איך דאנק אייך, מיינע טייערע". עס האָבן זיך באַוויזן טרערן אין דעם זיידנס אויגן און ווייטער... אָבער וואָס ווייטער, וויל משהלע ניט געדיינקען.

אָט וואָס עס האָט פּאַסירט:

נאכדעם, ווי דער זיידע האָט זיך גוט אָנגעשפּילט מיט די קינדער, האָט ער זיי געבעטן, זיי זאָלן אים עפּעס דערציילן פון דעם, וואָס זיי האָבן געלערנט אין דער אידישער שול. חיים, זיין עלטערער ברודער האָט פארגעשלאָגן אז מ'זאָל דערציילן די געשיכטע פון חנוכה. דעם זיידן איז דאָס געפעלן געוואָרן און ער האָט טאקע געבעטן חיים'ן ער זאָל דער ערשטער דערציילן. חיים האָט דאָס מיט פארגעניגן געטאָן; נאָך חיימן האָט משהל געדארפט דערציילן, אָבער ער האָט זיך אזוי פארפּלאָנטערט, אזוי פארדרייט. ער איז געוואָרן רויט איבער די אויערן און איז אַנטשוויגן געוואָרן. דער זיידע האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט פארדרוס, אוי, דעם זיידנס קוק! די גאנצע צייט ביז ער איז אוועקגעפאָרן, האָט משהל זיך געשעמט וויזן פארן זיידן.

מיינט איר אז משהל איז אפשר טאקע אזא שלעכט אינגל און לערנט זיך ניט גוט אין שול? ניין, משהל איז זייער אַ גוטער תלמיד אין דער ענגלישער ווי אויך אין דער אידישער שול. ער האָט אָבער פיינט — ווי ער רופט עס — „פרעמדס". ער האָט פיינט אויסצולערנען, וואָס אנדערע האָבן אָנגעשריבן, דערפאר האָט ער ליב איבערדערציילן מיט זיינע אייגענע ווערטער, דעמאלט ווערט ער אַ פּאָעט. ער גיט אריין אַ ניי לעבן אין דער זאך. ער האָט דערפאר ניט זייער ליב געשיכטע וואו מ'מוז וויסן פאקטן און ציפערן. ער האָט פיינט צו חזרן אויסנווייניג זאכן. די געשיכטע

פון חנוכה, האָט ער דערפאַר ניט געקענט דערציילן פאַרן זיידן, אַזוי ווי זיין ברודער האָט זי דערציילט, און ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט. אין שול האָט ער גראַד אָנגעשריבן אַ פיר זייטן פּאַפּיר איבער מתתיהו און זיינע פינף זין. ער האָט עס אָבער ניט געשריבן ווי די געשיכטע דערציילט, נאָר ווי ער אַליין שטעלט זיך עס פאָר אין זיין פאַנטאַזיע, און אַ פאַנטאַזיע האָט ער געהאַט זייער אַ רייכע.

ער האָט זיך דערפאַר טיף באַליידיקט, ווען ער האָט גאָרניט געקענט ווייזן זיין זיידן — און דער זיידע האָט אים אָנגענומען פאַר אַן עם־הארץ.

אַ שטיק צייט האָט ער זיך ניט געקענט באַרואיקן. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעמישטער ביז ער האָט בּיסלעכווייז פאַרגעסן. איצט ווען עס איז אָנגעקומען די איינלאַדונג צום זיידן, איז ער ווידער געוואָרן אומרואיק. ער האָט באַשלאָסן צו בלייבן אין דער היים.

זיין ברודער חיים האָט זייער געשעצט משהלס מעלות, כאָטש עס פלעגט אים צומאָל פאַרדריסן וואָס משהל, גרויסט זיך אַזוי מיט זיינע קאָמפּאָזיציעס אָדער זיין פּאָעזיע. ער האָט משהלן זייער ליב געהאַט און ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז משהל וויל ניט מיטפאָרן צום זיידן אין דאָרף אריין, האָט עס אים זייער געערגערט. ער האָט גוט פאַרשטאַנען די סיבה און עס האָט אים ווי געטאָן פאַר זיין קלענערן ברודער. ער האָט אָנגעהייבן זוכן מיטלען ווי אַזוי אים פאַראינטערעסירן, אַז ער זאָל מיטפאָרן.

איינמאָל קומט חיים מיט אַ נייעס, אַז אין דער אידישער שול, וואו ער לערנט, האָבן אייניגע עלטערע שילער געגרינדעט אַ קלוב מיט דעם נאָמען מאַקאַבייער. די מוטער האָט פאַרוואונדערט געפרעגט צו וואָס טויג נאָך אַ קלוב? ער באַלאַנגט דאָך שוין צו דריי קלובן און וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ נאָמען מאַקאַבייער? האָט חיים געענטפערט, אַז דער קלוב איז גאָרניט ענלאַך צו די אַלע

אנדערע, וואו מ׳זיצט אויף איין אָרט און מ׳פאַרברייגנט אין הויז. ניין, דער קלוב איז ספּעציעל פאַר גימנאַסטישע באַוועגונגען און אויך פאַר רייטן, שווימען און טאַנצן... דער נאָמען מאַקאַביי איז נאָך דעם נאָמען פון דעם באַרימטן העלד יהודה המכבי, מתתיהוס זון וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שטאַרקן ווילן און אומגעהייערן מוט; האָט באַפרייט די אידן פון די גריכישע פאַרפאָלגער און האָט אויסגערייניקט דאָס בית המקדש פון די אומרייניקייטן וואָס די געצנדינער האָבן דאָרט אַריינגעשטעלט. און דערפאַר, מאַמע, איז טאַקע חנוכה — האָט חיים פאַרענדיקט — וואָס מיינט „באַנייען". מ׳האָט באַנייט דאָס בית המקדש און אַכט טאָג געפייערט דעם נצחון, וואָס די מאַקאַבייער האָבן געהאַט איבער די גריכן.

משהל איז געשטאַנען און האָט אַלץ געהערט. ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אין פאַראַיאָרן און עס האָט אים אַ דריק געטאָן ביים האַרצן.

חיים האָט דאָס באַמערקט, און עס האָט אים שוין באַנק געטאָן, וואָס ער האָט זיך אַזוי צערעדט אים אין די אויגן.

פלוצלונג איז אים איינגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק.

משהל, — האָט זיך חיים געווענדעט צו אים — דו ווייסט וואָס אונזער קלוב האָט באַשלאָסן? מיר האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ חנוכה־שפּיל און אַליין טאַקע שפּילן. דו וועסט אונז זייער פיל קענען אַרויסהעלפן. ווילסט, וועל איך דיך פאַרשלאָגן אין אונזער קלוב פאַר אַ מיטגליד. כאָטש מ׳נעמט ניט אַריין קיין קינדער פאַר עלף יאָר, אָבער פאַר דיר וועט מען געוויס מאַכן אַן אויסנאַם.

משהל האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין ברודער. אין אָנהייב האָט ער געמיינט, אַז חיים טרייבט שפּאַס מיט אים, ער רייצט זיך. ער האָט אָבער באַלד באַמערקט אַז זיין ברודער מיינט דאָס גאַנץ ערנסט.

— פאַרוואָס דיינקסטו, אַז איך וועל אייך קענען אַרויס־העלפן? — האָט משהל אַ פרעג געטאָן.

— גאָר פשוט — האָט אים חיים געענטפערט — מיר ווילן אַז אונזערע העלדן זאָלן ניט זיין אַזעלכע געוויינלאַכע, ווי אַלע שטעלן פאָר. מיר ווילן שאַפן עפּעס נייעס, עפּעס גרעסערס. נו, האָבן מיר געטראַכט און געטראַכט, האָט איינע אַ מיידל — לאה באַרוכאָוו, דאַכט זיך דו קענסט זי — זי קען דיך זייער גוט, — אונז געזאָגט אַז נאָר דו ביסט פיּאיק צו שאַפן אַזעלכע העלדן, איך האָב זיי אפילו געזאָגט, אַז דו וועסט ניט אָננעמען, און האָב שוין כמעט באַשלאָסן דיר אפילו ניט זאָגן דערפון אָבער דאָ פריער איז מיר איינגעפאַלן אַ שיינער געדאַנק, און אויב דו וועסט נאָר וועלן אָנ־נעמען מיין פאָרשלאַג, וועלן מיר אַט־וואָס טאָן:

מיר וועלן פאָרן צום זיידן אויף חנוכה. אונזערע חברים וועלן מיט אונז מיטפאָרן. דו פאַרשטייסט שוין וואָס איך מיין, משהל? מיר וועלן געבן די שפּיל פאַרן זיידן. אַ, וואָס פאַר אַ מתנה דאָס וועט זיין. דו פאַרשטייסט? משהל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געשוויגן. חיים האָט אויך געשוויגן. פּלוצלונג האָט משהל אַ הייב געטאָן זיין קאָפּ, זיינע אויגן האָבן אַ גלאַנץ געטאָן מיט אַ פרייליכן פייערל, האָט אַ כאַפּ געטאָן חיימס האַנט און עפּעס ווי ניט מיט זיין קול אַ געשריי געטאָן: גוט, חיים, איך נעם אָן! ער האָט זיך באַלד דערשראָקן פאַר זיין אייגענער שטימע און האָט שטיל געזאָגט: וועט מען מיך אַריינגעמען אין אייער קלוב?

— דאָס לאָז שוין צו מיר, משהל — האָט אים חיים געענט־פערט.

משהל איז אַריין אין זיין ברודערס קלוב און עס איז געוואָרן לעבעדיק. די חברה האָבן זיך פלייסיק גענומען צו דער אַרבעט נאָך דעם פּלאַן ווי משהל האָט פאַר זיי אָנגעשריבן און אין אַ גאָר קורצע צייט זיינען זיי שוין געווען מיט אַלץ פאַרטיק.

די מאַמע האָט זיך זייער דערפרייט, ווען זי האָט געהערט אַז משהל פאַרט מיט צום זיידן אין דאָרף אריין.

אינגיכן איז שוין משהל געזעסן ביים זיידן אויף די קני און זיך געטוליעט צו אים זייענדיג זיכער, אַז דאָס מאָל וועט ער שוין ניט פאַרשעמט ווערן.

דער זיידע האָט אויף אים געקוקט און אַ זאָג געטאָן:

— זע נאָר, דאָס ביסטו משהל. קוק נאָר אָן ווי ער איז קיין עין הרע אויסגעוואַקסן, וואָס פאַר אַ שיינער בחור ער איז געוואָרן. ביסט נאָך אַלץ אַ שעמעוודיקער?

משהל איז אריין אין אַ צווייטן צימער, וואו עס האָבן שוין געוואַרט זיינע חברים. ס'איז שוין פון פריער געווען צוגעגרייט אַלץ וואָס מען דאַרף צו דער שפּיל.

די חברה האָבן זיך אָנגעטאָן: חיים פאַר מתיהו, משהל פאַר יהודה; — די איבעריקע פאַר די איבעריקע ברידער, איינער פאַר אפּעלעס, אנטיוכוסעס קאָמאַנדיר, און ווען אַלץ איז געווען גרייט, האָט מען אריינגערופן דעם זיידן מיט דער באַבען און אַלע איבעריקע הויז־לייט און געסט.

דער זיידע האָט געקוקט פאַרגאַפט אויף די פאַרשטעלטע. ער האָט געזוכט כאָטש איינעם צו דערקענען, אָבער ניין, בשום אופן ניט.

די חברה האָבן אָנגעפאַנגען:

מתתיהו האַלט אַ פייערדיגע רעדע פאַר זיינע זין. ער דערקלערט זיי די לאַגע. די אידן זיינען אין אַ געפאַר אינגאַנצן פאַרניכטעט צו ווערן פון די שונאים, וועלכע צווינגען זיי מיט גוואַלט צו דינען צו זייערע געצן און מקריב זיין קרבנות צו זיי.

יהודה הויבט אויף זיין שווערט און מיט אַ ציטעריק קול שווערט ער אַז ער וועט זי ניט צוריק אריינלייגן אין שייד, ביז ער וועט אָפּרייניקן דאָס אידישע לאַנד פון די גריכישע פאַרפאָלגער.

משהל רעדט מיט הארץ, זיין שטים ווערט שטאַרקער, זיינע אויגן גלאַנצן, זיין גאַנצער קערפּער באַוועגט זיך מאָדנע, ער פאַר־

געסט זיך, אים ווייזט זיך אויס אַז ער לעבט באמת אין יענער צייט, אין דער צייט פון די חשמונאים. ווען ער רעדט פון דער ביטערער לאַגע, אין וועלכע די אידן געפינען זיך, פליסן פון זיינע אויגן טרערן. ער פאַרכשופט אַלע צוהערער. זיי זיצן און זייער פנים דריקט אויס מורא און האָפענונג, און ווען עס הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר און עס קומט אריין אַ פאַרשטעלטער באוואָפנטער יון אפּעלעס, גיבן זיך פילע מיט שרעק אַ כאַפּ פון די ערטער.

דער זיידע זעט און הערט דאָס אַלץ און פאַרשטייט ניט. עפּעס איז אים דאָס קול באַקאַנט, ער ווייס אָבער ניט וועמעס דאָס איז. משהל האָט געקענט נאָכמאַכן אַ שטימע פון אַן עלטערן מענטשן — דערצו איז ער געווען אַ בריה. דער זיידע באַוואונ־דערט די גאַנצע פאָרשטעלונג. עס גלויבט זיך אים ניט אַז אין איר נעמען אנטייל קינדער און דאָס האָבן טאַקע די קינדער אליין געשאַפן. ער זוכט מיט זיינע אויגן, ער וויל דערקענען אימיצן פון זיינע אייניקלאך, ער וויים ניט ווי אזוי.

משהלס מאַמע האָט אָבער זיך ניט געקענט איינהאַלטן און רופט זיך אָפּ צום זיידן — איר פאָטער: אָנווייזנדיק אויף יהודה, ווייסט, טאַטע, ווער אָט דער איז — דאָס איז משהל, זאָל אונז לעבן און געזונט זיין.

דער זיידע האָט אויסגעשטאַרט אַ פּאָר אויגן און האָט די ערשטע עטלאַכע מינוט אַ וואָרט ניט געקענט אויסריידן. עס האָט זיך אים ניט געגלויבט, אַז אַ צען יעריק אינגל, זאָל אזוי פיל וויסן, אזוי שיין און קלוג ריידן. ס'האָט אים פיל מי געקאָסט זיך איינ־צוהאַלטן ביז די שפּיל האָט זיך געענדיקט.

און ווען משהל האָט ארונטערגענומען פון זיך די באָרד און פּאַרוק, האָט דער זיידע אים אריינגעכאַפּט אין זיינע אָרעמס, אים געקושט — און געוויינט.

מיין טייערער משהלע — האָט ער זיך צו אים אָנגערופן —

דאָס איז די בעסטע מתנה, וואָס איך האָב ווען אין מיין לעבן באַ־קומען. מיין טייערע טרייסט, מיין... אָבער זיינע טרערן האָבן אים געשטיקט אין האַלדז און ניט געלאָזט ווייטער ריידן.

פאַר משהלן איז דאָס געווען די בעסטע באַלוינונג פאַר אַלץ וואָס ער האָט פאַראיאָרן איבערגעליטן. ער איז געלעגן אין דעם זיידנס אָרעמס און טרערן, טרערן פון פרייד, האָבן ניט אויפגע־הערט צו פליסן פון זיינע אויגן...

7

אַ פּורים מעשהלע

אין הויז ראַשט זיך, מ׳גרייט זיך צום יום טוב פּורים. די מאַ־מע האָוועט און שמייעט ארום: דאָ לויפט זי אין קיך צום אויוון געוואויר ווערן, צי די המן־טאַשן זיינען שוין פאַרטיג, דאָ האַלט זי אין צעגויפקאַטשען אַ שטרודל, וואָס איז אָנגעפילט מיט אַלע טיי־ערע זאַכעלאַך, דאָ קוקט זי צי די חלה איז אויפגעגאַנגען.

די קינדערלאַך טומלען זיך אויך: דער קליינער זיאָמעלע כאַפּט אַלע מאָל אַ פּאָר ראָזשינקעס פון טיש, גיטעלע פּאָרעט זיך מיט אַ שטיקל טייג: שוין אַ היבש שטיקל צייט ווי זי מאַטערט זיך נאָכצומאַכן אַזאַ קוילעטשל ווי די מאַמע האָט געמאַכט און עס געלינגט איר ניט. טייבל, די עלטערע „מויד״, שוין אודאי 9 יאָר אַלט, שטויבט אָפּ דאָס מעבל, מאַכט צורעכט די ביכער אין אַלמער, גרייט דעם טיש און טוט נאָך אַנדערע הויז־ארבעט.

אין דער צייט לויפט אריין פּרץ, איר ברודער, מיט אַ ליאַרם און געפּילדער, אין איין האַנט האַלט ער אַ גראַגער און גראַגערט, די צווייטע האַלט ער הויך אויסגעשטרעקט און זינגט:

„היינט אי פּורים, מאָרגן איז אויס, גיט מיר אַ גראָשן און וואַרפט מיך ארויס״!

— וואָס מאַכסטו אַזאַ געפּילדער? וואָס גראַגערסטו אַזוי?

— קען ניט דולדן טייבל.

— וואָס הייסט איך גראגער, — שרייט פריילאך אוים פּרץ — מ'האָט אַלע צען קינדער אויפגעהאַנגען.

— וואָסערע קינדער, וועמעס קינדער? — פרעגט טייבל מיט שרעק.

— המנס, המנס! — ענטפערט האסטיק פּרץ, גראגערט און זינגט ווייטער:

„היינט איז פורים"....

— פאַרוואָס, פאַרוואָס קומט עס זיי — לאָזט שוין ניט אָפּ טייבל.

— נאַ דיר אַ נייעס! גלייך ווי זי ווייסט ניט! המן הרשע האָט דאָך געוואָלט פאַרטיליקן און אויסהרגענען אַלע אידן. ער האָט שוין גענומען ביי אחשורושן, דעם לעקישעוואטן קעניג, זיין חתימה־פינגערל. אין דעם טאָג, היינט טאקע, האָט עס געזאָלט געשען. ס'אַ נס וואָס מרדכי האָט אין צייט דערפון געלאָזט וויסן אסתר המלכה.

— נו?

— נו, האָט זי איבערגעדרייט דעם סמיטשעק.

— וואָס מיינסטו?

— האָט זי זיך צעוויינט פאַר דעם מלך אחשורוש, אז מ'וויל זי אומברייננגען צוזאמען מיט איר אידיש פאָלק, האָט אין אחשורושן אָנגעהייבן ברענען זיין צאָרן און האָט באפוילן אז מ'זאָל המנען אויפהייגגען אויף דער תליה, וואָס ער האָט אָנגעגרייט פאַר מרדכין און מ'האָט אויך זיינע צען קינדער אויפגעהאנגען. היינט איז פורים...

— וויים איך, נאַרישקייטן. ס'איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה — רופט זיך אָפּ טייבל.

— וואָס, דו גלויבסט ניט? — ווערט שוין פּרץ ערנסט.

— ניין, איך גלויב ניט. אידן זיינען ניט קיין גזלנים, אידן וועלן ניט דערלאָזן אויפהייגגען קליינע קינדער.

— וואָס רעדסטו, טייבל, — ווערט נאָך ערנסטער פּרץ, — ס'איז בפירוש אזוי געשריבן אין דער מגילה.

— זאָל זיין צען מאָל געשריבן, גלויב איך ניט. אידן זיינען ניט קיין מערדער.

— ביסט א נאַר, טייבל. דו ווייסט גאָר ניט. איך האָב א סך מאָל געלייענט און געהערט ווי רויבער זיינען דעם און דעם באַפאַלן, האָבן געהרגעט און געראַבעוועט און ס'האָט זיך דערנאָך ארויסגעצייגט, אז ס'איז געווען אידן.

— איי, א חכם א גרויסער! דאָס זיינען דאָך געווען רויבער, גזלנים, וואָס טרעפט זיך אויך צווישן זייער זעלטן. אָבער מרדכי איז דאָך ניט געווען קיין גזלן און דעמאָלדיגע אידן אויך ניט.

— פונוואַנעט ווייסטו דאָס, טייבל?

— פונוואַנעט איך ווייס דאָס? — פרעגט איבער טייבל פאַרטראַכט, — איך גלויב ניט אין דעם און גענוג. עס קאָן ניט זיין!

— מיידלאַך, — לאַנגע האָר און קורצן שכל, — גיט א לאַך פּרץ און הייבט אָן ווייטער צו זינגען און גראַגערן.

ער לויפט אריין אין קיך עפּעס נאַשן.

טייבל בלייבט זיצן פאַרטראַכט. ווער ווייס, אפשר... אפשר אַמאָל האָט אזוי געקאָנט פּאַסירן. ניין, זי קאָן גאָר אזא געדאַנק ניט צולאָזן. א קליינינקייט, נעמען צען קינדער, צען אומשולדיקע קינדער און זיי אויפהייענגען!... עס גייט איר דורך א שוידער איבערן לייב. ניין, צען מאָל ניין. עס איז ניט אמת!

זי איז אזוי געזעסן פאַרטיפט אין אירע געדאַנקען, אז זי האָט גאָרניט באַמערקט ווי פּרץ איז ווידער אריינגעלאָפן. דערזעענדיק אָבער זיין שוועסטער ווי זי זיצט אזוי אומעטיק ארונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, איז ער געבליבן שטיין פונדערווייטנס.

— טייבל, — האָט פּרץ שטיל א זאָג געטאָן.

טייבל האָט א קער געטאָן דעם קאָפּ צו אים און פלוצלונג א פרעג געטאָן: האָבן זיי געהאַט א מאַמע?

— געווים, — האָט פּרץ פּריילאַך אַ זאָג געטאָן. — זי האָט געהייסן, זרש. הער וואָס איך וועל דיר דערציילן פון איר, דו וועסט לאַכן. אַז זי איז געשטאַנען אויפן גאַניק אין...

ער איז געבליבן שטיין אינדערמיטן מיט אַן אָפן מויל און האָט ווייטער ניט געקאָנט רעדן. ער האָט באַמערקט טרערן אין טייבלס אויגן און געהערט אַ שטילן כליפּען.

— טייבל, — האָט פּרץ שטיל אַ זאָג געטאָן, — די מאַמע האָט געהייסן דיר זאָגן, אַז מיר זאָלן ביידע עפּעס שפּילן: דו פּיאַנאָ, און איך פידל.

טייבל האָט אַ קוק געטאָן צו אים, האָט אָבער גאָרניט געענט־פערט. זי פאָלגט שטענדיג איר מאַמען, אָבער איצט פילט זי ניט צו שפּילן. פּרץ האָט דאָס פאַרשטאַנען. ער האָט אָבער ווייטער געזאָגט:

— לאָמיר שפּילן: „דער מאַמעס געבעט". דו האָסט עס דאָך ליב.

טייבל האָט אַ ציטער געטאָן. פּרץ האָט אָנגערירט אַ שטאַר־קע סטרונע אין איר האַרצן. ס'איז אמת, דאָס איז טאַקע געווען איר טייערסטע און ליבסטע שטיקל מוזיק. זי האָט שוין געקאָנט אַ סך זאַכן שפּילן, אָבער דאָס האָט זי מער ליב געהאַט ווי אַלעם איבעריקע. פאַרוואָס האָט זי אַליין ניט געוואוסט. זי האָט ניט געוואוסט צו דאָס שטיקל מוזיק האָט טאַקע ווערטער וואָס הייסט „דער מאַמעס געבעט". זי האָט אפילו ניט געוואוסט ווער עס האָט דאָס געשאַפן, זי איז נאָך געווען צו יונג דערצו. דער נאָמען אַליין אָבער דערפון איז געווען גענוג ארויסצורופן ביי איר צענדליקע עראינערונגען און פאַנטאַזיעס. שפּילנדיק דאָס, דערמאַנט זי זיך אַן אַ צייט ווען איר קליין ברודערל איז קראַנק געווען, ווי די מאַמע פלעגט זיצן לעבן זיין בעטל און שטילערהייד וויינען. זי דערמאָנט זיך אויך, ווי זי אַליין איז ערשט פאַראַיאָרן געלעגן קראַנק, ווי איר מאַמע פלעגט ניט אָפּטרעטן פון איר בעטל און אינדערשטיל מור־מלען אַ געבעט. אָט פאַר וואָס זי האָט איצט אַ ציטער געטאָן,

ווען פּרץ האָט איר רעקאָמענדירט דאס צו שפּילן. ס׳איז איר גע־קומען אויפן געדאַנק די קינדערס מאַמע, ווי אומגליקלאך זי האָט באַדאַרפט זיין. און צום באַוואונדערן פון פּרצן האָט זי זיך גע־נומען צו דער פּיאַנע.

זיי האָבן אָנגעהייבן שפּילן. אין אָנהייב האָט ער נאָך ווי עס איז איר געקאָנט נאָכהאַלטן מיט זיין פידל, אָבער וואָס ווייטער איז אים געוואָרן אַלץ שווערער. זי האָט געקלאַפּט מיט אַלע פינ־גערלאך אויף די קלאַווישן און האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אין פּרצ׳ן. זי האָט אין אַלעמען פאַרגעסן. פּרץ האָט אוועקגעלייגט די פידל. ס׳איז אים עפּעס אומעטיק געוואָרן.

טייבל שפּילט האַסטיג, איר גאַנצער קערפּער באַוועגט זיך מאָדנע. זי שפּילט „אַ מאַמעס געבעט”. זי זעט די קינדערס מאַ־מע, אַ, ווי זי איז שרעקלאך פאַרצווייפלט, ווי זי רייסט די האָר פון קאָפּ, ווי זי ברעכט די הענט! זי מיט די קינדערס מאַמע בעטן צו־זאַמען גאָט די קינדער זאָלן געראַטעוועט ווערן. זי שפּילט און דערזעט די קינדערס פּנימער פון צווישן געדיכטע בוימער, — זייע־רע אויגן קוקן אויף איר מיט אַזאַ טרויער, מיט אַזאַ שרעק. איר רחמנות־געפיל איז ניט איבערצוטראָגן. זי קלאַפּט האַסטיקער אי־בער די קלאַווישן, איר האַרץ קלאַפּט מיט. דער מאַמעס געבעט ווערט שטאַרקער, פאַרצווייפלטער זי הערט אַלע ווערטער, זי קאָן זיי נאָכזאָגן. זי דריקט זיי אוים מיט אירע פינגער. און די קינ־דערס אויגן... זיי רייסן פון איר שטיקער. זי קלאַפּט איבער די קלאַווישן. זי בעט, זי שרייט... זי ווערט מיד, עס רוישט איר אין קאָפּ, זי פאַלט צו צו דער פּיאַנע און דרעמלט איין.

דער חלום טראָגט זי אין וואַלד אריין. זי לויפט, זי יאָגט זיך. ארום ברומען ווילדע חיות, אָבער זי שרעקט זיך ניט. די דערנער רייסן אירע קליידער, דראַפּען ביז בלוט אירע פיס, אירע הענט — עס אַרט איר ניט, — זי איילט זיך, זי לויפט טאָן אַ גרויסע זאַך, זי לויפט ראַטעווען 10 קינדער פון דער תליה... הינטער איר לויפט נאָך אימעצער, זי קוקט זיך אום: אַ פרוי מיט צעפּאַטלטע האָר,

בארוועסע פיס, צעשטאָכן פון דערנער, יאָמערט מיט בלוטיגע טרערן: „קום שנעל, העלף מיר ראטעווען מיינע קינדערלאך". זי דערמאָנט זיך וועמען זי לויפט ראטעווען.

זי כאפט אָן די פרוי ביי דער האנט און זיי לויפןביידע. אָ, ווי שרעקלאך... מ'פארציט שוין די שטריק, אָט באלד און זיי היינגען שוין. טייבל לויפט. א שרעקלאכע גבורה באפאלט איר: זי שלאָגט זיך מיט די תלינים, זי דראפעט, זי בייסט און צוטרייבט זיי אלע... די קינדער זיינען געראטעוועט!

פרץ שטייט די גאנצע צייט ווי א צוגעשמידטער און קוקט מיט באוואונדערונג אויף זיין שוועסטער. עפעס פילט ער וואָס זי לעבט איבער, ער פארשטייט עס אָבער ניט קלאָר. ער באמערקט ווי איר קאָפ פאלט אויף דער פיאנאָ. ער דערשעקט זיך, צי חלשט זי ניט? באלד באמעקט ער אָבער אין איר א מאָדנע באוועגונג: זי ווארפט זיך און מאכט מיט די הענט, גלייך ווי זי שלאָגט זיך מיט אימעצן. אָנפאנגס אמוזירט עס אים, דערנאָך דערשרעקט ער זיך און וויל שוין לויפן ארייננרופן די מאמע, ווען עס רייסן זיך אין שטוב אריין זיינע חברים מיט גראגערס און הייבן אָן צו זינגען:

„קום איך אריין צו שפרינגען
אויף א פיסעלע הויך..."

דאָס געזאנג וועקט אויף טייבלען. איר ווייזט זיך אויס ווי די געראטעוועטע קינדער זינגען. זי עפנט אויף די אויגן. פרץ דערזעט א פריילאכע מינע אויף איר פנים, ער דערפרייט זיך. ער שלעפט זי אריין צווישן די חברים, אלע הייבן אָן צו טאנצן און זינגען „שושנת יעקב".

נאַטור־וויסנשאַפטלאכע פאַנטאַזיעס

1

פאַלנדיקע שטערן (מעטעאָריטן)

איינמאָל אין אן אָוונט גיי איך אזוי שפּאַצירן מיט מיין פּעטער, וואָס איז מיט אַ פּאָר טעג צוריק געקומען פון פּאַריז.

דאָס איז, דאַכט זיך געווען ארום 15טן נאָוועמבער. דער אָוונט איז געווען זייער אַ שיינער; די לופט — קאַלט און פריש; אין הימל האָבן געבליצט און געפינקלט מיריאַדן שטערנדלאך.

מיר זיינען אזוי געגאַנגען מיט דער זייט פון פּאַרק און מיין פּעטער האָט מיר דערציילט פון זיין לעבן אין פּאַריז, ווי אזוי ער אַרבעט דאָרט אין אן אָבסערוואַטאָריע, וואו מע באַאָבאַכטעט דעם הימל מיט זיינע וואונדערלאכע ליכטער. זייער פיל אינטערעסאַנטע זאַכן האָט ער מיר דערציילט, זאַכן, וואָס זיינען געווען פאַר מיר אינגאַנצן ניי. ער האָט מיר אין הימל אָנגעוויזן פאַרשיידענע גרופּן שטערן, ער האָט זיי אָנגערופן מיט פאַרשיידענע נעמען. ער האָט מיר אָנגעצייגט אויף ווייסלאכע שטרייפן וואָס שניידן דורך דעם הימל צווישן די שטערן. זיי הייסן מילך־גאַסן, זיי באַשטייען פון מיריאַדן זונען און אַנדערע שטערן, אָבער אזוי ווייט פון אונדז, אַז זיי ווייזן זיך אונדז אויס ווי ווייסע גאַסן.

איך הער זיך צו מיט קאָפּ צו יעדן וואָרט זיינס, פּלוצלונג, גיט מיר דער אָנקל האַסטיק אַ צי ביי דער האַנט: — קוק נאָר אַהין!

איך גיב אַ וואָרף מיין בליק צו דער זייט, וואו מיין פּעטער האָט מיר אָנגעוויזן און דערשרעק מיך אזש: פיל שטערנדלאך פליען אין אַלע זייטן אזוי ווי פונקען־פייער פון אונטערן שמידס

האַמער; זיי פליען און ווערן פאַרשוואונדן. נאָך זיך לאָזן זיי איבער אַ פייערדיקן פּאַס, גלייך ווי אַ פייערדיק שנירל ציט זיך נאָך און ווערט אויך באַלד פאַרשוואונדן.

— ווייסטו וואָס דאָס איז? — פרעגט מיך דער פעטער.

— יאָ, — ענטפער איך — דאָס זיינען פאַלנדיקע שטערן.

— אָבער פון וואַנען נעמען זיי זיך? און פאַרוואָס הייסט עס פאַלנדיקע שטערן? — פרעגט ווייטער דער פעטער.

איך האָב אים אָנגעהייבן צו דערקלערן וואָס איך האָב געהערט אין שול, עפּעס פון אַ „צוזיאונגס־קראַפט" אָדער „גראַוויטאַציע", ווי דער לערער רופט עס, ווי גרעסערע שטערן ציען צו קלענערע, און נאָך, און נאָך. מיר איז די גאַנצע זאַך ניט געווען גענוג קלאָר און דערפאַר האָב איך זיך געפּלאָנטערט אין מיין דערקלערונג.

וואָס האָסטו עפּעס געהערט דערפון אַ חוץ דער שול? גיט מיך דער פעטער אַ פרעג.

איך האָב אין אָנהייב ניט פאַרשטאַנען זיין פראַגע. איך האָב אָבער זיך דערמאָנט, וואָס דער זיידע פלעגט מיר דערציילן, אַז יעדער מענטש האָט אַ מזל אין הימל און די פאַלנדיקע שטערן, דאָס פאַלן מזלות פון מענטשן, און די מענטשן וואָס זייער מזל פאַלט, קומען אום.

מיין פעטער האָט אַ לאַך געטאָן און זיך אָפּגערופן: הער צו, לעאָן, אויב דו ווילסט, וועל איך דיר דערקלערן, דו מוזט זיך אָבער גוט צוהערן. פריער, אָבער, וועל איך דיר דערציילן, וואָס מענטשן האָבן פאַרצייטן דערפון געדיינקט און וואָס עס דיינקען נאָך היינט אויך פיל מענטשן, ניט קיין געלערנטע און וועלטלאַכע חכמות.

איך האָב אָנגעשטעלט מויל און אויער, גרייט צו הערן וואָס דער פעטער וועט דערציילן.

אַמאָל אין די גאָר, גאָר אַלטע צייטן, ווען מענטשן האָבן נאָך ווינציק וואָס געוואוסט פון היינטיקע וויסנשאַפטן און די נאַטורס

דערשיינונגען האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען; זיי האָבן זיי דערפאַר פאַרהייליקט און פאַרגעטערט. דער דונער און בליץ האָט זיי שטאַרק געשראָקן. זיי האָבן געדיינקט אַז דאָס ווערן זיי פון די געטער באַשטראָפט פאַר זייערע שלעכטע מעשים. זיי פלעגן ברייננען קרבנות צו די געטער, זיי איבערבעטן, ניט צו שיסן אויף זיי מיט די פייערדיקע פיילן. האָבן די מענטשן געזען, ווי די זון ווערט פלוצלונג אין מיטן העלן טאָג פאַרטונקלט — „ליקוי חמה" — אָדער די לבנה ביינאַכט, זיינען זיי פאַרציטערט געוואָרן. זיי האָבן אין דעם געזען שלעכטע סמנים — סמנים פון בלוטיקע מלחמות אָדער מגיפות (עפּידעמיעס). אַנדערע האָבן געגלויבט אַז אין הימל זיינען פאַראַן גרויסע חיות, ווי בערן, לייבן, קעץ און דאָס גלייכן, און אָט די ווילדע הימל־חיות פאַלן עס אָן אויף דער זון און לבנה און ווילן זיי אומברייננגען, און ווען עס פלעגט טרעפן אַ ליקוי חמה אָדער אַ ליקוי לבנה, האָבן זיי געדיינקט אַז אַ שוואַרצע ווילדע קאַץ האָט ארומגעכאַפּט די לבנה און וויל זי דערשטיקן. זיי זיינען דערפאַר, אין אַזאַ פאַל, ארויס אויף דער גאַס באַוואַפנט מיט שטעקענער, שטיינער, העק, לאָפּעטעס און האָבן אָנגעמאַכט אַזאַ גערוואַלד, שרעקנדיק די קאַץ, אַז די שלעכטע קאַץ האָט זיך טאַקע דערשראָקן און האָט אָנגעהייבן ביסלאַכוויַיז אָפּצוטרעטן.

פון פאַלנדיקע שטערן פלעגט מען פאַרצייטנס דיינקען פאַרשיידענע זאַכן.

באַ אידן איז דאָ אַזאַ לעגענדע:

„ווען גאָט האָט די וועלט באַשאַפן, די וועלט מיט אַלע חיות, בהמות און עופות, ווי אויך פיש אין די ימים, האָט ער יעדן איינעם צוגעגעבן אַ וואָפן, מיט וואָס עס זאָל זיך קאָנען שיצן קעגן די שטאַרקערע. די בהמות האָבן געקראָגן הערנער, די ווילדע חיות — שטאַרקע ציינער, די טשערעפּאַכע — אַ ביינערנעם פּאַנצער. אַלע איבעריקע חיות און עופות האָבן אויך געקראָגן עפּעס וואָס מיט וואָס זיי זאָלן זיך פאַרטיידיקן. ווער — אַ שאַרפן שנאָבל, ווער — שפּיציקע קראַלן, ווער פלינקע פליגעלאַך. דערצו

נאָך פֿלעגן זיך אייניקע באַשיצן דערמיט, וואָס דער קאָליר פֿון זייער פֿעל אָדער פֿעדערן, האָט זיך צוגעפּאַסט צום קאָליר און פֿאַרב פֿון דעם פּלאַץ וואו זיי האָבן זיך געפֿונען: צום בוים, צום גראָז אָדער פֿעלזן, כדי מע זאָל זיי נישט קענען באַמערקן.

דערנאָך האָט גאָט דעם מענטשן באַשאַפֿן. אים האָט ער קיין איין איינציקן וואָפֿן נישט געגעבן ווי בײַ אַלע איבעריקע חיות. נישט קיין הערנער, נישט קיין שאַרפֿע ציינער, נישט קיין שפּיציקע קראַלן, נישט קיין פֿלינקע פֿליגל. אפֿילו קיין פֿעל האָט דער מענטש נישט באַקומען. אַ צאַרטע הויט האָט אים גאָט געגעבן וואָס האָט מורא געהאַט פֿאַר יעדן ווינטל, קורצע אויערן, מיט וועלכע ער קאָן נישט באַוועגן אַזוי ווי אַנדערע חיות וואָס האָבן לאַנגע אויערן און קאָ־נען זיי באַוועגן אין אַלע זײַטן — אַזוי דערפֿילן זיי בעסער די געפֿאַר.

דערפֿאַר אָבער, האָט גאָט דעם מענטשן צוויי זאַכן געגעבן, וואָס איז בעסער פֿון אַלע וואָפֿן.

— אַנו טרעף לעאָן — ווענדט זיך צו מיר דער פֿעטער — וואָס פֿאַר אַ צוויי זאַכן פֿאַרמאָגט דער מענטש וואָס זײַנען בעסער פֿון אַלע וואָפֿן?

איך האָב געטראַכט, געטראַכט און האָב אויסגעשריען: — צוויי הענט.

דער אָנקל האָט זיך אַזוי צולאַכט, אַז איך האָב מיך אַזש באַליידיקט.

— דו נאַרעלע — רופֿט ער זיך אָפּ צו מיר — אויב אַזוי, האָבן דאָך אַנדערע חיות פֿיר הענט, אַנו, טרעף וועלכע?

איך האָב מיך טאַקע באַלד געכאַפּט אַז די מאַלפּעס האָבן פֿיר הענט, און האָב פֿאַרשעמט דאָס געזאָגט צום אָנקל.

— הייסט עס ווייסטו נישט, אַנו, גיב נאָר אַ גוטן טראַכט!

איך טראַכט און טראַכט און ווייס נישט וואָס. איך האָב שוין געוואָלט זאָגן „דאָס וואָס דער מענטש גייט אויף צוויי פֿיס", האָב איך מיך אָבער באַלד דערמאָנט, אַז די פֿייגל גייען אויך אויף צוויי פֿיס. איך האָב געזען, ווי אַ בער גייט אויך אויף צוויי פֿיס און

די מאָלפּעס קאָנען גיין אויף זייערע הינטערשטע הענט. מיין אָנקל קוקט אויף מיר און וואַרט.

פּלוצלונג איז ווי אַ בליץ דורכגעפלויגן אין מיין מח, איך האָב אײנגעזען אַ ציטער געטאָן און האָב אויסגעשריען: „שכל" און „שפּראַך".

— יאָ — האָט דער אָנקל אומאַרמענדיק מיך, געענטפערט — דאָס זיינען די שטאַרקסטע וואָפן אין דער וועלט. דער מענטש איז באַלד געוואָרן דער הערשער איבער אַלע חיות וואָס גייען אויף דער ערד, איבער אַלע פייגל וואָס פליען אין הימל, איבער אַלע פיש און ים־חיות וואָס שווימען אין וואַסער.

דער מענטש האָט אָבער ניט ריכטיק באַנוצט אָט די צוויי געטלאַכע מתנות. ער האָט זיי אויסגענוצט זייער שלעכט; ער האָט דעם שכל געברויכט צו שאַפן נעצן, אייזערנע וואָפן און האָט אָנגעהייבן הרגענען און מאָרדן אַלץ וואָס עס איז אים געקומען אין וועג.

אָנגעפאַנגען פון חיות און צוגעקומען אויך צו מענטשן. מלחמה געהאַלטן איינער מיטן צווייטן און בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער.

גאָט זעט דאָס אַלץ און האָט שוין חרטה וואָס ער האָט אײנ־געגעבן באַשאַפן דעם מענטשן.

און גאָט האָט פאַרשאָלטן דעם מענטשן, און דעם מענטשנס שכל איז פאַרטונקלט געוואָרן, זיין שפּראַך איז צומישט געוואָרן און מענטשן האָבן ניט פאַרשטאַנען איינס דאָס אַנדערע.

די מענטשן האָבן זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער ערד.

און ווען זיין שכל איז פאַרטונקלט געוואָרן און זיין שפּראַך צומישט, האָבן די חיות און נאַטור כוחות אָנגעהייבן הערשן אי־בערן מענטשן.

זיינען די מענטשן געוואָרן הילפלאָז, זיי האָבן געליטן פון די ווילדע חיות און אויך פון דער נאַטורס אָנשיקענישן, ווי שטור־

רעמס, ערדציטערנישן און געוויסערן. האָבן נישט די מענטשן וועך עס זאָל זיי באַשיצן.

זיצט גאָט אויף זיין טראָן פאַרזאָרגט און טראַכט וואָס צו טאָן.

קומען צו גאָט די צוויי גרויסע ליכטער: די זון און די לבנה און זאָגן אַזוי: דו באַשאַפער פון דער גאַנצער וועלט, דו האָסט אויסגעשיט איבערן בלויען הימל־רוים אַזוי פיל שיינענדיקע שטערן, זיי זאָלן אונדז העלפן באַלייכטן די ערד, מיר נויטיקן זיך ניט אין זיי. מיר קאָנען אַן זיי גענוג ליכט געבן צו דער ערד. גיב זיי אַן אַנדער דינסט.

האָט ווי אַ פלאַם פייער דעם באַשעפער אַ שיין געטאָן אַ גע־דאַנק, און ער האָט אַזוי געזאָגט: „איר ליכטער פון מיינע וועלטן, גייט זאָגט צו אַלע שטערן, אַז אַ יעדער פון זיי זאָל אונטער זיין שוץ נעמען אַ מענטשנקינד.

פון היינט אָן און ווייטער, ווען אַ נשמה וועט זיך פון אונדז אָפּטיילן און אַרונטערפליען אַריינצודרינגען אין אַ מענטשן־קער־פּער, זאָל זי זיך פאַרבינדן מיט אַ שטערנדל אין הימל, וואָס זאָל זי באַגלייטן דאָס גאַנצע לעבן.

און פון דעמאָלט אָן — זאָגט ווייטער די לעגענדע — ווען אַ קינד ווערט געבוירן, באַקומט עס באַלד אַ באַשיצער אין הימל — אַ שטערן אָדער „מזל”, וואָס באַגלייט אים ביזן טויט. אַזוי לאַנג ווי זיין שטערן שיינט אין הימל לעבט ער אויך גליקלאַך אויף דער ערד. — ווערט דאָס שטערנדל פאַרטונקלט, הייבט אויך דעם מענ־טשן אויף דער ערד צו גיין שלימזל. ווערט דאָס שטערנדל אויס־געלאָשן, ווערט די נשמה צעריק געצויגן און דער מענטש שטאַרבט.

— איז דאָס טאַקע אמת, אָנקל?

— איך זאָג דאָך דיר, אַז אַזוי דערציילט אַ לעגענדע — אַ לעגענדע איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך.

— אָבער וואָס זאָגן זיי וועגן די פאַלנדיקע שטערנדלאַך?— פרעג איך ווייטער.

— טאַקע דאָס זאָגן זיי, אַז ווען אַ שטערן פאַלט, הייסט עס

אימיצנס מזל איז געפֿאַלן, אָדער איינער איז פֿאַראָרעמט געוואָרן, אָדער האָט אויפֿגעהערט צו לעבן.

אָט אזוי האָט מען פֿארצייטן געגלויבט. נאָך היינט געפֿינען זיך נאָך פֿיל אומוויסנדיקע מענטשן, וואָס גלויבן אויך אזוי.

נאָר פֿאַר היינט וועט שוין זיין גענוג. מאָרגן, וועלן מיר ווי־דער גיין שפּאַצירן, וועל איך דיר דערקלערן, וואָס מע דיינקט צווישן אַנדערע פֿעלקער וועגן די פֿאַלנדיקע שטערן.

מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהיים. ביידע זיינען מיר געווען פֿאַרטראַכט. קיין וואָרט ניט אויסגערעדט איינער צום צווייטן. פֿון וואָס מיין פֿעטער האָט געטראַכט ווייס איך ניט, איך האָב אַלץ געטראַכט פֿון דער לעגענדע וואָס דער פֿעטער האָט מיר דערציילט. די מעשה מיט די שטערן האָט מיך אזוי באַצויבערט, אַז איך האָב זייער געוואָלט ס'זאָל זיין אן אמת, ניט קיין אויסגעטראַכטע מעשה. עפּעס אַ קליינינקייט: יעדער מענטש האָט אַ שטערן אין הימל; אַ שטערן איז דאָך עפּעס אַ גאַנצע וועלט; פֿילע שטערן זיינען נאָך גרעסער פֿון אונדזער ערד — איך האָב דאָס ניט לאַנג גע־לערנט אין שול — און אויך איך, אַזאַ קליינטשיקער איינגעלע בין פֿאַרבונדן מיט אַ גאַנצער וועלט. אָ, ווי שיין, ווי גרויס דאָס איז!

מיר זיינען געקומען אַהיים. מיר האָבן אָפּגעגעסן און זיך געלייגט שלאָפֿן.

עס איז מיר געווען שווער איינצושלאָפֿן. איך האָב אַלץ גע־טראַכט פֿון דער מעשה. איך האָב מיך דערמאָנט, אַז מיין זיידע גלויבט נאָך היינט אויך אין דעם. ער האָט מיר ניט איינמאָל גע־זאָגט, אַז יעדער מענטש האָט אַ שר אין הימל, וואָס גיט אַכטונג אויף אַלע זיינע מעשים; ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז אַן ערלאַכער און פֿרומער איד פֿאַרמאָגט דריי הונדערט און צען וועלטן.

ערשט פֿאַרטאָג בין איך איינגעשלאָפֿן. האָט מיר דער חלום

ניט געלאָזט צורו. ער האָט מיך אוועקגעטראָגן ווייט, ווייט אין די הימלען און די לעגענדע איז געוואָרן פאַר מיר לעבעדיק.

איך זע, אַ גרויסע פייערדיקע געשטאַלט זיצט אויף אַ פייער־דיקן שטול — דאָס איז גאָט אַליין — טראַכט איך זיך — און די זון און די לבנה בוקן זיך פאַר דער געשטאַלט; עס הייבן אָן פינקלען און גלימצערן פאַר מיינע אויגן שטערן גרויסע און קליינע מיט פייערדיקע שטריקעלאַך, וואָס ציען זיך אַרונטער גלייך צו די מענ־טשן. איך פלי, און ווער פאַרפלאָנטערט אין די אַלע שטריקעלאַך.

איך פיל פלוצלונג אַ שטויס, אימיצער שלעפּט מיך. איך עפן די אויגן, די מאַמע שלעפּט פון מיר די קאָלדרע און שרייט אַז עס איז שוין שפּעט, איך מוז אויפשטיין און גיין אין שול אַריין.

דער צווייטער אָוונט איז געווען אַ פאַרכמאַרעטער און מיר זיינען ניט געגאַנגען שפּאַצירן.

מיר זיינען געזעסן אַרום טיש ביי אַ גלעזל טיי און דער פעט־טער האָט דערציילט וואָס מען דיינקט ביי פאַרשיידענע פעלקער פון די פאַלנדיקע שטערן.

— ווי איך האָב דיר נעכטן דערקלערט — ווענדט ער זיך צו מיר—האָבן די פעלקער אין די גאָר אַלטע צייטן געדינט צו די כוחות פון דער נאַטור. זיי האָבן זיי געמאַכט פאַר זייערע געטער. עס זיינען געווען ביי זיי גוטע און שלעכטע געטער, שטאַרקערע און שוואַכערע, גרויסע און קלענערע. זיי האָבן געגלויבט אַז די גע־טער וואוינען אויף די הויכע בערג וואָס שפּאַרן אָן דעם הימל און פירן זיך דאָרט אין די הימלען אַזוי ווי מיר מענטשן דאָ אויף דער ערד. זיי עסן און טרינקען ווי מיר, מער ניט זייער שפּייז באַ־שטייט פון בלומען־ריחות, זי רופט זיך אַמבראָזיע און זייער גע־טראַנק איז גן־עדן וויין — נעקטאַר.

זיי קריגן זיך ווי מיר און האַלטן מלחמה צווישן זיך. ווען עס זעט זיך אין הימל פליענדיקע שטערנדלאַך, האָבן יענע פעלקער געגלויבט, אַז דאָס זיינען די געטערס פייערדיקע פיילן און דאָס

שיסן זיי איינע אויף די אַנדערע. שטיקער פון די פּיילן פאַלן אָפּט ארונטער אויף דער ערד.

די אַלטע פעלקער פלעגן פון די דאָזיקע שטיקער זיך אויס־שמידן שווערטן און אמתע פיילן. זיי האָבן געגלויבט, אַז דער וואָס פאַרמאָגט אַזאַ שווערט אָדער פייל, קאָן קיינמאָל ניט באַ־זיגט ווערן.

— איז טאַקע אמת, אַז שטיקער פיילן פאַלן ארונטער פון הימל: — האָט מיין שוועסטערל אַ פרעג געטאָן.

— אמת. האָט געענטפערט דער פעטער — שטיקער פאַלן טאַקע ארונטער פון הימל, אָבער ניט קיין שטיקער פיילן, מיט וואָס די געטער שיסן זיך איינס דאָס אַנדערע, נאָר פּשוטע שטיקער שטיין פון צעשטערטע שטערן, אָבער פון דעם וועל איך דערציילן אַן אַנ־דערש מאָל. היינט וועל איך אייך נאָר זאָגן וואָס מע דיינקט ביי אַנדערע פעלקער דערפון.

— אָבער דאָס איז אמת אַז מע האָט פון די שטיקער שטיין אויסגעשמידט שווערטן — האָט מיין שוועסטער ניט אָפּגעלאָזט דעם פעטער — ווי קאָן דאָס מעגלאַך זיין, ווי קאָן מען שטיין שמידן ?

— אזוי, פייגעלע — ענטפערט דער פעטער גלעטנדיק מיין שוועסטערס קעפּל, — דו לאָזט זיך ניט. זייער גוט. איך וועל דיר דערקלערן. די שטיקער וואָס פאַלן ארונטער אויף דער ערד, וואָס דאָס טרעפט זייער זעלטן — האָבן אָפּט אין זיך אייזן, פון וועלכן מען קאָן אויסשמידן וואָס מע וויל. די קעניגן פון מיטל־אַלטער האָבן נאָך אויך אין דעם געגלויבט און ווען זיי האָבן באַ־קומען אַ שווערט אויסגעשמידט פון אַ מעטעאָריט — אזוי רופט מען די שטיינער וואָס פאַלן פון הימל — האָבן זיי דערפאַר אוועק־געגעבן גרויסע רייכטימער. אין מוזעען פון נאַטור־געשיכטע גע־פינען זיך נאָך איצט שווערטן וואָס האָבן געהערט צו די קייסאָרים פון מיטלאַלטער, און זיי זיינען אויסגעשמידט פון די מעטעאָריטן.

דערפון אָבער, ווען מיר נאָך ריידן, ווען איך וועל דערקלערן פון וואַנען עס נעמען זיך די שטיינער וואָס פאַלן פון הימל.

הערט וואָס די כינעזער זאָגן וועגן דעם.

איר האָט זיכער געהערט, אַז די כינעזער פאַרהייליקן עפּעס אַ מין משונהדיקע שלאַנג, וואָס זיי רופן אָן דראַקאָן. דאָס איז עפּעס אַ מין חיה, וואָס האָט קיינמאָל ניט עקזיסטירט. זייער פאַנ־טאַזיע האָט געשאַפן דעם דראַקאָן מיט אַ סך פיס און אַ סך קעפּ, ער קאָן שווימען אין וואַסער, פליען אין דער לופט.

אויף די פאַלנדיקע שטערן זאָגן זיי, אַז דאָס זיינען הייליקע דראַקאָנען, פייערדיקע שלאַנגען, וואָס ווערן געשיקט פון די געטער צו באַשטראָפן די זינדיקע.

די אַפריקאַנער פעלקער גלויבן, אַז דאָס זיינען — „נישט גו־טע", שדים וואָס וואוינען אין דער לופטן און דאָס מאַכן זיי אַ טייפל־טאַנץ, זיי פליען און דרייען זיך אין אַלע זייטן. אייניקע פון זיי פאַלן אַרונטער און ווערן באַלד פאַרקערט אין פייערדיקע שטיינער.

אַנדערע גלויבן אַז די הימל־שטיינער וואָס פאַלן אַרונטער האָבן אַ טבע צו פליען, מ'האָט דערפאַר אין אַ שטעטל אין אונ־גאַרן אַ זיבן הונדערט יאָר צוריק אַזאַ שטיין צוגעשמידט מיט שטאַרקע אייזערנע קייטן צו די ווענט פון אַ קלויסטער ער זאָל חס ושלום ניט אַוועקפליען. נאָך עד היום געפינט זיך דער שטיין צו־געשמידט אויף דעם זעלבן פּלאַץ.

אין די אַלטע צייטן, ווען מ'האָט געגלויבט אין מכשפים און מכשפות, האָבן די מענטשן געדיינקט, אַז די מכשפות זיינען שול־דיק אין דעם וואָס עס פאַלן שטיינער פון הימל. זיי די מכשפות מאַכן־אָן דעם פייערדיקן שטורם און טייפל־טאַנץ אין ווע̇לכן זיי נע־מען אויך אָן אַנטייל, דאָס שרעקן זיי די מענטשן אָדער זיינען זיך נוקם פאַר דעם וואָס די מענטשן פאַרפאָלגן זיי.

5

אָט וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה'לע, טאַקע אַן אמת מעשה'לע, וואָס האָט זיך געטראָפן ערשט אַ צוויי־הונדערט יאָר צו־ריק אין פראַנקרייך.

אין אַ קליין שטעטל ניט ווייט פון פּאַריז האָט אין יענער צייט געוואוינט אַן אַלטיטשקע פרוי. איר מאַן איז שוין לאַנג געשטאָרבן. קיין קינדער האָט זי ניט געהאַט. איר שטיקל ברויט האָט זי פאַר־דינט דורך אַרבעט, אויף דער עלטער האָט זי קיין כח ניט געהאַט מער צו אַרבעטן, לעבן מוז מען אָבער, בעטלען גיין האָט זי ניט געוואָלט, האָט זי זיך אָנגעהייבן באַשעפטיקן מיט קאָרטן־וואַרפן, מיט אָפּשפּרעכן עין־הרעס, מיט נאָך אַנדערע „באַבסקע סגולות".

ביסלאַכוויז האָט מען אָנגעהייבן קוקן אויף איר ווי אויף אַ מכשפה. אין יענער צייט פלעגט מען זיי שטאַרק פאַרפאָלגן און מ'האָט זי אויך ניט געשאַנעוועט, מ'האָט זי פאַרטריבן הינטערן שטאָט.

אין אַן אָרעם צעבראָכן שטיבל האָט זי דערלעבט איר איבע־ריק ביסל יאָרן אין אָרעמקייט און אין דחקות.

אַ דורכגייער פלעגט איר אַמאָל אַריינוואַרפן אַ שטיקל ברויט אָדער אַ פּאָר גראָשן.

איינמאָל איז אין שטעטל ביי איינעם פאַרלאָרן געוואָרן אַ פינף יעריק קינד. דער חשד איז געפאַלן אויף איר. זי האָט עס זיכער צוגע'גנב'עט. זי דאַרף עס מסתמא האָבן פאַר איר כשוף, — אַזוי האָבן נאַרישע מענטשן געדיינקט. אַ גאַנצע מחנה מענ־טשן, געפירט פון דעם קינדס פאָטער, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער אַלטעטשקערס שטיבל און געפאָדערט דאָס קינד, אַניט וועט מען זי פאַרברענען לעבעדיקערהייט.

ס'האָט ניט געהאָלפן אירע שבועהס, איר וויינען. מ'האָט איר ניט געגלויבט. אייניקע האָבן שוין אָנגעהייבן צו ברעכן אַלץ אין שטיבל, זיי האָבן געבראָכן שויבן, מעבל און געריסן קישנס.

פּלוצלונג איז מען געקומען צולויפן מיט אַ בשורה, אַז דאָס קינד האָט זיך געפונען. דער עולם האָט געגלויבט אַז דאָס סטראַשען האָט געהאָלפן און דאָס האָט זי — ווייזט אויס — געמאַכט, אַז דאָס קינד זאָל זיך אויפזוכן.

זיי זיינען אַוועק צוריק אין שטאָט אריין און ווי אַ ווידערקול האָט זיי באַגלייט דער אַלטעטשקערס ווערטער: „גאָט זאָל אייך באַשטראָפן פאַר דער באַליידיקונג".

אָבער הערט וואָס עס האָט ווייטער פּאַסירט און דאָס איז דער עיקר וואָס איך וועל אייך דערציילן.

ארום צוויי אַזייגער בייטאָג איז דאָס געווען. דער הימל איז געווען לויטער און די זון האָט צוגאָסן איר ליכטיקייט איבערן גאַנצן שטעטל.

פּלוצלונג האָט זיך אויפן ריינעם הימל באַוויזן אַ שוואַרצע שטיק כמאַרע און זיך אַזוי מאָדנע געטראָגן איבערן הימל מיט אַן אומגעהויערער שנעלקייט.

די כמאַרע איז געוואָרן גרעסער און האָט זיך ארונטערגעלאָזט אַלץ נידעריקער און נידעריקער צו דער ערד. דאָס גאַנצע שטעטל איז מיט אַמאָל געוואָרן איינגעוויקלט אין אַ שרעקלאַכער פינסטערניש.

פּלוצלונג האָט אין דער לופט ווי עפּעס געפּלאַצט. די כמאַרע איז צעריסן געוואָרן אויף טויזנטער שטיקער. עס האָט אַ קנאַל געטאָן, נאָך אים אַ צווייטער, אַ דריטער און אַ פערטער, גלייך ווי הונדערטער קאַנאָנען זאָלן אויסשיסן איינער נאָכן אַנדערן. אַלע שטיקער כמאַרע זיינען באַלד אָנגעצונדן געוואָרן און אַ העליש פּייער האָט אַ בלענד געטאָן אַלעמענס אויגן.

טויזנטער און טויזנטער פונקען האָבן זיך צושיט אין אַלע זייטן אָבער עס איז גארניט ארונטערגעפאַלן. ס'האָט קיינעם ניט געשאַדט. אַלץ איז באַלד פארשוואונדן, דער הימל איז געוואָרן ווידער לויטער און קלאָר, די זון האָט געגאָסן ליכטיקייט איבערן גאַנצן שטעטל, גלייך ווי ס'איז גאָר נישט געוועזן.

דאָס אַלץ האָט געגומען ניט מער ווי אַ צען מינוט. די מענ־טשן פון שטעטל זיינען פּשוט פאַרגליווערט געוואָרן פאַר שרעק. זיי האָבן געדיינקט, אַז די וועלט גייט אונטער. ערשט שפּעטער ווען זיי זיינען אַביסל געקומען צו זיך, האָט עפּעס איינער אויסגע־רופן: דאָס האָט די מכשפה אונדז אָפּגעטאָן אָט דאָס שפּיצל. יאָ, ס'איז איר ארבעט — האָבן אונטערגעכאַפּט אַנדערע.

— מען מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל פון איר פּטור ווערן — האָט איינער אַ זאָג געטאָן.

— קומט — האָבן אייניקע אויסגעשריען. און חברה האָט זיך שוין ווידער אַ לאָז געטאָן צו דער אַלטעטשקער.

— ווי קומט עס וואָס עס האָט טאַקע קיינעם ניט געשאַדט — האָב איך אַ פרעג געטאָן — און וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט פאַלנ־דיקע שטערן?

— ווען איך וועל דיר דערקלערן פון וואַנען עס נעמט זיך די פאַלנדיקע שטערן און וואָס עס שטערט זיי אַמערסטן צו צוקו־מען צו דער ערד — האָט דער פעטער געענטפערט, — וועט דיר אַלץ קלאָר ווערן.

— וואָס האָבן זיי געטאָן מיט דער אַלטעטשקער אָט די נאַ־רישע מענטשן? — האָט מיין שוועסטער אומגעדולדיק אַ פרעג געטאָן — האָבן זיי איר שלעכטס געטאָן?

— ניין, — האָט געענטפערט דער פעטער — צום גליק איז גראַד אין דעם מאָמענט אָנגעקומען אַ דאָקטאָר פון פּאַריז. אַז ער האָט געהערט וואָס דאָ טוט זיך, האָט ער זיך גוט אויסגעלאַכט און זיי דערקלערט וואָס דאָס איז פאַר אַ זאַך. ער האָט זיי דער־ציילט, אַז אין דעם מאָמענט פון אָט דער וואונדערלאַכער געשעע־ניש, איז ער געווען אַ צוויי מייל פון שטעטל. זיין פערדל האָט זיך שטאַרק דערשראָקן האָט איבערגעקערט דעם וואָגן. ער און דער אַנטרייבער זיינען שיער נישט דער'הרג'עט געוואָרן. ס'אַ נס, וואָס דאָס פערדל האָט זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן צוויי ביימער און עס איז זיי געלונגען עס איינצושטילן. ער האָט זיי דערציילט אַז היג־

טערן שטאָט, וואו ער איז געווען, זיינען פילע שטיקער שטיין ארונטערגעפאלן, ער האָט זיי געראטן זיי זאָלן גיין צונויפקלייבן און זיי ארײַנפירן קיין פאריז פאר וועלכע זיי וועלן קריגן אַ באַ־לוינונג.

זיי האָבן זיך באַרואיקט.

דערמיט האָט זיך די געשיכטע געענדיקט.

— זיינען זיי כאָטש געגאנגען איבערבעטן דער אַלטעטשקער — האָט מיין שוועסטער זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן.

— איך ווייס ניט — האָט געענטפערט דער פעטער — אפשר יא און אפשר ניין.

— ס׳איז שוין אָבער גאַנץ שפּעטלאך. מיר וועלן דאָס אי־בעריקע איבערלאָזן אויף אַן אנדער מאָל. מיר וועלן מוזן ווארטן אויף אַ לויטערן אָוונט און דעמאָלט וועל איך שוין טאקע דער־קלערן וואָס די היינטיקע געלערנטע זאָגן וועגן פאלנדיקע שטערן.

— פעטער — האָט זיך האלב פארשעמט אָנגערופן מיין שוועסטער — איר וועט מיר לאָזן מיטגיין מיט אייך.

— געוויס! — האָט דער פעטער געענטפערט. — איך האָב סיי ווי געדיינקט דיך מיטצונעמען אויף אונדזער שפּאציר.

מיין שוועסטער האָט אַזש געוויינט פאַר פרייד.

אויפן צווייטן טאָג האָב איך און מיין שוועסטער געזוכט אין אַלע צייטונגען וואָס דער וועטער נביא זאָגט. לײדער, אָבער, האָט עס דעם וועטער נביא — זעט אויס — ווייניק געקימערט און האָט אונדז קיין פרייַלאכע בשורה ניט געבראכט. מיר זיינען געווען שטארק פארצווייפלט און דאָ האָבן מיר זיך נאָך דערוואוסט, אַז דער פעטער קלייבט זיך אין וועג אריין.

ס׳איז דאָך אָנגעקומען דער גליקלאכער טאָג. דאָס איז שוין געווען צום סוף וואָך. מיין שוועסטער האָט די ערשטע באַמערקט אין אַ מאָרגן צייטונג, אַז דאָס וועטער בייט זיך און עס וועט ווערן

שיין. עס זעט אויס, זי איז אויפגעשטאַנען א גרויסן פאַרטאָג, זי איז אַ פאַרסאָפּעטע אַריינגעלאָפן צו מיר אין שלאָף צימער, מיך אויפגעוועקט און מיט פרייד מיר געוויזן די צייטונג. מיר האָבן אַזש געוויינט פאַר שמחה. און טאַקע דעם אָוונט האָבן מיר אין דרייען געמאכט אַ שפּאַציר הינטערן שטאָט.

מיר זיינען ניט געווען אליין. עס האָבן שפּאַצירט נאָך פיל מענטשן, אָבער וואָס גייען זיי אונדז אָן? מיר באַמערקן קיינעם ניט. אַלע דריי גייען מיר פאַרריסן די קעפּ אַרויף צום הימל, גלייך מיר זוכן דאָרט עמיצן. מיר גייען לאַנגזאַם און שווייגן. דער הימל מיט זיינע פאַרטראַכטע, שטיל שווייגנדיקע שטערן האָט אונז, ווי פאַרכישופט.

עס איז געווען קילבלאַך, אָבער אַנגענעם. די לבנה איז יענעם אָוונט ניט געווען, דערפאַר אָבער איז דער הימל געווען קלאָר און ריין, טיף בלוי און אַלע שטערנדלאַך האָבן עפּעס מאָדנע צו אונז אַראָפּגעקוקט.

דער פעטער האָט דער ערשטער געבראָכן דעם שווייגן.

— קוק נאָר וואָס פאַר אַ שיינער הימל היינט איז, אַזוי ווי אומיסטן צוגעגרייט פאַר אונדז. אָט די קאַלטקייט מאַכט ריין די לופט און זי ווערט שטאַרק דורכזיכטיק. וואָס קעלטער ס'איז, אַלס ריינער און שענער איז דער הימל.

— קאָן אימיצער פון אייך מיר אָנרופן איינינע שטערן ביי די נעמען? — האָט דער פעטער אונז פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן. — יאָ, איך ווייס — האָב איך געענטפערט — איר האָט מיר נאָך באַם ערשטן מאָל שפּאַצירן אָנגעוויזן אויף „דעם גרויסן בער”: אָט איז ער.

מיין שוועסטער האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ מיט שרעק — וואו איז אַ בער — און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום פעטער.

מיר האָבן זיך צעלאַכט.

דאָרט אין הימל, אויבן. אָט — האָב איך אָנגעוויזן מיט מיין האַנט.

— אין הימל אַ בער? — פרעגט מיין שוועסטער פאַרוואונ־
דערט.

— שרעק זיך ניט, פייגעלע, עס איז ניט קיין אמתער בער.

איך וויל איר דערקלערן — האָב איך אונטערגעכאַפּט — איך האָב אָנגעהויבן צו דערקלערן צוזאַמענמישנדיק די פּלאַנעטן מיט די שטערן. איך האָב זיך אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז ניט מיין שוועס־טער און אפילו ניט איך האָב עפּעס פאַרשטאַנען, וואָס איך האָב געזאָגט.

דער פעטער האָט מיך אַרויסגעפירט פון דער פאַרלעגנהייט — הערט אויס קינדער — האָט ער זיך אָפּגערופן — איבערהויפּט דו, לעאָן, וויל איך דו זאָלסט זיך גוט צוהערן. פייגעלע איז נאָך צו יונג און זי וועט נאָך פיליכט ניט פאַרשטיין אַלעס וואָס איך וועל דערציילן.

— פאַר וואָס פעטער — האָט זיך פייגעלע באַליידיקט — פאַר וואָס דיינקט איר אַז איך וועל ניט פאַרשטיין.

— נו, וועסטו פאַרשטיין איז אוודאי גוט, אָט האָסטו מורא פאַר בערן וואָס פליען אין הימל, דו וועסט באַלד זיך דערוויסן אויך פון לייבן, זשיראַפן און אַנדערע חיות, וואָס מיר וועלן דיר אָנ־ווייזן אין הימל.

פייגעלע האָט זיך פאַרשעמט און גאָרניט געענטפערט.

— אָט אָ דאָס גרויסע ברייטע הימל פעלד, וואָס שפּרייט זיך אויס איבער אונזערע קעפּ, — האָט דער פעטער אָנגעהייבן — איז פאַרזייעט מיט מיליאָנען און מילי־מיליאָנען שטערן. איינע פון אָט די שטערן וואָס שוועבן אין גרויסן, אומענדלאַכן הימל רוים איז אויך אונדזער ערד.

פילע שטערן זעען מיר מיט אונזערע נאַקעטע אויגן, פילע קאָנען מיר נאָר דערזען דורך גרויסע אַפּאַראַטן — טעלעסקאָפּן, און נאָך מערער פון די אַלע — קאָנען מיר אפילו מיט די גרעסטע טעלעסקאָפּן ניט דערגרייכן.

אייניקע פון די שטערן זיינען מאַסיווע טונקעלע קערפּער אַזוי

ווי אונזער ערד, און זיי ווערן געוואַרמט און באַלויכטן פון אַנ־דערע שטערן וואָס מיר רופן „זונען". און אַנדערע — האָבן זייער אייגענע ליכט אַזוי ווי אונזער זון.

די הימל קערפּער וואָס האָבן ניט קיין אייגענע ליכט און ווערן באַלויכטן פון דער זון — ווערן גערופן וואַנדערנדע שטערן אָדער פּלאַנעטן.

די פּלאַנעטן דרייען זיך אַרום דער זון און צוזאַמען מיט דער זון הייסט עס זונענסיסטעם.

אייניקע פון די פּלאַנעטן ווערן באַגלייט מיט קלענערע קער־פּער וואָס מיר רופן לבנות. אַזוי צום ביישפּיל האָט אונזער ערד איין לבנה, מאַרס — 2 לבנות, יופּיטער האָט גאַנצע 5 לבנות, סאַ־טורן האָט אַרום זיך 8 שיינע לבנות, וואָס שיינען מיט מאָדנע פאַר־שידענע קאָלירן. אויסער דעם האָט ער אַרום זיך העלע רינגען וואָס האַלטן אים אין דערמיטן.

— פעטער — האָב איך מיך אָפּגערופן — איר האָט מיר גע־האַט צוגעזאָגט צו דערקלערן פון וואַנען עס זיינען געוואָרן אָט די אַלע פּלאַנעטן און זייערע לבנות?

— האָב איך עס דיר אַמאָל צוגעזאָגט? — האָט דער פעטער מיר פאַרוואונדערט געפרעגט. איך גלויב קוים צו דו וועסט עס פאַרשטיין.

— יאָ — האָב איך געענטפערט — איר האָט עס מיר צוגע־זאָגט. געדענקט איר פעטער, ווען מיר האָבן גערעדט פון פאַלנ־דיקע שטערן און איך האָב געפרעגט פון וואַנען זיי נעמען זיך, האָט איר מיר געזאָגט, אַז שפּעטער, ווען איר וועט צוקומען דערצו, וועט איר מיר פריער דערקלערן פון וואַנען עס זיינען געוואָרן אַלע הימל קערפּער, וועל איך אויך פאַרשטיין די פאַלנדיקע שטערן.

— נו, מילא, געזאָגט, פאַרפאַלן. — האָט דער פעטער געענט־פערט — אָבער דו זיי אויפמערקזאַם און זע מיך גוט פאַרשטיין.

— אָט די וואונדערבאַרע שיינע זון, וואָס ברענגט אונדז אַזוי

פיל גליק אויף אונדזער ערד, אַן איר וואָלט קיין פלאַנצן ניט געוואקסן, אַן איר וואָלט קיין לעבעדיקע זאַכן אויף דער וועלט ניט געווען. אַט די דאָזיקע זון איז, מיט פילע טויזנטער מיליאָנען יאָרן צוריק געווען אַן אומגעהייער גרויסע קויל. זי האָט פאַרנומען אַן אומגעהייער פיל גרעסערן שטח, וואָס זי פאַרנעמט איצט. זי איז באַשטאַנען פון אַ שיטערן גאַז און האָט זיך מיט אימפעט געדרייט ארום זיך זעלבסט. פליענדיק אַזוי אין דער אומענדלאַכקייט, האָט זיך אַ שטיק פון איר געגעבן אַ ריס אָפּ און ס'האָט זיך געבילדעט ארום דער זון אַ רינג. די זון מיט דעם רינג האָבן זיך ווייטער געדרייט, ביז דער רינג האָט זיך צעריסן און איז צעזאַמענגעצויגן געוואָרן אין אַ קיילאַכדיקע קויל.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע קינד, וואָס די זון האָט געבוירן, דער ערשטער פלאַנעט, דער ווייטסטער פון אַלע אירע פלאַנעטן — נעפּטון.

די זון איז קלענער געוואָרן. זי האָט זיך ווייטער מיט אימפעט געדרייט ארום זיך און נעפּטון ארום איר.

באַלד, מסתּם מיט אַ מיליאָן יאָר נאָך דעם, איז מיט דער זון ווייטער דאָס זעלבע געשען. ס'איז איר, ווייזט אויס, לאַנגווייליק געווען ארומצודרייען זיך נאָר מיט איין קינד. עס האָט זיך ווידער פון איר אָפּגעריסן אַ שטיק און עס האָט זיך ווידער אַמאָל געבילדעט ארום איר אַ פייערדיקער רינג. דער רינג האָט זיך צעריסן און אַ צווייטער פלאַנעט איז געבוירן געוואָרן. דאָס איז אוראַנוס.

די זון איז אַלץ קלענער געוואָרן. אַזוי האָט פּאַסירט אויך מיט סאַטורן, יופּיטער. אַזוי האָט אויך פּאַסירט מיט די קלענערע פלאַנעטן ווי מערקורי, ווענוס, ערד, מאַרס. דאָס זעלבע האָט אויך וואַרשיינלאַך פּאַסירט מיט די עטלאַכע הונדערט פלאַנעטאָידן וואָס געפינען זיך צווישן מאַרס און יופּיטער.

אַמאָל האָט זיך אָפּגעריסן אַ גרעסערע שטיק, אַ מאָל אַ קלענערע. עס זיינען דערפאַר דאָ גרעסערע און קלענערע פלאַנעטן. עס זיינען אויך דאָ ווייטערע און נאָענטערע. די וואָס האָבן זיך

פריער אָפּגעטיילט זיינען ווייטער, די וואָס שפּעטער, זיינען נאָענ־טער. די זון איז וואָס אַמאָל קלענער געוואָרן.

פון דער זון ביז נעפּטון איז אין גאַנצע אַ מין 1400 מיליאָן מייל. שטעלט זיך פאָר ווי גרויס זי איז געווען איידער זי האָט געבוירן דאָס ערשטע קינד... איצט ווען מען זאָל דורכבויערן אַ לאָך דורך דער זון און דורכציען אַ שטריק, וואָלט מען באַדאַרפט האָבן אַ שטריק פון אַ מין 192,600 מייל, און דער דורכשניט פון אונדזער ערד איז אינגאַנצן 1740 מייל.

— אויב אַזוי — האָט מיין שוועסטער אַ פרעג געטאָן — דאַרפן דאָך די פּלאַנעטן אויך באַשטיין פון שטיקער פייער, אַזוי ווי די זון איז?

— זעסט — האָט דער פעטער פאַרוואונדערט אַ זאָג געטאָן — מיין פייגעלע פאַרשטייט דאָך פאָרט וואָס מיר דערציילן. אָבער זאָג מיר נאָר פייגעלע פון וואַנען ווייסטו אַז די זון באַשטייט פון אַ שטיק פייער?

— וואָס דען, ניין? — האָט מיין שוועסטערל נאַאיוו אַ זאָג געטאָן — די זון איז אַזוי ווייט און דאָך וואַרעמט זי אַזוי שטאַרק.

— יאָ, מיינע טייערע, — האָט דער פעטער זיך צו אונדז בייד־דן געווענדט — די זון באַשטייט איצט פון אַ צעשמאָלצענע מאַסע פון פאַרשידענע מעטאַלן און שטיינער, אַזוי ווי די לאַווע וואָס פליסט אַרויס פון אַ וואולקאַן, ווען ער צעשפּילט זיך און הייבט אָן צו שפּייען מיט פייער, אָבער די מאַסע פון דער זון איז שטאַר־קער, נאָך הייסער און דערפאַר לייכט זי אַזוי שטאַרק. שטעלט זיך פאָר: אַרום 94 מיליאָן מייל ווייט פון אונדז און איר ליכט און היץ פילט זיך אַזוי שטאַרק אויף אונדזער ערד. און די שטי־קער וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער זון — די פּלאַנעטן, זיינען טאַקע די ערשטע צייט באַשטאַנען פון אַ צעשמאָלצענער מאַסע, אַזוי ווי די זון. מער ניט, ווייל זיי זיינען קלענער געווען איז אויך זייער היץ קלענער געווען און האָבן זיך ביסלאַכווייז אָנגעהייבן אָפּצוקילן. אָט אונדזער ערד צום ביישפּיל, אָפּקילנדיק זיך, איז

די שיטערע פייערידקע מאַסע געוואָרן אַלץ האַרטער און האַרטער פון אויבן און האָט געבילדעט אַ האַרטע שאָלעכץ, אַזוי ווי די שאָ־לעכץ פון אַן איי. דערנאָך איז די שאָלעכץ געוואָרן דיקער און דיקער און דאָך אַ טייל פון דער צעשמאָלצענע מאַסע געפינט זיך נאָך ביז איצט אין דער טיפעניש פון דער ערד, אין צענטער, און צייטנווייז נאָר שפּאַרט די פייערדיקע מאַסע ארויס דורך די קראַ־טערס פון די וואולקאַנען. אַנדערע פּלאַנעטן ווידער, אַזוי ווי צום ביישפּיל, יופּיטער, סאַטורן, אוראַנוס און נעפּטון, געפינען זיך נאָך איצט אויך אין אַ פייערדיק שיטערלאכער מאַסע.

— אָ! — האָב איך געגעבן אַ שפּרונג אונטער — איצט ווייס איך שוין פאַרוואָס סאַטורן האָט ארום זיך רינגען.

— אַנו, לאָמיר הערן — האָט דער פעטער אַ פרעג געטאָן.

— מיט סאַטורן האָט מסתמה פּאַסירט דאָסזעלבע וואָס מיט דער זון, — האָב איך האַסטיק אַ זאָג געטאָן — ס'האָט זיך פון אים אָפּגעריסן אַ שטיק און איז געוואָרן אַ רינג, און אַזוי דרייט זיך סאַטורן צוזאַמען מיט זיין רינג ארום דער זון ביז...

— ביז דער רינג וועט זיך צערייסן — האָט אונטערגעכאַפּט מיין שוועסטער — און עס וועט ווערן נאָך אַ פּלאַנעט.

— יאָ, מיינע טייערע, — האָט דער פעטער אויסגעשריען מיט פרייד — איר האָט ביידע געטראָפן. אין אַנדער לערער וואָלט זיך געשעצט גליקלאַך צו האָבן אַזעלכע אויפמערקזאַמע תּלמידים. אָבער זאָג מיר נאָר מיין טייערער לעאָן, איז פייגעלע גערעכט מיט איר באַהויפּטונג, אַז פון סאַטורנ'ס רינג וועט ווערן נאָך אַ פּלאַ־נעט?

איך האָב זיך פאַרטראַכט. איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. מיר האָט געשיינט, אַז זי איז גערעכט, דעם פעטערס פראַגע האָט מיך אָבער געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט און האָב ניט געקאָנט באַשליסן וואָס צו ענטפערן. אין אמתן, וואָס דען וועט ווערן פון דעם רינג? וואָס איז געוואָרן פון אַלע רינגען, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דער זון? ס'איז מיר אָבער באַלד

דורכגעפלויגן אַ געדאַנק: סאַטורן איז דאָך ניט די זון. איך האָב זיך געכאַפּט אַז דער אָנקל פרעגט ניט גלאַט אַזוי. איך האָב פּלוצלונג געגעבן אַ שפּרונג אויף מיט אַן אויסגעשריי: ניין, פייגעלע איז ניט גערעכט. ס׳האָט מיר פאַרכאַפּט דער אָטעם און האָב זיך אַזש פאַרהוסט. פייגעלע איז צוגעלאָפן צו מיר אַ באַליידיקטע. דער פעטער האָט נייגיריק אויף מיר געקוקט. איך האָב זיך אַ ביסל באַרואיקט און געזאָגט: פייגעלע איז ניט גערעכט. ווייל ניט קיין פּלאַנעט וועט ווערן, נאָר אַ לבנה.

— יאָ, מיין קליינער אַסטראָנאָם, — האָט דער פעטער מיך אַרומגענומען — דו ביסט גערעכט. פון אַ זון קומען אַרויס פּלאַנעטן, אָבער פון פּלאַנעטן קומען אַרויס לבנות. די לבנות דרייען זיך אַרום זייערע פּלאַנעטן און די פּלאַנעטן צוזאַמען מיט זייערע לבנות דרייען זיך אַרום דער זון.

מיט דעם פּלאַנעט, אויף וועלכן מיר וואוינען, די ערד, האָט אויך דאָס זעלבע פּאַסירט: מיט פיל, זייער פיל יאָרן צוריק, אפשר אַ מיליאָן און אפשר נאָך מער, ווען אונדזער ערד איז נאָך געווען אין אַ פייערדיק־פליסיקן צושטאַנד, האָט זיך אין איר אימפּעטיקן דרייען אָפּגעריסן פון איר אַ שטיק און האָט צוערשט געבילדעט אַ רינג אַרום. דערנאָך האָט זיך, וואַרשיינלאַך, דער רינג צעריסן, האָט זיך צוזאַמענגעצויגן און איז געוואָרן אַ רונדע קויל. דאָס איז אונדזער איצטיקע קאַלטע לבנה. די פייערדיקע לבנה, וואָס האָט נאָך געהאַט אייגענע היץ און אייגענע ליכט אַזוי ווי אונדזער ערד אַמאָל, האָט באַגלייט אונדזער ערד אַרום דער זון.

די לבנה איז געווען פיל קלענער פון אונדזער ערד און דערפאַר האָט זי זיך שנעלער אָנגעהויבן אָפּקילן.

ווען אונדזער ערד איז נאָך באַשטאַנען פון אַ פייערדיק צעשמאָלצענער מאַסע, איז שוין וואַרשיינלאַך אויף דער לבנה געוואַקסן פּלאַנצן און עס זיינען שוין אויך דאָרטן געווען לעבעדיקע

באשעפענישן. זי האָט געהאט איר אַטמאָספערע, דאָס הייסט, אַ הילע פון לופט ארום זיך, אזוי ווי אונדזער ערד אצינד. זי האָט געהאט ימים, טייכן, בערג און וועלדער. אָבער ביסלאכוויז, ווען אונדזער ערד האָט זיך אָנגעהייבן אָפּצוקילן, איז די לבנה געוואָרן נאָך קעלטער,ביז זי האָט דערגרייכט צו אַזאַ צושטאַנד, ווי זי געפינט זיך איצט.

— ווייסט איר קינדער, דעם טרויעריקן צושטאַנד פון אונדזער איצטיקער לבנה?

— יאָ, — האָב איך געענטפערט — די לבנה איז איצט אינגאַנצן קאַלט, ס'איז אויף איר ניטאָ ניט קיין וואַסער, ניט קיין פייער, ניט קיין פלאַנצן, ניט קיין לעבעדיקע באַשעפעניש. און זי דרייט זיך אָן אַ שום נוצן אין הימל רוים.

— ביסט גערעכט, לעאָן — האָט דער פעטער צוגעזעצט — די לבנה איז אַ פארגליווערטער קערפּער. זי איז אַ געוועזענע וועלט. ס'האָבן אויף איר, ווארשיינלאך, אַמאָל געלעבט אַזעלכע מענטשן ווי ביי אונדז אויף דער ערד; ס'זיינען אויף איר געוועזן אָקעאַנען, ימים, וועלדער, אָזערעס און טייכן מיט מיליאָנען לעבעדיקע באַשעפענישן. ווען מע קוקט דורך אַ טעלעסקאָפּ אויף דער לבנה, זעען זיך סמנים פון די טיפע ימים, פון די הויכע בערג. אָפענע קראַטערס זעען זיך פון די געוועזענע וואולקאַנען. עס באַמערקן זיך דאָרטן אפילו קאַנאַלן, געשאַפענע, ווארשיינלאך, פון אירע געוועזענע מענטשן. איצט איז זי טויט, קאַלט, אָן עפּעס אַ סימן פון לעבן. אָבער דאָס וואָס דו זאָגסט, אַז זי דרייט זיך אָן אַ שום נוצן אין הימל־רוים, דאָס איז ניט אמת. זי ברענגט שוין גראָדע יאָ נוצן אונדזער ערד. אַ נו, וואָס פאַר אַ נוצן ברענגט זי?

— אין די פינסטערע נעכט באַלייכט זי די ערד — האָט זיך ארויסגעכאַפּט מיין שוועסטער — אָבער פעטער, ווי אזוי גיט זי ליכט, אַז זי איז אַ קאַלטער קערפער אָן פייער?

— קאָנסטו איר ענטפערן, לעאָן? — ווענדט זיך צו מיר דער פעטער.

— יאָ, איך קען, — האָב איך שטאָלץ אויסגערופן. — די לבנה איז גלאַנציק ווי אַ שפּיגל און שלאָגט אָפּ די זונענשטראַלן צו אונדז אויף דער ערד אַזוי ווי אַ שטיק שפּיגל, מיט וועלכן מען קאָן וואַרפן אין אַלע זייטן אַ ליכטיקע שיין.

— זייער שיין, מיין קליינער אַסטראָנאָם, דו וועסט נאָך מיט דער צייט ווערן באַרימט — האָט דער פעטער מיט מיר געשפּאַסט.

— הייסט עס, — האָט דער פעטער ווייטער גערעדט, — אַז מיר האָבן שוין אַזעלכע קערפּער אין הימל, וואָס „לעבן ניט", זיי זיינען „טויטע קערפּער". זיי געפינען זיך אין הימל אין די מי־ליאָנען. זיי זיינען גיכער אויסגעזעצט צו אַלע געפאַרן, ווי די הימל קערפּער אויף וועלכע עס לעבן באַשעפענישן, ווייל די לעצטע האָבן אַרום זיך אַ דיקע דעק פון אַזאַ מין גאַז, וואָס מיר רופן לופט; די לופט באַשיצט דעם פּלאַנעט פון פאַרשידענע אומגליקן.

— פעטער, — האָב איך מיר געכאַפּט, — איר האָט אונדז דאָך נאָך גאָריניט געזאָגט פון די קאָמעטן און די פאַלנדיקע שטערן.

— וואַרט, מיר וועלן באַלד קומען דערצו, — האָט דער פע־טער געענטפערט, — אָבער עס איז שוין זייער שפּעט, מיר מוזן גיין שלאָפן. מאָרגן וועלן מיר רעדן פון די קאָמעטן, פאַלנדיקע שטערן און פון נאָך אַנדערע זאַכן.

איך האָב זיך געכאַפּט צום זייגער. עס איז שוין געווען אַרום צוועלף. מיר האָבן זיך שנעל אומגעקערט אַהיים. איך האָב מיך געפילט ווי עפּעס אַ העלד, ווי אַ גרויסער מענטש, וואָס האָט אויפ־געטאָן גוואַלדיק גרויסע זאַכן. איך האָב דאָך אַזוי פיל געלערנט אין דעם אָוונט, אַזוי פיל זאַכן זיך דערוואוסט.

מיין שוועסטערל איז גאָר אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעטומעלטע. פאַר איר איז דאָס אַלץ געווען אַ גרויסע איבערראַשונג.

די נאַכט בין איך איבערגעשלאָפן רואיק. מיין שוועסטער איז ניט רואיק געשלאָפן. צום ערשטן, ווען זי האָט מיך אינדער־

פרי באַגעגענט, נאָך איידער זי האָט מיר געזאָגט גוט מאָרגן, האָט זי מיר אָנגעהויבן צו דערציילן פון חלומות: פון פייערדיקע רינגען און פייערדיקע מענטשן, פון מלאכים מיט פליגלען, ווי אַזוי זי איז געווען אויף דער לבנה און אויך אויף אַנדערע פּלאַנעטן. (זי האָט ניט לאַנג איבערגעלייענט דזשול ווערנס פאַנטאַזיע „אַ שפּאַציר אויף דער לבנה" און דאָס, ווייזט אויס, האָט מער אויף איר געווירקט ווי אונדזער נעכטיקער שפּאַציר). מיך האָט איר פלוידעריי ווייניק־וואָס געקימערט. מיינע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען מיט דער אמתער ווירקלאַכקייט.

אין שול האָב איך איבערגעגעבן מיינע איינדרוקן צו מיינע חברים. זיי האָבן מיט באַוואונדערונג אַלץ אויסגעהערט. ס'איז דערגאַנגען אויך צו אונדזער לערער. איך האָב אים דערציילט פון אונדזערע שפּאַצירן און וואָס איך האָב געלערנט פון זיי. דער לערער האָט זיך שוין באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און גערעדט צום קלאַס פון די קאָמעטן, פון דעם מילך־וועג און פיל אַנדערע זאַכן. איך האָב יעדן וואָרט פּשוט געשלונגען. איך וועל איצט בעסער פאַרשטיין — האָב איך געטראַכט — וואָס דער פעטער וועט אונדז היינט ביינאַכט דערקלערן.

מיר געפינען זיך שוין ווידער אונטערן אויסגעשטערנטן הימל, אָבער דאָס מאָל זיינען מיר ארויסגעפאָרן אַ פּאָר מייל הינטערן שטאָט. דער פעטער האָט געוואָלט מיר זאָלן זען דעם פרייען הימל, ניט פאַרשטעלט פון געביידעס אָדערביימער. פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ גרויסער, ברייטער הימל מיט פיל, פיל שטערנדלאַך. אייניקע האָבן געפינקלט מיט אַ העל־בלויען שיין; אַנדערע — מיט אַ רויטלאַך־גרינעם שיין. אייניקע האָט מען קוים אָנגעזען. מיר האָבן געקוקט אין הימל ווי אין אַן אָפענעם בוך מיט אַ פרעמדער שפּראַך. אונדזערע אויגן האָבן נייגעריק און דורשטיק געקוקט. איך האָב אָבער דאָרט גאָרניט געקענט איבער־

לייענען. דער פעטער האָט, זעט אויס, געכאַפּט אונדזערע געדאַנ־קען און האָט זיך אָפּגערופן:

— זאָרגט זיך ניט, קינדער, מיט דער צייט וועט איר אַלץ קענ־נען פאַרשטיין, אויב איר וועט זיך נאָר אינטערעסירן. לערנט, פאָרשט, פרעגט, און דער הימל וועט זיך פאַר אייך עפענען ווי אַ פאַרשטענדיק בוך. איצט וועל איך אייך דערציילן וועגן די קאָ־מעט־שטערן און פון וואַנען זיי נעמען זיך, וועט איר זיך שוין טאַ־קע דערוויסן פון די פאַלנדיקע שטערנדלאַך.

— איך ווייס שוין וואָס אַ קאָמעט־שטערן איז — האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט.

— אַזוי, — רופט זיך אָפּ דער פעטער פאַרוואונדערט, — דו ווייסט שוין? דערקלער זשע דו מיר. איך וויל טאַקע הערן.

— אַ קאָמעט־שטערן — האָב איך אָנגעהויבן — איז אַזאַ גרויסער הימל־קערפּער, וואָס באַשטייט פון אַ זייער דינער גאַז־מאַסע. ער איז דערפאַר אַדורכזיכטיק. ער דרייט זיך אַרום דער זון ניט אַזוי ווי די פּלאַנעטן אין רונדן קרייז, נאָר ער מאַכט זיין וועג לאַנג־רונדיק.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? — האָט דער פעטער געפרעגט.
איך האָב דערציילט דעם פעטער וואָס עס איז פאַרגעקומען אין שול, ווי אַזוי דער לערער האָט עס אונדז דערקלערט.

— דער לערער האָט אונדז אויך געזאָגט, — האָב איך ווייטער גערעדט, — אַז די קאָמעט־שטערן האָבן זיך אָפּגעריסן פון אַזאַ מין הימל־קערפּער וואָס מע רופט נעבולאַ, וואָס באַשטייט אויך פון אַ דינעם גאַז.

— וואָס נאָך ווייסטו פון קאָמעטן? — האָט דער פעטער געפרעגט.

— מער געדענק איך ניט — האָב איך געענטפערט.

— עס ווייזט אויס — האָט דער פעטער געזאָגט — איינס פון די צוויי: אָדער דער לערער האָט אייך ווייניק דערקלערט, אָדער

דו האָסט אים ווייניק פאַרשטאַנען. הערט צו וואָס איך וועל אייך דערציילן פון די קאָמעטן.

איר געדיינקט, וואָס איך האָב אייך פריער געזאָגט: אין הימל־רוים געפינען זיך אין די מיליאָנען טויטע קערפּער. דאָס הייסט זיי האָבן אין זיך, אויף זיך, ארום זיך נישט קיין פייער, נישט קיין לופט. זיי זיינען דערפאַר אויסגעזעצט יעדעס מאָל צו פאַרשיידענע געפאַרן. יעדן טאָג, יעדע מינוט, אפשר יעדע רגע ווערן פון זיי פיל צעשמעטערט אויף שטיקער. אמת, עס טרעפט אויך מיט אַנדערע לעבעדיקע הימל־קערפּער, אז זיי ווערן פּלוצלונג חרוב. די געלערנטע האָבן פיל מאָל באַאָבאַכט, ווי עס האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן אַ נייער שטערן. ער איז וואָס אַמאָל גרעסער געוואָרן, און פּלוצלונג האָט ער געפּלאַצט, אַ פלאַם געטאָן און אויסגעלאָשן געוואָרן, גלייך ווי ער איז גאָר אויף דער וועלט ניט געוועזן. וואו איז ער אַהינגעקומען? וואו קומען אַהין אַלע שטיקער פון אַנדערע צעשמעטערטע הימל־קערפּער? זיי צעפליען זיך אין פאַרשיידענע זייטן מיט אַ גוואַלדיק שטאַרקער קראַפט, אזוי ווי קוילן פון אַ האַרמאַט. זיי באַגעגענען זיך מיט אַנדערע שטיקער און בילדן אַ נייעם הימל־קערפּער, וואָס מיר רופן „קאָמעט".

און אזוי ווי דער קאָמעט־שטערן ווערט געבויט פון פאַרשיידענע שטיקער, קלענערע, גרעסערע, גאָר גרויסע און גאָר קליינינקע, דערפאַר טאַקע האָט דער קאָמעט־שטערן פאַרשיידענע פאָרמען. דאָ זעען מיר אים מיט אַ רונדן קאָפּ און אַ לאַנגן עק, דאָ ווייזט ער זיך פאַר אונדזערע אויגן מיט צוויי אָדער מער עקן, דאָ זעען מיר אים אזוי ווי אַ גרויסן קירבעס, וואָס איז באַוואַקסן מיט האָר. די שטיקער וואָס פון זיי איז דער קאָמעט צוזאַמענגעשטעלט, זיינען ניט ענג צונויפגעדריקט, נאָר אָפּגערוקט איינס פון דעם אַנדערן, אזוי אַז מען קען דורך אים זען אַנדערע זאַכן.

— דאַרף מען דאָך אָנזען די שטיקער אויפן קאָמעט? — האָב איך געפרעגט. — פאַרוואָס באַמערקט מען זיי ניט? מען זעט דאָך דורכן קאָמעט אָן אַנדערע שטערן, אזוי ווי דורך אַ גלאָז.

— דאָס איז באַוואוסט, — האָט געענטפערט דער פעטער, — אַז ווען דער קערפּער וואָס באַשטייט פון טיילן, וועלכע זיינען אָפּגערוקט איינס פון דעם אַנדערן, געפינט זיך אויף איין אָרט, זעען זיך אָן אַלע זיינע טיילן און פאַרשטעלן אַנדערע קערפּער אָבער אַז דער קערפּער באַוועגט זיך, הייבן אָן די טיילן אַזוי ווי פאַרשוואונדן ווערן, און וואָס שטאַרקער דער קערפּער באַוועגט זיך, אַלץ דורכזיכטיקער ווערט ער.

נעמט, צום ביישפּיל, אַ רעדל וואָס איז אַרויפגעזעצט אויף אַ שטעקעלע. דאָס רעדל איז ניט קיין ליידיקס, ס'איז פול פון דעם אויבערשטן גרעסטן טייל פון רעדל ביז דעם מיטלסטן קלענסטן טייל מיט ברייטע שטעקעלאַך. צווישן די שטעקעלאַך איז דאָ ליידיקע פלאַץ, אָבער פיל ווייניקער ווי די שטעקעלאַך פאַרנעמען. נעמט דאָס רעדל און גיט עס אַ לאָז אָפּ צו דרייען זיך אויף אַ פּאַפּיר, אויף וועלכן עס זיינען אויסגעמאָלן אָדער אָנגעשריבן אייניקע זאַכן, וועט איר באַמערקן, אַז ווען דאָס רעדל באַוועגט זיך שנעל, קענט איר דורך דעם לייענען אַלץ וואָס איז אונטערן רעדל געשריבן; שטעלט עס זיך אָבער אָפּ, פאַרשטעלן שוין די שטעקעלאַך אייניקע טיילן פון דעם פּאַפּיר. די קאָמעטן, וואָס באַשטייען פון קלענערע און גרעסערע שטיקער, באַוועגן זיך מיט אַן אומגעהייערער שנעלקייט, און דערפאַר זיינען זיי דורכזיכטיק.

אָט אַזוי פליען די קאָמעטן פון דער זון רעכטס, פון דער זון לינקס, זיי פליען אין אַלע זייטן. באַגעגענען זיי אויפן וועג עפּעס אַן אַנדער הימל־קערפּער, — אַ פּלאַנעט, צום ביישפּיל. גיט דער פּלאַנעט אַ ציִ צו אַ טייל פונם קאָמעט, טיילן זיך אָפּ פון אים אַ מענגע שטיינער, פון וועלכע דער קאָמעט איז צוזאַמענגעשטעלט, און לאָזט זיך מיט אימפּעט פאַלן צום פּלאַנעט.

— אָט דאָס זיינען די פאַלנדיקע שטערן? — האָב איך געפרעגט.

— יאָ, אָט דאָס זיינען די פאַלנדיקע שטערן — האָט מיין פּעטער מיר געענטפערט מיט מיינע אייגענע ווערטער.

איך האָב דאָס אַלץ זייער גוט פאַרשטאַנען, אָבער דאָך בין איך עפּעס געבליבן שטיין ווי פאַרוואונדערט. ס'האָט זיך עפּעס מיר ניט געוואָלט גלויבן אַז אַ קאָמעט־שטערן, אַזאַ גרויסער הימל־קערפּער, זאָל גאָר זיין צוזאַמענגעשטעלט פון קלענערע און גרע־סערע שטיינער. נו און זיין עק? — האָב איך אַ טראַכט געטאָן.

— נו און זיין עק — האָב איך טאַקע באַלד אַ פרעג געטאָן — באַשטייט אויך פון שטיינער? ער האָט דאָך אַן אַנדערס מאָל אַ פּנים ווי אַ לאַנגער בעזים.

— יאָ, — האָט געענטפערט דער פעטער, — אָט טאַקע דער עק, וואָס האָט אַ פּנים ווי אַ בעזים און זעט אויס ווי אַ בינטל שטראַלן, וואָס ציען זיך פון דעם קאָמעטס קאָפּ ביז כמעט צו אונ־דזער ערד, באַשטייט אויך פון קליינינקע, גרעסערע און גאָר גרויסע שטיינער, און טאַקע פון אָט דעם וואָס קומט אַזוי נאָענט צו אונ־דזער ערד רייסן זיך אָפּ די אַזוי גערופענע מעטעאָריטן, און דאָס זיינען די „פאַלנדיקע שטערן".

— קענען זיי דאָך אָנטאָן אַ שרעקלאַכן שאָדן דעם פּלאַנעט, אויף וועלכן זיי פאַלן? — האָב איך געפרעגט.

— זייער זעלטן — האָט דער פעטער געענטפערט. — יעדער פּלאַנעט, ווי איך האָב אייך פריער דערקלערט, איז אַרומגערינגלט מיט אַן אַטמאָספערע פון לופט. די שטיינער לויפן, פליען פון אַ מוראדיקער הויך, זיי טראָגן זיך קאַלטע, פאַרגליווערטע, זיי פליען מיט אימפּעט, ביז זיי קומען צו דער אַטמאָספערע פון דער ערד אָדער אַן אַנדער פּלאַנעט. דאָרט געבן זיי זיך אַזאַ שרעקלאַכן קלאַפּ, זיי שטויסן זיך אָן מיט אַזאַ אימפּעט אין דער לופט, אַז זיי צינדן זיך אַזש אָן, ווערן צעפּלאַצט אויף שטיקער און ווערן פאַר־ברענט אויף אַש.

— פאַלן זיי, הייסט עס, קיינמאָל ניט אַראָפּ אויף דער ערד — האָב איך ווייטער געפרעגט.

— איך האָב ניט געזאָגט, אַז קיינמאָל ניט. איך האָב גע־זאָגט, אַז זעלטן. די געשיכטע דערציילט אונדז הונדערטער פאַלן פון שטיינער וואָס זיינען ארונטערגעפאַלן אויף דער ערד. אין מוזיי פאר נאַטור־געשיכטע געפינען זיך פילע אזעלכע שטיינער־מעטעאָריטן. איר וועט אין זיי באַמערקן גרויסע און קלענערע לע־כער. דאָס זיינען אייניקע ווייכערע טיילן, וואָס זיינען צעשמאָלצן אָדער פארברענט געוואָרן, די שטאַרקערע, האַרטערע זיינען גע־בליבן. ארום זיי באַמערקט זיך אויך ווי זיי זיינען גלאַט ווי גע־פאָלירט. דאָס איז אויך אַ רעזולטאַט פונם שנעלן פליען. דער ארומיקער אויבערשטער טייל האָט געשמאָלצן פליענדיק און האָט געבילדעט ארום ווי אַ גלאַזור.

— זעט נאָר — האָט מיין שוועסטער פּלוצלונג אַ געשריי גע־טאָן, אָנווייזנדיק אויפן הימל. מיר האָבן טאַקע באַלד דערזען בליסטשענדיקע פונקען, וואָס פליען איבער פון איין אָרט אויפן צווייטן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ פייערדיק פּאַסיקל, וואָס איז אויך באַלד פארשוואונדן.

— אַמאָל האָט מען געגלויבט — האָט דער פעטער ווידער אָנגעהויבן — און אייניקע געלערנטע גלויבן נאָך היינט אויך, אַז די פאַלנדיקע שטערן זיינען שטיקער לאַווא, וואָס די וואולקאַנעס שליידערן ארויס פון זייערע קראַטערן. די וואולקאַנעס האָבן זיי מיט אזא גוואַלדיקן כח אַ שליידער געטאָן, אַז זיי זיינען ווייט, ווייט אוועקגעפלויגן. אויפן וועג האָבן זיי זיך אָפּגעקילט און זיך אָנגעהויבן דרייען ארום דער זון גלייך מיט אַלע פּלאַנעטן, נאָר זיי קומען נאָענט צו עפּעס אַ פּלאַנעט, הייבן זיי אָן צו פאַלן.

— פעטער, — האָב איך מיך אָפּגערופן, — דאָס וואָס די וואולקאַנעס שליידערן פון זיך פייער, איז דאָס ניט פון דעם טייל ערד וואָס האָט זיך נאָך ניט אָפּגעקילט און געפינט זיך נאָך אין דעם זעלבן צושטאַנד, אין וועלכן די גאַנצע ערד איז געווען מיט מיליאָנען יאָרן צוריק איידער זי האָט זיך אָפּגעקילט?

— יאָ, מיין טייערער — האָט דער פעטער געענטפערט. —

איך בין זייער צופרידן וואָס דו פאַרשטייסט מיך אַזוי גוט. יאָ, אַ דאַנק דעם וואָס די ערד פאַרמאָגט נאָך טיף אין אירע געדערים איינגן פייער, אַ דאַנק דעם לעבט די ערד; אַ דאַנק דעם פאַרמאָגט די ערד ארום זיך אַן אַטמאָספערע, אַ הילע פון לופט, וואָס שאַפט לעבן אויף דער ערד. אמת, דאָס פאַרבאָרגענע פייער מאַכט אָפט אָן זייער פיל צרות, ס'ווערט דעם אַמאָל אומעטיק צו ליגן איינ־געקאָרטשעט אויף איין אָרט, ס'ווערט דעם אביסל ענגלאַך, וויל זיך עס אַביסל אַ ציִ טאָן, צעשפרייטן די אָרעמס, נו, קומען צרות, עס ווערט ערדציטערנישן, עס שפּאַלט זיך די ערד. גאַנצע שטעט ווערן פאַרשלונגען, טויזנטער מענטשן ווערן פאַרברענט. אָן דעם אינעווייניגסטן פייער אָבער וואָלט נאָך ערגער געווען. אונדזער ערד וואָלט געווען ווי די לבנה איצט — אַ קאַלטער פאַרגליווערטער קערפּער אָן יעדן שפּור פון לעבן.

— נו, און די זון? גיט זי דען ניט גענוג היץ צו די פּלאַ־נעטן? — האָב איך געפרעגט. — דאַכט זיך, נאָר די זון און ניט קיין אַנדער זאַך גיט לעבן אויף דער ערד. ווינטער, ווען די זון שיקט ניט אירע שטראַלן גלייך, נאָר פון דער זייט, שטאַרבן אָפּ אַלע פלאַנצן און אפילו פיל פון די לעבעדיקע זאַכן פאַרשווינדן.

— ביסט גערעכט, מיין פילאָסאָף — האָט געענטפערט דער פעטער. — דו דאַרפסט אָבער וויסן, אַז די זון באַשאַפט ניט, זי וועקט נאָר אויף די לעבנס וואָס עקזיסטירן שוין. זיי זיינען באַ־האַלטן ערגעץ אין די אייעלאַך אָדער אין די זאָמן־קערנדלאַך. די זון רופט זיי ארויס צום לעבן און די אַלע באַהאַלטענע לעבנס ווערן אויפגעהאַלטן אַ דאַנק דעם זויערשטאָף, דעם קוילנשטאָף, דעם וואַ־סערשטאָף און נאָך פיל טויזנט אַנדערע זאַכן. און אָט די אַלע שטאָפן ווערן ארויסגערופן נאָר דורך דעם אינעווייניגסטן פייער פון דער ערד, וואו עס שמעלצן זיך פאַרשיידענע מינעראַלן — מע־טאַלן. דורך דעם ווערט געשאַפן דאָס וואַסער, די זון פאַרוואַנדלט עס אין דאַמף, עס ווערן וואָלקנס, וועלכע רעגענען ארונטער און באַפרישן די דורשטיקע ערד.

אויף דער לבנה שיינט אויך די זון. דאָרט שיינט זי נאָך שטאַרקער, הייסער, ווייל זי איז נעענטער, און דאָך איז דאָרט ניטאָ קיין שפּור פון לעבן. אונדזער ערד האָט אַן אַטמאָספערע, וואָס בילדעט זיך אַ דאַנק דעם אינעווייניקסטן פייער. די לבנה האָט דאָס ניט.

— אָ, איצט פאַרשטיי איך שוין — האָט זיך פּלוצלונג אָנגערופן מיין שוועסטערל. — איך האָב געהערט, אַז ארום די וואולקאַנעס, וועלכע שפּייען אַפּט מיט פייער, וואַקסן די רייכסטע פלאַנצן. איצט פאַרשטיי איך שוין פאַרוואָס דאָס איז.

— פאַרוואָס? — פרעגט דער פעטער.

— ווייל... ווייל די ערד איז דאָרט רייכער — האָט מיין שוועסטערל געענטפערט און זיך אָפּגעשטעלט.

— יאָ, — האָט זיך אָפּגערופן דער פעטער, — מיין פייגעלע, זע איך, הערט זיך פליסיק צו צו אונדזער שמועס, אבי איך האָב געדענקט אַז זי פאַרשטייט אונדז ניט. מיין טייער פייגעלע איז גערעכט. אין די ערטער, וואָס עס מאַכן זיך אָפטע ערדציטערנישן, און דאָס איז געוויינטלאך נאָענט צו די וואולקאַנעס, איז די ערד אָן אַן ערך בעסער, פעטער און רייכער מיט די שטאָפן, אין וועלכע עס נויטיקן זיך די פלאַנצן, ווייל ניט זייער טיף אין דער ערד פליסן דאָרטן הייסע קאַנאַלן מיט פליסיקע צעלאָזטע מינעראַלן. זייערע גאַזן שפּאַרן זיך דורך צו די וואָרצלען, און דערפאַר זיינען דאָרט די געוויקסן אַזוי רייך און וואונדערשיין. אָבער זאָל שוין זיין גענוג דערווייל, מיינע טייערע, — האָט זיך דער פעטער אָנגערופן, — לאָמיר אַהיימפאָרן, עס איז שפּעט, און מאָרגן פאָר איך אָפּ.

— פעטער, — האָב איך מיך אָפּגערופן, — איר האָט אונדז צוגעזאָגט צו דערציילן פון די אַנדערע שטערן אויך, פון די פיקסשטערן.

— נישט איצט — האָט געענטפערט דער פעטער, — איך וועל אייך בלייבן שולדיק אַ חוב און האָף אַז איך וועל אים אייך אינגיכן

אָפּגעבן. אין אַ מאָנאַט אַרום דענק איך נאָכאַמאָל צו קומען אַהער, דעמאָלט וועלן מיר מסתם ווידער גיין שפּאַצירן, וועל איך אייך דערציילן פון פאַרשיידענע גרופּעס שטערן, פון דעם מילך־וועג, פון די נעבולאַס און נאָך און נאָך.

מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהיים גליקלאַכע און צופרידענע, נאָר אַביסל אומעטיקע, וואָס דער פעטער פאָרט מאָרגן אַוועק.

2

אַ שפּאַציר אין ים

דאָ ניט לאַנג בין איך געווען אין אַ קליין שטעטל אין די בערג. דאָס גאַנצע שטעטל איז געווען אַרומגערינגלט מיט פילע גערטנער, וועלדער, טאָלן.

אין מזרח זייט פון שטעטל האָט זיך געשלענגלט אַ קלאָרער טייך, וואָס קומט פון ערגעץ ווייט, ווייט.

דאָס איז געווען אַ זומער פאַרנאַכט. די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבן לאַנגזאַם אַפּצורוקן צו מערב זייט, שיקנדיק אירע לעצטע שטראַלן אויף דער זילבער ווייסער וואַסער־פלאַך. דער טייך האָט אויסגעזען, גלייך ער איז אינגאַנצן אין אַ פלאַם פייער איינגעהילט. דאָ האָבן זיך די רויט־פייערדיקע זונענשטראַלן שטיפעריש גע־שפּילט און געטאַנצט, צערטלענדיק די בערגלדיקע וואַסער־פלאַך פון דעם שטילן טייכל. אויפן ברעג זיינען געווען צעוואָרפן גרויסע און קליינע פעלזנשטיינער, אויף וועלכע עס זיינען געזעסן אינגלאַך, ווי אויך עלטערע מענטשן און האָבן געכאַפּט פיש.

איינער אַן עלטערער אינגל פון אַ יאָר 15 איז געזעסן פון דער־ווייטנס און האָט צוגעקוקט. עס האָט אויסגעזען, ווי ער איז עפּעס ניט צופרידן. ער זיצט אויף איין אָרט, אָבער זיינע אבֿרים באַ־וועגן זיך: ער צוקט מיט די אויגן, ער מאַכט מיט די אַקסלען און זיינע הענט רוען אויך ניט.

— הערי, — רופט זיך צו אים אָפּ איינער, וואָס האָט מיט דער ווענטקע אַרויסגעצויגן אַ פישעלע — וואָס שטייסטו פונדערווייטנס? קום, העלף מיר! אָט ליגט דאָ נאָך אַ ווענטקע, נעם און פאַרוואַרף זי איבערן וואַסער".

—— לאָז מיך צורו — ענטפערט בייז הערי — איך כאַפּ ניט קיין פיש. איך וויל ניט! וואַרף אויך אוועק. די פישעלאַך ווילן לעבן גלייך מיט אונז.

— וואָס? — פרעגט דער פישער אינגל — ניט כאַפּן קיין פיש? מיין טאַטע כאַפּט, מיין פעטער כאַפּט. זע, אַלע כאַפּן. דו ביסט אַ נאַר.

— און דו ביסט ניט נאָר אַ נאַר, נאָר אויך אַ רוצח. מע דאַרף ניט! — האָט הערי אָפּגעענטפערט און האָט זיך מיט שנעלע טריט געלאָזט אוועקגיין פון טייך.

הערנדיק זיין ענטפער בין איך צו צו אים.

— ווי אַזוי ביסטו געקומען דערצו? — פרעג איך אים — האָסטו קיינמאָל ניט געכאַפּט קיין פיש?

ער האָט זיך געקווייקלט. ס'האָט אויסגעזען, אַז ער וויל מיר ניט גלייך ענטפערן.

— איך... איך ווייס? ס'איז אַ לאַנגע געשיכטע און איך ווייס ניט צו זי וועט אייך אינטערעסירן — האָט ער מיר אין דער זייט געענטפערט, נערוויש באַוועגנדיק זיין קאָפּ.

איך האָב אים דערקלערט, אַז עס אינטערעסירט מיר זייער פיל און ער וואָלט מיר אַ גרויסע טובה געטאָן, ווען ער דערציילט עס מיר.

ער האָט מיך אָנגעקוקט און אַנטשלאָסן אַ זאָג געטאָן:

— גוט, איך וועל אייך דערציילן. איר זייט דער ערשטער, וועמען איך דערצייל דאָס. איר געפעלט מיר.

— עס איז אינגאַנצן אַ יאָר, זינט איך האָב אָוועקגעוואָרפן דאָס פיש כאַפּן. ביז מיט אַ יאָר צוריק בין איך געווען גלייך מיט אַלע אינגלאַך. ניט נאָר פלעג איך כאַפּן פיש, איך פלעג אויך אָפט גיין אויף געיעג מיט מיין פעטער.

ניט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו שיסן אַ האָז אָדער אַ פּאָר ווילדע קאַטשקעס.

ס'איז אמת, מיין הארץ פלעגט מיר אָפּט פארקלעמען, ווען איך פלעג זען, ווי די פארוואונדעטע חיה מאטערט זיך. איך האָב זיך אָבער געשעמט פאר מיין פעטער, דעם יעגער. איך האָב ניט געוואָלט ער זאָל מיך רעכענען פאר א פייגלינג.

פיש כאַפּן — דאָס איז ביי מיר פּשוט געווען אַ פארגעניגן. אַלע מאָל, ווען איך האָב דערזען, ווי דאָס פישל צאַפּלט זיך אויף דעם האַטשעקל פון מיין ווענטקע, האָט מיין הארץ זיך אָנגעפילט מיט שטאָלצער פרייד. איך האָב געקוקט אויף זיך, ווי אויף אַ גרויסן העלד.

אָבער דאָ פאַראַיאָרן האָט זיך מיט מיר עפּעס געטראָפן וואָס האָט אין מיר געמאכט אַ גאַנצע איבערקערעניש און האָט געפירט דערצו, אַז איך האָב אינגאַנצן אויפגעהערט צו כאַפּן פיש.

איך געדיינק, דאָס איז געווען אין אַ אויגוסט טאָג. די זון האָט זיך אָנגעהויבן צו זעצן. די לעצטע שטראַלן האָבן זיך נאָך געשפּילט מיט די וואַסער כוואַליעס. די פישעלאַך האָבן דעמאָלט ליב ארויפצושווימען און צוזאמען זיך שפּילן און פארברייינגען. דער טייך זעט דעמאָלט אוים זייער שיין. טויזנטער גאָלד־פייער־דיקע קעפּלאַך שפּרינגען ארויף און אראָפּ. דעמאָלט איז אָבער אויך די בעסטע צייט צו כאַפּן פיש.

גלייך מיט פילע אַנדערע פישער, בין איך אויך געזעסן אויף אַ הויכן פעלז און פארוואָרפן מיין ווענטקע.

אַלעמאָל — דער קאָרק זינקט, איך גיב אַ כאַפּ ארויס. — אָ, אָ! עס צאַפּלט זיך שוין אַ פישעלע אין דער לופטן. איך כאַפּ איינס, צוויי, דריי, פיר. צום פינפטן מאָל — איך פיל, עס איז שווער צו ציען. איך האָב שוין אָנגעהייבן צו דענקען אַז דאָס האַטשעקל האָט זיך ערגעץ פארטשעפּעט. אָבער ניין, עס ווארפט זיך עפּעס אַ שווערע זאַך און סע רייסט די ווענטקע אין אַלע זייטן.

מיינע חברים באַמערקן פונדערווייטנס, ווי איך מאַטער זיך ארויסצושלעפּן מיין ווענטקע. זיי לויפן אַלע צו, זיי ווילן מיר העלפן. איך לאָז ניט, איך וויל ניט אַז אימיצער זאָל האָבן אַ

חלק אין מיין זיג. איך שטרענג אָן אַלע מיינע כוחות און גיב אַ שלעפּ ארויס אַ גרויסן העכט, אפשר פון 10 פונט. איך האָב מיך אזש איבערגעקערט און בין שיער ניט אריינגעפאלן אין וואַסער. איך האָב מיך צורעכט געמאכט און אָנגעכאַפּט דעם פיש מיט ביידע הענט. דער פיש רייסט זיך און ווארפט זיך, אָבער איך האַלט אים פעסט. איך טראָג אים אוועק אויפ'ן זאַמד, איך זעץ מיך אויף אים אַנידער און וויל באַפרייען דעם האַטשיק, וואָס האָט זיך איינגעשטאָכן אין זיין קאָפּ, אָבער דאָ פאַלט מיין האַנט אריין אין זיין מויל, און מיט זיינע שארפע ציינדלאך האָט ער זיך אזוי איינגעגראָבן אין מיין האַנט, דער ווייטאָג איז געווען אזא שאַרפער, אז איך בין געפאַלן אין חלשות.

וואָס עס האָט ווייטער מיט מיר פּאַסירט געדיינק איך ניט. אָבער ווען איך בין געקומען צו זיך, האָב איך זיך געפונען אינדערהיים אין בעט, און אַלע זיינען ארום מיר געשטאַנען. אַ דאָקטאָר איז אויך געווען. מיין האַנט, איז מיר געווען פארבאַנדאַזשירט און איך האָב געפילט אַ שרעקלאכן ווייטאָג.

אַ וואָך דריי בין איך אָפּגעלעגן אין בעט. די ערשטע טעג בין איך געלעגן אין אַ גרויס היץ, אָבער איך בין געווען ביי מיין פולן פארשטאַנד. איך האָב זיך אָנגעהייבן צו דערמאָנען אַלץ וואָס עס האָט מיט מיר פּאַסירט און האָב מיך געשעמט. סטייטש, אַ פיש זאָל מיך באַזיגן! ווי אזוי וועל איך קאָנען קוקן אין פּנים מיינע חברים? זיי וועלן מיך דאָך אויסלאַכן. אָבער באַלד האָב איך אַ קלער געטאָן וועגן דעם פיש גופא, ווי אזוי דער האַטשיק איז געווען איינגעגראָבן אין דעם אונטערשטן טייל פון זיין מויל, דאָס קאַלטע בלוט האָט באַשמירט מיינע הענט, דער פיש האָט זיך געדרייט און געוואָרפן, ס'האָט אים, זיכער, ווײי געטאָן. און פלוצים איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאנק, אז מיר מענטשן באַגייען אַן אומרעכט קעגן די פיש. זיי זיינען דאָך אזוינע לעבעדיקע באַ-

שעפּענישן ווי מיר. איך בין רויט געוואָרן פאַר שאַנד, ווען איך האָב מיך דערמאָנט ווי פיל הונדערטער פיש און פישעלאַך זיינען אומגעקומען דורך מיין האַנט! דאָס, זעט אויס, האָט מיך שטאַרק געערגערט און, ווי מ'האָט מיר דערציילט בין איך אריינגעפאַלן אין אַ גרויסער היץ און בין ערנסט קראַנק געוואָרן.

נאָך פון מיין קינדהייט אָן פלעגט יעדע פּאַסירונג מאַכן אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק. אַלעס, וואָס איך האָב אין בוך געלייענט, פלעג איך עס נאָכדעם אינגאַנצן איבערלעבן אין חלום. ניט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען אַ שפּאַציר מאַכן אויף דער לבנה, אָדער זיך באַגעגענען אונטערן ים מיט'ן מיסטעריעזן נעמאָ פון ווערן'ס „געהיימניספולן אינזל". אָדער גאָר אָפּשטאַטן אַ וויזיט אויף יופּיטער צו עדגאַר און חוה, די צוויי לעצטע מענטשן נאָך דעם וועלט אונטערגאַנג פון קאַמיל פלאַמאַריאָן. מיר האָט זיך אפילו אַמאָל געמאַכט — דאָס איז געווען ערשט אַ צוויי יאָר צו־ריק — ווען איך האָב איבערגעלייענט קיפּלינג'ס „דזשאַנגל" האָט זיך מיר געחלומ'ט, אַז איך געפין מיך אין וואַלד צווישן דער וואָלפן־פאַמיליע, דאָס הייסט: איך בין עס דאָס מענטשן־קינד וואָס בין דערצויגן געוואָרן צווישן די וואַלד־חיות. איך האָב אי־בערגעלעבט אַלץ וואָס איך האָב אין בוך איבערגעלייענט.

איצט, ווען איך בין געלעגן קראַנק, האָט דער חלום מיך אַרויפגענומען אויף זיינע פליגעלאַך און מיט מיר אַוועקגעשוועבט אין אַן אַנדער וועלט. איך האָב דורכגעמאַכט אַ שרעקלאַכע אי־בערלעבונג.

איך האָב אייך פאַרגעסן צו דערציילן, אַז ווי נאָר איך בין געבליבן ליגן אינדערהיים קראַנק, האָט מיר מיינער אַ קוזין גע־בראַכט אַ בוך פון ברעהמ'ס נאַטור־געשיכטע, אין וועלכע ער שיל־דערט דאָס לעבן און קאַמף פון די פיש און ים־חיות. איך האָב דאָס מיט גרויס אינטערעס דורכגעלייענט און מער האָב איך ניט באַדאַרפט. דער מלאך פון חלומות האָט מיך שוין אַוועקגעשלעפּט גלייך אין ים אריין.

עס ווייזט זיך מיר אויס, ווי איך פאַל אריין אין ים אריין, און הייב אָן צו שווימען ווי אַ פיש. אזוי לייכט, אזוי אנגענעם — אַ פארגעניגן!

איך קוק מיך ארום: אַ ברייטער, גרויסער ים, מע זעט ניט קיין ברעגעס. ס'האָט מיך אָנגעהייבן צו שרעקן, ווי אזוי וועל איך אהיים שווימען? איך זוך מיט מיינע אויגן אַ סימן פון ברעג און דערזע פון גאָר ווייט עפּעס אַ שווארצן פּינטל. איך וויל צעַ־נעמען מיינע הענט זיך אַ לאָז טאָן און איך דערזע מיינע הענט ניט. אויף זייער אָרט באַמערק איך עפּעס גאָר ענלאך צו צוויי גרויסע פלים פעדערן. איך קוק מיך שוין אום צו מיינע פיס — אָ, אָ! זיי זיינען אויך פארשוואונדן. עס שלעפּט זיך גאָר דאָרטן נאָך עפּעס אַ משונה גרויסער פישענער עק און פּלוסקעט זיך אזוי קאָמיש איבער'ן וואַסער. איך זוך מיין קאָפּ, — אָבער אין וואַסער שפּיגלט זיך אָפּ עפּעס אַ מאָדנער, גרויסער פישענער קאָפּ, ענלאך צו אן אַקולאַ.

— אזוי גאָר, — גיב איך אַ קלער — בין איך, הייסט עס אַ פיש געוואָרן. אויב אזוי דארף מען טאַקע אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין ים. קיין שרעקנדיקער בין איך קיינמאָל ניט געווען. איך האָב אַ מאַך געטאָן מיט מיינע פלוס־פעדערן, אַ פּלוסקע געַ־טאָן מיט מיין עק און מיט מיין קאָפּ האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן ארונטער אין דער טיף.

פאר מיר דערשיינט אַ נייע בלויע טויב־שטומע וועלט. טויַ־זנטער מיריאדן משונה פיש, פישעלאך און גאָר קליינינקע ברואים־לאך פון פארשיידענע פאָרמעס און געשטאַלטן לויפן און שווימען הין און הער, אויף און אָפּ, נאָר עפּעס אַנטלויפן זיי פאר מיר, עס זעט אויס, זיי האָבן מורא איך זאָל זיי ניט איינשלינגען.

איך שווים מיר אזוי געלאַסן און קוק צו מיט פארגעניגן, ווי די פישעלאך לעבן זיך אזוי גוט אין וואַסער.

ניט ווייט פון מיר — זע איך, ווי אַ מחנה ים־באַבעלאך פלאַ־טערן ארום אין וואַסער. עס זעט אויס — זיי שפּילן זיך. אָ ווי

שיין עס שפּיגלען זיך אָפּ זייערע רויט־בלוילאכע פליגעלאך און גרין געלבלאכע שופּן. זייערע דימענטן־אויגעלאך פינקלען. דאָ לויפן זיי צו איינס צום אַנדערן, גלייך זיי קושן זיך, דאָ טיילן זיי זיך אָפּ: איינע ארויף, איינע אַראָפּ, אָדער אין די זייטן און בילדן אַ „ים פּיראמיד", זיי פליען זיך ווידער צוזאַמען, עפּעס ווי זיי סודן זיך. פּלוצלונג, באַמערק איך, עס ווערט ביי זיי א טומל און ווי צעשראָקענע צעלויפן זיי זיך. צוערשט האָב איך גערענקט, אַז זיי האָבן מיך דערזען האָבן זיי זיך דערשראָקן, איך האָב אָבער באלד איינגעזען, אַז עס איז אַ טעות. איך באַמערק, ווי דאָס וואַ־סער ארום מיר הייבט זיך אָן שטאַרק צו בולבן און עס ווערט טונקל. איך פיל אַ שטאַרקן שטויס. אינסטיקטיוו גיב איך מיר אַ הויב ארויף און אַ וואָרף אין אַ זייט. מיינע פישענע אויגן דערזעען א גרויסע ברוינע מאַסע מיט אַ הינטישע מאָרדע, ענלאך צו אַ חזיר. איך דערקען דעם ים הונט. דאָס האָט ער פון זיך שטראָמען לופט ארויסגעלאָזט צו מאַכן בולבען דאָס וואַסער כדי ער זאָל קאָנען אין דער טונקעלקייט אויף מיר אָנפאלן. איך האָב מיך אָבער קונציק פון אים ארויסגעדרייט. איך באַמערק ער גרייט זיך ארויפצופאַלן אויף מיר, ער וויל נאָר אויסמיידן מיינע ציינער. איך גיב מיך א לאָז ארונטער—ער נאָך מיר. איך פלי ווי א וויכער צו צו א גרויסן פעלז — איך פיל אים הינטער זיך. איך שנופּ אריין אין אַ שפּאַלט פון פעלז און בין געזיכערט, ווייל דער שפּאַלט איז צו קליין פאַר אים. איך קוק זיך ארום; עס איז עפּעס אַ מין הייל פון אַ מאַן די הויך און אזוי פיל די ברייט. אויפ'ן גרונט דאָרטן קריכן אום פארשיידענע ברואים: ראַקעס, עקדעשן, יאַשטששערקעס, סאלאַ־מאנדרעס און אַנדערע טייערע ברואים. זיי האָבן זיך, זעט אויס דערשראָקן פאר מיר און זיינען זיך שנעל צעקראָכן אין זייערע לעכער, נאָרעס און נעסטן.

פּלוצלונג דערפיל איך עפּעס אַ שטארקן שטעכיקן קלעם, ווי צווישן שפּיציקע צוואַנגען. איך קוק מיך אום: אָ, אָ, פאר מיר שטייט אן 8־פיסיקע חיה מיט אַ משונה ווילדן קאָפּ, מיט עפּעס

מאָדנע פאַרגלעזערטע אויגן. איך דערקען דעם טייערן „טכשיט", דעם „אָקטאָפּוס", וועלכן אלע ים איינוואוינער האָבן פיינט ווי דעם טייוול. מע רופט אים טאקע אויך „ים טייוול". ער דריקט מיך מיט זיינע פאַדערשטע צוויי לאַפּעס און פארנעמט זיך שוין מיך אריינצוציען אין זיינע איבעריקע לאַפּעס. איך נעם מיך אָן מיט מוט און מיט מיין גאַנצן כוח גיב איך אים אַזאַ שמיים אָן פעלז, אַז זיין קאָפּ איז באַלד צושפּאָלטן געוואָרן און איז געבליבן הענגען ביי דער סטעליע פון פעלז. איך באַמערק ווי אַן אנדער אָקטאָפּוס גרייט זיך אָנצופאַלן אויף מיר, איך גיב מיך אַ לאָז ארוים צוריק דורך דעם זעלבן שפּאַלט אין פרייען ים. איך קוק מיך ארום, עס זעט אויס, אַז דער ים הונט איז שוין מסתמא ניטאָ, ווייל טויזנטער פארשיידענע פיש און פישעלאך שווימען און שפּילן זיך רואיק ארום און ארום.

ניט ווייט פון מיר — באַמערק איך — מאַרשירן דורך פאַר־וויז אַ גרופּע וואונדער־שיינע פיש. איך קאָן מיך זאַט ניט אָנ־קוקן, ווי זייער העל געלבער קאָליר, דורכגעוועבט מיט גרינע, בלויע און טונקל־ברוינע פּאַסיקלאך מינעט זיך אזוי ווי זייד. זייערע ברייטע רעגנבויגן קאָלירטע פלוספעדערן זיינען צעשפּרייט ווי גאָלדענע פליגעלאך. איך דערקען אין זיי די ים מלאכים'לאך. זייערע ברייטע און פלאכע קעפּלאך זיינען אזוי נאָענט איינס צום אנדערן, גלייך זיי קושן זיך. זיי מאַרשירן אזוי מאַיעסטעטיש דורך, אין אַ לאַנגער שורה, עס זעט אויס זיי מאַכן ערגעץ אַ ווייטע רייזע.

איך גיב מיך אַ לאָז ארונטער צו דער טיפעניש פון ים. וואָס טיפער ווערט אַלץ פינסטערער. באַלד איז טאקע געוואָרן אזוי פינסטער אַז איך האָב מיך טאַקע גוט געשראָקן. איך וויל זיך שוין אַ לאָז טאָן צוריק ארויף, ווי פּלוצלונג ווערט שטארק ליכטיק. איך דערזע, ווי פון הינטער מיר שניידן זיך דורך צוויי שטראָמען ליכט וואָס ווארפן זייער שיין אויף גאָר ווייט. איך קוק מיך אום פון וואנען דאָס וואונדערבארע ליכט קומט און ווער אַנטציטערט

פאר שרעק: עפּעס אַ צוואַנציק מאָן ווייט פון מיר שווימט עפּעס אַ משונה גרויסע מאַסע און דאָס ליכט — ווי עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, שטראָמט פון צוויי ריזיקע אויגן, וואָס קוקן אַזוי שרעקלאַך אין ים אריין. איך האָב מיך דערמאָנט, ווי איך האָב קליינערהייט געלייענט פון אַ וואַסער קעניג וואָס געוועלטיקט איבער אַלע וואַסערן. אים פאָלגן אַלע ים חיות און ער קאָן אַלע פאַרניכטן. אַ שרעק איז מיר באַפאַלן און האָב זיך אַ לאָז געטאָן אַן דער זייט פון ליכט קרייז. עס האָט זיך מיר ניט געוואָלט מיט אים באַגעגענען. איך בין דאָך אַזוי זינדיק קעגן אים. אָ, ווען ער זאָל וויסן ווער איך בין, וויפיל פיש איך האָב פאַרניכטעט.

מיין נייגיריקייט האָט אָבער איבערגעשטאַרקט מיין שרעק. איך שטעל מיך אָפּ, איך וויל באַטראַכטן דעם גרויסן ים־קעניג, אָבער דאָ באַמערק איך גאָר עפּעס אַנדערש: צוויי שורות העלגרינע מיט רויטלאַכן אָפּשלאָג, פלאַכע פיש שווימען זיך רואיק מיט'ן פריש אָנגעקומענעם שטראָם. אייניקע פיש, וואָס גייען פאָראויס זיינען ווי באַדעקט מיט פיל קליינע עלעקטרישע בלויע פייערלאַך. באַ אַנדערע לייכטן פייערלאַך פון זייערע הערעלאַך, וואָס וואַקסן ארום מויל, ביי גאָר אַנדערע שטאַרצן צוויי בלויע ליכטעלאַך פון הינטער זייערע צוויי אויגן וואָס שיינען מיט אַ רויטער שיין פון פאָרנט און גרינער פון הינטן. צווישן זיי זיינען געווען נאָך פילע ברואים'לאַך מיט לייכטנדיקע קערפּערלאַך, דאָס זיינען די פאָספאָר אָדער עלעקטרישע פיש, וואָס לעבן אין דער ווייטער טיפקייט פון די ימים, וואו עס איז שטאַרק פינסטער, מוזן זיי האָבן ליכט.

זיי שווימען זיך אַזוי מאַיעסטעטיש דורך, פּלוצלונג ווערט צווישן זיי אַ גערודער. זיי גרופּירן זיך צוזאמען, די גרויסע רינגלען ארום די קלענערע, אייניקע לעשן אויס זייערע לאַמטערנדלאַך און ווי שווארצע שאָטנס — באַמערק איך — ווערן זיי פאַרשוואונדן ווייט, ווייט. עס זיינען נאָר פאַרבליבן גאָר קליינינקע חיה'לאַך וואָס מיט זייערע שיינענדיקע פינטעלאַך, האָבן זיי אויס־

געזען ווי פינקלענדיקע שטערנדלאך אין א טונקעלער נאכט. דאס האט מיך שטארק איבערראשט, אבער דא דערזע איך, ווי א מחנה שווארצע פיש מיט לאנגע נעז ענלאך אויף זעגן גיבן זיך א לאז גלייך צו מיר און איידער איך קום צו זיך, זע איך מיך שוין ארומגערינגעלט אזוי ווי אין געפאנגענשאפט. זיי ווילן מיך געווים צורייסן מיט זייערע שארפע זעגן. איך גרייט מיך שוין צו צום קאמף, אבער דא געשעט עפעס אומדערווארטעטעס: דאס וואסער ארום הייבט אן שטארק צו בולבען, די זעג־פיש, זעט אויס דערשרעקן זיך און אנטלויפן, — פאר מיר באווייזט זיך א נייע פארזעניש: א גרויסער פיש מיט א ברייטן קאפ אין דער פארם פון א האמער, א שמאלן האלז, א לאנגן שטארקן קערפער, וואס ענדיגט זיך מיט א ברייטן טאפעלטן עק. איך דערקען דעם האמער־קאפ פיש. עס לוינט זיך גאר ניט צוצוקומען נאענט צו זיין ברייט מויל, אין וועלכן עס געפינט זיך א וואלד מיט נאדלשארפע ציינער. באמערקט ער נאר אימיצן, מעג זיך שוין יענער געזעגענען מיט'ן לעבן. איך פארנעם מיר שוין צו מאכן פליטה, אבער איך באוויז נאך ניט צו אנטלויפן, ווי דער פיש פארנעמט זיך אין א זייט און פארשווינדט אין דער שטאק פינסטערער וואסער בלויקייט.

איך באמערק, ווי די פייער פישעלאך פארשווינדן ביסלאכווייז — זיי לאזן זיך ארונטער, איך לאז מיך נאך זיי און קום אן צום גרונט פון ים.

פאר מיר דערשיינט א נייע וועלט: גאנצע וועלדער מיט ים פלאנצן — „פאליזעען". באדעקטע מיט א דיקן שליימיקן מאך דרייען און פלעכטן זיך איינס אין אנדערן. אויף איינע פון די צווייגעלאך רוען שיינינקע חיה'לאך מיט פערדישע קעפעלאך, זייערע עקן זיינען ארום די צווייגעלאך ארומגעדרייט אזוי אז פון דערווייטנס קאן מען מיינען, אז עס איז ניט קיין חיה'לע נאר איינע פון די צווייגעלאך. נידעריקער באמערקן זיך די בערגלדיקע קאראלנפלאנצן: איניקע — שניי־ווייס, אנדערע פייער־רויט

אָדער הימל־בלוי מיט אַ ראָזעווען אָפּשלאָג. אויף איינציקע פון זיי באַמערקט זיך לעבן, דאָס זיינען די פּאָליפּן, אָדער האַלב פּלאַנץ, האַלב חיה. ווייטער אַביסל באַמערקן זיך די „ים רויזן”, וועלכע זיינען זייער שיין, זיי פאַרנעמען דאָס אויג מיט זייערע פאַרשיידנ־פאַרביקע פעדימלאַך, זיי זיינען אָבער אויך געפערלאַך פאַר יעדע חיה וואָס קומט נאָענט צו זיי. מע רירט זיך נאָר צו צו זיי, אַזוי ווערט מען פון זייערע פעדעמלאַך באַלד אָפּגעבריט ווי פון צעגליטע אייזנס און מע פאַרלירט דאָס לעבן.

איך כאַפּ אַ קוק נאָך נידעריקער צום גרונט — מיין מוח קערט זיך מיר איבער פאַר שרעק. איך דערזע עפּעס אַזעלכע משונה ווילדע געשטאַלטן. איינציקע קריכן ארויס פון אונטערן זאַמד, איינציקע שלאַנגען־פאָרמיקע ציען זיך ארויף אויף די בוימער, איי־ניקע זיינען אפשר מיט פערציק און נאָך מער פיס, זיי באַוועגן זיך קוים מיט זייערע שווערע קערפּערס. זייערע שלאַנגען־קעפּ שטרעקן זיי אויס ארויף צו כאַפּן אַ פיש אָדער אַן אַנדער חיה'לע וואָס האָט דאָס אומגליק ארונטערצושווימען אַזוי טיף.

איך גיב מיך באַלד אַ טראָג אָפּ פון דאָרטן ארויף, ארויף און ארויף. פּלוצלונג דערפיל איך עס ווערט מיר שווער, עפּעס איז אָנגעטשעפּעט ביי מיר פון הינטן אויפ'ן עק. איך שווים ארויף און דאָס שלעפּט מיך אראָפּ. איך נעם אָן אַלע מיינע קרעפטן און גיב זיך אַ שטאַרקן טרייסל, עס הערט זיך באַלד אַ טויבער קלאַפּ. דאָס האָט — זעט־אויס — אַ שילדקרעט מיין עק מיט אירע דעק־לאַך פאַרקלעמט און האָט געוואָלט אויף מיין רעכענונג זיך אַביסל דורכפאָרן, ווי עס טוען עס אָפט אָט די פּויליאַקעס. ווען זיי פאַר־גלוסט זיך איבערצוקלייבן אויף אַ העכערן פּלאַץ. מיט מיין שטאַר־קער באַוועגונג האָב איך — זעט אויס — אָנגעשלאָגן די טשע־רעפּאַכע אַן פעלז וואו זי האָט מיך געמוזט אָפּלאָזן, איבערלאָזנדיק מיר אַ שמערצלאַכע וואונד.

איך דערשפּיר אַז די וואַסער־פלאַך איז שוין ניט ווייט, ווייל אין וואַסער ווערט שוין ליכטיקער. איך וויל מיר שוין אַ לאָז

טאָן איינגאַנצן אַרויף, אָבער אַ נײַ בילד דערשײַנט פאַר מיר, וואָס האָט מיר געמאַכט די בלוטן פאַרגליווערן.

ניט ווײַט פון מיר שווימען האַסטיק צוויי הײַפישן פון אומ־געהײַערער גרויס, יעדער פיש אפשר 35 פוס לאַנג מיט אַ מויל וואָס קאָן אַ גאַנצן מענטשן אַרײַננעמען. אין מויל געפינען זיך צוויי רייען לאַנגע צײַנער אַזוי ווי אַ וואַלד בוימער. זיי מײַדן מיך אָבער אויס און לויפן אַוועק, גלײַך עמיץ יאָגט זיך נאָך זיי. און טאַקע באַלד באַמערק איך אַ מין חיה פון אַ שרעקלאַכער גרויס יאָגט זיך נאָך זיי. איך האָב דערקענט דעם וואַלפיש — די גרעסטע חיה אין די ימים, אַ פּשוט'ער ריז. אַ דערשראָקענער האָב איך מיר געגעבן אַ טראָג אַרויף צו דער וואַסער־פלאַך. איך באַמערק עס זעט זיך אַ הויכער שפּיץ פון אַ ים פעלז, וואָס שטעקט אַרויס איי־בער דעם וואַסער, און אַזוי ווי עפּעס אַ לעבעדיקער קאָפּ קוקט ער זיך אַרום און אַרום. איך דערהער פּלוצלונג עפּעס אַ מאָדנע פּלוסקען. איך קוק מיך אום; איך זע ווי פיש „וואַרפן רויג". זיי גיבן זיך אַלע מאָל אַ וואָרף פון דעם וואַסער אויפן פעלז, כדי דער רויג זאָל פון זייער בויך אַרויספאַלן. דער רויג באַשטייט פון הונדערטער טויזנטער קלײנינקע אייעלאַך, פון וועלכע עס קומען נאָכהער אַרויס פישעלאַך.

איך דערשפּיר אונטער זיך עפּעס אַ באַוועגונג, איך קוק מיך אַרום, איך זע גאָרניט, איך פיל אָבער פּאָרט עפּעס. איך הייב מיך אָן שרעקן. איך גיב מיך אַ לאָז אַרונטער אין וואַסער, אָבער עפּעס פאַרהאַלט מיך. באַלד פיל איך, ווי עפּעס הייבט זיך מיט מיר. פילע נאָך אַנדערע פיש קאַטשען זיך איבער מיר. אָ, איך פאַר־שטיי שוין, איך בין אין אַ נעץ געפאַנגען: שרעקלאַך! אין נעץ געפאַנגען: און טאַקע באַלד ווער איך פון דעם וואַסער אַרויס־געהויבן. עס ווערט ליכטיק, עס בלענדט מיר די אויגן. די וואַסער בלויקייט פאַרשווינדט,אין האַלז איז עפּעס מאָדנע טרוקן. אַלע פיש וואַרפן זיך. איך שוויַג, איך ווייס עס וועט מיר ניט העלפן. מײַן פישענער קאָפּ פאַרדרייט זיך מיר, ווען איך דערמאָן זיך, אַז

אַט באַלד וועט מען מיך צעשניידן אויף שטיקער.

עס האָט ניט לאַנג גענומען און איך געפין מיך שוין אין ער־געץ אַ שמוציקער קיך. מען לייגט מיך אַנידער אויף אַ טאַפּטשאַן און די באַלעבאָסטע נעמט זיך מיך צו שקראָבען לעבעדיקערהייט... אוי, וואָס ווייסט איר, האָב איך געפילט אַ מין שמערצלאַכן וויי־טאַק! וואָלט מען מיך כאָטש פריער דער׳הרג׳עט. פון איין זייט פיל איך, ווי עס שטיקט מיר אין האַלז, עס פעלט מיר וואַסער, פון דער צווייטער זייט שאָבט מיך די באַלעבאָסטע, זי שקראָבעט מיך לעבעדיקערהייט. איך וואַרף מיך און דריי זיך, שרייען קאָן איך ניט. און די נאַרישע פרוי שעלט זיך נאָך, פאַרוואָס איך ליג ניט שטיל. די פרוי לייגט אויף אַ ווײַלע אַוועק דאָס מעסער. איך נוץ אויס די געלעגנהייט און כאַפּ אַריין איר פינגער אין מיינע ציין. זי האָט געגעבן אַ שרעקלאַכן קוויטש. איך האָב מיך דער־שראָקן און זי אָפּגעלאָזט. מיט איין באַוועגונג בין איך אויף דעם דיל אַראָפּגעפאַלן, און... און דערזע עפּעס מאָדנע מענטשן שטייען אַרום מיר.

איך טו אַ קוק — מיינע פלוספעדערן זיינען שוין ניטאָ, איך בין שוין אויס פיש און ווידער מענטש.

איך דערקאָן מיין מאַמען, מיין פעטער. די מאַמע וויינט, איר האַנט איז פאַרבונדן, עס זעט זיך בלוט.

וואָס האָט דאָ פּאַסירט?

איך דערוויים זיך אַזאַ געשיכטע:

ווען איך בין קראַנק געוואָרן, בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ שטאַרקער היץ, נאָכדעם בין איך געוואָרן באַוואוסטלאָז. צוויי דאָקטוירים זיינען גערופן געוואָרן און מיך ניט געקאָנט ברייגען צו זיך. זיי האָבן געקוקט מיט שטוינען אויף מיינע אַקראָבאַטישע שטיק, ווי איך וואַרף זיך אין אַלע זייטן. עפּעס אַ מאָדנע קראַנק־הייט! נאָר דעמאָלט, ווען מ׳האָט מיך אָנגעהייבן צו רייבן מיט שטאַרקע ספּירטן, האָב איך אָנגעהייבן צו ווייזן סימנים פון לעבן און האָב אַריינגעכאַפּט דער מאַמעס פינגער צווישן מיינע

שארפע ציינדלאך. די מאמע האָט אַ קוויטש געטאָן, האָב איך זי אָפּגעלאָזט און בין פון בעט אַראָפּגעפאלן און האָב זיך אויפגע־כאַפּט.

אָט דאָס איז דער מערקווירדיקער חלום. ער האָט אויף מיר אַ שטארקע ווירקונג געמאַכט. איך בין גאָר אן אנדער מענטש געוואָרן. איך וועל איצט אויף קיין פאַל ניט גיין כאַפּן קיין פיש, אָדער אנדערע לעבעדיקע חיות.

זיצנדיק אזוי צוזאמען פארטיפט, הער איך זיין פאַנטאַסטישן דערציילן, און איך אין מיין דורשטיקן הערן, האָב גאָר ניט באַ־מערקט, אַז די זון, מיט איר אויך דער טאָג זיינען שוין לאַנג פאר־שוואונדן. זייער פּלאַץ האָט פארנומען די שאָטנדיקע נאַכט, די זילבערנע לבנה מיט מיליאַרדן פינקלדיקע שטערנדלאך. ארום און ארום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט, וואָס איז ווען ניט ווען איבערגעריסן געוואָרן מיט א קוואקע פון אַ זשאַבע אָדער אַ פּיפּטשע פון אַ פייגעלע, וואָס חלומט ווייזט אוים פון קערנדלאך און רעדט פון שלאָף.

3

זייד־ווערים
(נאָך טאָלסטאָי)

(דעראינערונגען פון מיין שול־לעבן)

איינמאָל זאָגט צו אונז דער לערער פון זאָאָלאָגיע: דאָס יאָר וואָלט איך וועלן מיר זאָלן אויספירן פארשיידענע אינזעקטן. זאָל יעדער זיך אויסקלייבן וואָס ער וויל. איך וועל אייך צושטעלן די אייעלאך און איר וועט זען, אַז עס זאָלן דורכגיין ווי עס דאַרף צו זיין אַלע „סטאַדיעס" פון זייער אַנטוויקלונג. גוט — האָבן מיר געענטפערט מיט פרייד — דאָס איז זייער אינטערעסאַנט. יעדער האָט זיך אויסגעקליבן אַ סאָרט אייעלאך. איך האָב אויסגעקליבן די אייעלאך וואָס פון זיי ווערן זייד־ווערימלאך. איך האָב דאָס גראָד שוין פון פריער גוט שטודירט, און איך האָב גערעכנט דעם פרי־יאָר צו לעבן אין דאָרף, בין איך געווען זיכער, אַז איך וועל עס קאָנען דורכפירן.

דער לערער האָט מיר אָפּגעוועגט אַ גראַם טונקל־גראָע אייעלאך. איך האָב זיי באַטראַכט, זיי זעען אויס ווי קליינינקע שפּילקע־קעפּלאך. דאָס איז געווען אין מאָנאַט פעברואר, האָב איך נאָך גאָר ניט געקאָנט טאָן מיט זיי. איך האָב דערפאַר געוואַרט ביז דער פרילינג וועט קומען.

עס האָט ניט לאַנג גענומען און אין דרויסן האָט אָנגעהייבן וואַרעמער צו ווערן. ריטשקעס וואַסער לויפן איבער די גאַסן פון דעם צעשמאָלצענעם שניי. די לופט ווערט פריש, שטאַרק. עס הערט זיך שוין אַ צוויטשעריי פון די אָנגעקומענע פייגעלאך. איך מיט מיין אינגערער שוועסטער זיינען אַוועקגעפאָרן אין דאָרף צום אָנקל צו גאַסט אויף יום־טוב. איך האָב ניט פאַרגעסן מיטצונעמען מיט זיך די אייעלאך. געקומען אין דאָרף, זיינען מיר גע־

וואָרן איבערראשט פון דער שיינער גרינער נאַטור וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אומעטום. איך גיב אַ קוק אויף די בוימער, ערשט די קנאָספּן פּלאַצן שוין, בלימעלאך, בלעטעלאך הייבן אָן ארויסצוקריכן פון זייערע באַהעלטענישן. איך לויף צו די אויעלאך, איך זע, זיי באקומען שוין אַן אַנדער קאָליר. אייניקע פון זיי זיינען געבליבן טונקל־גראָ ווי פריער, אַנדערע — זיינען געוואָרן ליכטיקע.

איך לייג זיי אוים אויף אַ זיכערן און פרייען פּלאַץ. אויף מאָרגן אינדערפרי גייען מיר געוואָר ווערן וואָס עס טוט זיך עפּים מיט די אייעלאך. עהע! עס באַוועגט זיך. זיי זיינען גאָר לעבעדיק געוואָרן. עס ווייזט אוים, אַז די קליינינקע ווערימלאך, אינעווייניק, האָבן דערפילט, אַז זיי וועלן שוין האָבן וואָס צו עסן, ווילן זיי שוין ניט ליגן אין דער פינסטער און הייבן אָן ארויסצוקריכן אויף דער ליכטיקער וועלט.

די ווערימלאך זיינען געוועזן שוואַרצינקע, האָריקע און אזעלכע קליינינקע, אַז עס איז זיי שווער געווען צו זען מיט'ן פּשוט'ן אויג.

איך האָב זיי באַטראַכט דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז, האָב איך באַמערקט, אַז אין אייעלע ליגן זיי צונויפגעקאָרטשעט אין אַ רינגעלע, און ווי זיי קריכן נאָר ארוים, גלייכן זיי זיך באַלד אוים. איך האָב גלייך פון גאָרטן געבראַכט גרינע בלעטלאך און אָנגעהייבן צוצוגרייטן פאר די ווערימלאך אַ פּלאַץ, אזוי ווי מ'האָט מיך געלערנט.

די חברה האָבן אָבער באַלד דערשפּירט דעם ריח פון די פרישע בלעטער און האָבן אָנגעהייבן צו זיי צוצוקריכן. איך האָב אַלץ אָפּגערוקט די בלעטער, זיי געדרייט אין פארשיידענע זייטן, און די ווערימלאך זיינען נאָכגעקראָכן אזוי ווי אַ הינטל, ווען מע ווייזט אים אַ ביינדל. זיי זיינען איבער שרייב־פענדלאך געקראָכן, איבער דער שער און איבער אַנדערע זאַכן, וואָס זיינען זיי געווען אין וועג. איך האָב אָנגעשניטן פּאַפּיר, צוזאַמען געלייגט מיט

גרינע בלעטער. די פיינע יונגען זיינען גליך געווען דאָ. דאכט זיך גאָר בלינדע און טרעפן אזוי שנעל דעם וועג צום עסן.

איר האָט באדארפט זען, ווי די חברה האָבן זיך אַ נעם געטאָן צום פרעסן. דאָס כראמטשען האָט זיך געהערט, ווי אַ וואַסערל וואָס לויפט איבער שטיינדעלאך. אָט זעסטו גאנצע בלעטלאך, און באַלד באמערקסטו נאָר די אָדערלאך, דאָס איבעריקע איז אין גאַנצן אויפגעגעסן.

איך האָב געוויינטלאך אַלע מאָל צוגעגעבן אַלץ מערער און מערער בלעטלאך. ווען עס האָט זיך געטראָפן, אַז די חברה האָט דערשמעקט אַז עס זיינען מער ניטאָ קיין בלעטלאך, מיינט איר אַז זיי האָבן געוואַרט מע זאָל זיי דערלאנגען נאָך? ניין! זיי האָבן ניט געהאט קיין געדולד. ווי נאָר זיי האָבן דערשמעקט אַז עס זיינען מער ניטאָ קיין בלעטלאך זיינען זיי זיך צעקראָכן אין אַלע זייטן זוכן עסן. זיי זיינען אפילו צוגעקראָכן ביז צום ברעג פון דער פּאָליצע. דאָ האָב איך געמיינט אַז די נארישע פרעסער וועלן באַלד ארונטערפאלן. ווייס איך וואָס! זיי האָבן באַלד דינינקע פעדעמלאך פון זייערע מיילכעלאך ארויסגעצויגן, איין עק צו דער פּאָליצע צוגעקלעפּט און אויף די פעדעמלאך זיך ארונטערגעלאָזט, נאָך בעסער ווי אקראָבאטן, וואָס קלעטערן אויף שטריק. זיי האָבן זיך ארונטערגעלאָזט, זיך אָפּגעשטעלט אַ שמעק געטאָן, אויב זיי האָבן ערגעץ דערשמעקט עפּעס נוצליכס פאר זיי, האָבן זיי זיך געהוידעט אויפ'ן פעדעמל און אַ וואָרף געטאָן זיך צו דער זייט פון דעם עסן. אַניט, האָבן זיי זיך ארונטערגעלאָזט נידעריקער, אָדער זיי האָבן זיך אויפ'ן זעלבן פעדעמל אויפגעהייבן צוריק, ארייַנציענדיק דאָס פעדעמל אין מויל אריין.

גאַנצע טעג און נעכט האָבן זיי געהאַלטן אין איין עסן. פינף טעג זיינען אזוי פאַראיבער און זיי זיינען געוואָרן שטאַרק אויסגעוואקסן און האָבן אָנגעהייבן צו פארצערן נאָך מער שפּייז, 10 מאָל, 15 מאָל אזוי פיל.

אויפ'ן זעקסטן טאָג, האָב איך געוואוסט אַז זיי דארפן שוין

אנטשלאָפן ווערן. איך האָב טאַקע באַמערקט, ווי אייניקע האָבן זיך ווי צוגעקלעפּט צום פּאַפּיר אויפגעהערט צו עסן און זיך צו באַוועגן.

אויפ'ן אַכטן טאָג, באַמערק איך, ווי מיינע חברה באַוועגן זיך ווידער אַמאָל. זיי ווילן שוין ווידער עסן, — קלער איך. איך האָב מיר אָבער דערמאָנט, אַז זיי מוזן זייערע פעלכעלאַך בייטן, און דאָס טוען זיי אייניקע מאָל נאָכ'ן אויסשלאָפן זיך.

איך באַמערק טאַקע, ווי אייניקע פון זיי טשעפּען צו זייער קעפּל צום פּאַפּיר, שטעכן דורך אַ לעכעלע און הייבן אָן ארויסצו־קריכן. דאָס קומט זיי אָן זייער שווער. דאָ דרייען זיי זיך צענויף, דאָ ציען זיי זיך אויס, דאָ בויגן זיי זיך אין איין זייט, דאָ אין אַ צווייטער, זיי אַרבעטן זייער שווער. עס נעמט גאַנצע שטונדן און לסוף קריכן זיי ארויס פון זייער אַלטן קלייד, פרישע באַנייטע אָבער מיט גרעסערע אַפּעטיטן. מיט נייע כוחות וואַרפן זיי זיך ארויף אויף דער שפּייז און פרעסן אָן אַ שיעור.

אין פיר טעג ארום ווערן זיי ווידער אַנטשלאָפן און מאַכן ווידער דורך דיזעלבע געשיכטע. אַזוי באַנייען זיי זיך אַ פיר, פינף מאָל.

אויפ'ן ניינטן טאָג, האָבן אייניקע עלטערע ווערים אין גאַנצן אויפגעהערט עסן. זיי האָבן אָנגעהייבן צו קריכן אויף די ווענט, אויף די ברעטער. איך האָב זיי צוגעטראָגן פרישע בלעטער, אָבער זיי האָבן זיך אָפּגעקירעוועט, און ווייטער געקראָכן. איך האָב מיך דערמאָנט, אַז די ווערים, ווען זיי דאַרפן זיך פאַרוויקלען אין קאָקאָנעס, הערן זיי אויף צו עסן און זוכן אַלץ צו קריכן ארויף.

איך בין געשטאַנען און אַכטונג געגעבן, וואָס וועלן זיי ווייטער טאָן. איך זע: אייניקע פון זיי קריכן ארויף צו דער סטעליע, פאַרנעמען זיך אין פאַרשיידענע ווינקלען, ציען אויס דיניקע פעדעמלאַך, ארום זעקס צאָל פון זיך אין אַלע זייטן און טשעפּען זיי צו אין פאַרשיידענע עקן. נאָכדעם אָרדענען זיי זיך איין אין דערמיט פון דעם געוועב און בלייבן הייגנען אויסגעבויגן אַזוי ווי

א פּאָדקאָווע. מיט די פּיסקעלאך האלטן זיי אָבער אין איין ציען זיידענע פעדעמלאך און ארומוויקלען ארום זיך. זיי האלטן אין איין וויקלען און וויקלען, אָן אויפהער. דעם גאַנצן טאָג האָבן זיי זיך געוויקלט. פאַרנאַכט גיי איך צו, קוים וואָס זיי זעען זיך שוין ארויס פון זייער געוועב. זיי וויקלען ווייטער, אויפ'ן צווייטן טאָג — איך זע שוין גאָרניט ארויס און זיי וויקלען נאָך אלץ.

אין דריי טעג ארום האָבן זיי שוין אויפגעהערט צו וויקלען און אינגאנצן ווי פארשטאָרבן געוואָרן.

ווייסט איר, פריינט, ווי לאַנג עס איז דער זיידענער פּאָדים, וואָס דאָס ווערימל האָט ארום זיך ארומגעוויקלט? שטעלט אייך פאָר ניט ווייניקער ווי א גאַנצע מייל — און אמאָל נאָך לייגגער.

עס איז אויסגערעכנט, אז דאָס ווערעמל מאכט דורך אין משך פון די 3 טעג דריי הונדערט טויזנט דרייען ארום זיך, דאָס איז כמעט יעדער סעקונדע א דריי. עס ווערט אָבער פון דער ארבעט אזוי אויסגעמאטערט אזוי אויסגעצערט, אז ווען איר זאָלט אויפ'ן דריטן טאָג צוברעכן אזא קניילכל, וועט איר אינעווייניק געפינען אן אויסגעטריקנט ווייסינק ווערימל אזוי ווי א שטיקעלע וואַקס. עס האָט א פּנים, ווי עס וואָלט 3 טעג געארבעט, כדי צו מאַכן פאר זיך א קבר'ל. עס איז אָבער ניט אזוי, דאָס איז אומיסטן צוגע־גרייט געוואָרן א וואָרעם זיידן שטיבעלע, כדי דאָרטן זאָל זיך אַנט־וויקלען א ניי באַשעפעניש'ל. און קוקט זיך צו צוואַנציק טעג נאָכ־דעם, שטייט עס טאַקע אויף תחית המתים.

אין 20 טעג ארום באַמערק איך, ווי די שפּיצן פון די קאָקאָ־נעס ווערן טונקל און פייכטלאך. איך האָב פארשטאַנען אז דאָ הייבט זיך אָן דאָס לעבעדיק ווערן.

מיר שטייען געשפּאַנט און לאָזן קיין אויג ניט אראָפּ. אויף דעם טונקעלן פּינטעלע האָט זיך עפּעס אָנגעהייבן צו באַוועגן. מיר זעען, עס באַווייזט זיך א קליין קעפּעלע מיט דינינקע וואָנצעלאך. די וואָנצעלאך באַוועגן זיך. נאָכדעם באַווייזט זיך א פיסעלע, נאָך א פיסעלע, די פיסעלאך שפּאַרן זיך אָן און שלעפּן דאָס איבעריק

קערפערל ארויס. עס פאלט ארויס א גאנץ נאס באשעפענישל. אז עס האָט זיך אביסעלע אָפגעטריקנט און עס האָט די פליגעלאך צורעכט געמאכט, האָב איך באמערקט אז דאָס איז א שיין, ווייס שמעטערלינקל.

די צוויי ווייסינקע פליגעלאך זיינען באשפרינקלט מיט קליינינקע טונקעלע פינטלאך, עס האָט זעקס פיסעלאך, פיר וואָנצעלאך, צוויי שיינע קאָלירטע אייגעלאך. עס האָט זיך אויפגעהויבן, די פליגעלאך צעשפרייט און צוגעפלויגן צום פענסטער, וואו עס האָט דערפילט די זון.

ניט לאנג לעבט אזא שמעטערלינק אָדער ווי מע רופט עס דאָ זומערפויגעלע. אין גאנצן צוויי אָדער דריי טעג. זיי פליען ארום די בלומען, זיי שפילן זיך אינײנעם אין גלאנץ פון די זונענשטראלן, זיי לייגן אָן א סך אייעלאך און גייען אוועק אין אייביקער רו. פון די אייעלאך ווייסט איר שוין וואָס עס ווערט ווייטער.

די פאבריקאנטן קלייבן צונויף די אלע קניילכלאך, פון וועלכע די זומערפייגעלאך זיינען ארויס, און שפינען פון זיי זייד פון וואָס מע מאכט קליידער, העמדער, שניפסן און אנדערע טייערע זאכן.

הינטער דער פאַרשלאָסענער טיר *

(פערסיאַניש מעשהלע)

אַמאָל, אַמאָל, אין די צייטן פון מלך דריוש (דאַריאַוועש), מלך פון פרס, האָט געלעבט אַ מאַן מיטן נאָמען טיראַש, אַ מאַן פון אַ יאָר 60 מיט אַ זייער בכבודיקן אויסזען. ער איז געווען איי־נער פון די שרים, וואָס געפינען זיך אין אַ קעניגס הויף. דער מלך האָט אים זייער ליב געהאַט פאַר זיין אָפענעם כאַראַקטער און שאַר־פן פאַרשטאַנד. טיראַש איז דערפאַר געווען דריוש'ס נאָענטסטער בעל יועץ. ער איז געווען דער איינציקער, וועמען דער מלך האָט זיך אינגאַנצן אָנפאַרטרויט און האָט פון אים קיין זאַך ניט פאַר־באָרגן. די אַנדערע שרים און הויפּלייט האָבן געטראָגן אין האַרצן אַ שטאַרקע קנאה צו טיראַשן און האָבן געזוכט מיט אַלע מיטלען ווי אַזוי אים צו פאַרנמאַסן אין די אויגן פונם מלך. צו זייער גרויסן פאַרדראָס האָבן זיי אָבער אין טיראַשן קיין פעלער ניט געקאָנט גע־פינען. און אַפילו זיי איז געלונגען עפּעס אַ רכילות'ל צו צוטראָגן צום מלך, האָבן זיי געכאַפּט פון אים אַ מיאוסן אָפּשניט.

זייער פאַרדראָס איז נאָך גרעסער געווען דערמיט, וואָס טי־ראַש איז בכלל געווען פאַר זיי עפּעס אַ סוד. יעדער איינער פון זיי ווייסט דעם צווייטנס יחוס, יעדנס אָפּשטאַמונג, מיט וואָס יע־דער פון זיי גרויסט זיך. און די אָפּשטאַמונג פון טיראַשן איז פון זיי אינגאַנצן פאַרבאָרגן. זיי ווייסן נאָר אַז ער איז נאָך געווען דער נאָענטער בעל יועץ פון קעניגס זעליגן פאָטער, וועלכער האָט אים איבערגעגעבן בירושה צום זון. ווען טיראַש פלעגט זיך צו־זאַמענטרעפן מיט די אַנדערע שרים, פלעגט ער רעדן פון וואָס איר ווילט נאָר, אָבער פון זיך האָט ער אינגאַנצן געשוויגן, בעת די אַנדערע פלעגן ניט אויפהערן צו דערציילן נסים ונפלאות פון זיך

---

*) מיט פילע יאָרן צוריק האָב איך דאָס געהערט דערציילן פון מיין פאָטער, דערמאָנענדיק דעם נאָמען „דריוש". שפּעטער האָב איך די מעשה באַגעגנט אין פאַרשידענע וואַריאַנטן אין דייטשישע ווי אויך אין רוסישע כרעסטאָמאַטיעס. איך דערצייל עס דאָ לויט איך האָב עס געהערט פון מיין פאָטער.

און זייערע עלטערן.

די קנאה, ווייסט איר דאָך, שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר קיינע מיטלען. זי האַלט אין איין זוכן און פאָרשן. און אַז מען זוכט, געפינט מען אפילו שוואַרצע פלעקן אין דער ליכטיקער זון... זיי, די האַרן, האָבן אויך אַזוי לאַנג געזוכט ביז זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אין אַ זאַך וואָס האָט זיי אי געוואונדערט אי געפרייט. זיי האָבן געדענקט, אַז דאָ האָבן זיי טיראַש געכאַפּט אין אַ גוואַלדיקן פאַרברעכן, וואָס ווען דער מלך וועט זיך דערפון דערוויסן, וועט דער פאַרהאַסטער טיראַש געוויס באַשטראָפט ווערן און אפשר פאַרלירן זיין הויכן אַמט.

אין אַ ווייטן פאַרבאָרגענעם ווינקל פון טיראַשעס הויף געפינט זיך אַ קליין שטיבל פאַרוואָקסן פון אַלע זייטן מיט געדיכטע פאַרפּלאָנטערטע פלאַנצן, שטאַרק פאַרריגלט מיט אַן אייזערנער טיר. יעדן טאָג, אין אַ באַשטימטער שטונדע, קומט טיראַש דורך אַ זייטיקן באַהאַלטענעם וועג צו צו דער פאַרשלאָסענער טיר. ער קוקט זיך אַרום צו קיינער באַמערקט ניט, ער שליסט פאָרזיכטיק אויף די טיר, שלייכט זיך אַריין ווי אַ שאָטן און נאָך צוויי אָדער מערערע שטונדן, גנבעט ער זיך שטילערהייט אַרויס פון דאָרט און פאַרשווינדט דורך די פאַרפּלאָנטערטע אַלעען פון זיין געדיכט באַוואָקסענעם גאָרטן.

די האַרן האָבן זיך זייער דערפרייט מיטן באַריכט פון די שפּיאָנען און אין קורצן האָבן זיי זיך איבערצייגט אין דער ווירקליכקייט פון דעם באַריכט. „יאָ — האָבן זיי געזאָגט — דער ערלאַכער און פרומער טיראַש טוט פאַרבאָרגענערהייט זאַכן, באַהאַלטן פון מענטשן. סודות! „ווי אַ סוד איז אַ גנב". מען מוז דאָס איבערגעבן צום מלך.

זיי האָבן לאַנג ניט געוואַרט. באַלד אויפן צווייטן טאָג האָבן זיי צוגעטראָגן צום מלך אַ מעשה פון אַ פאַרשלאָסענער טיר, וואָהין זיין בעל יועץ, טיראַש שלייכט אַריין יעדן טאָג אין אַ באַשטימטער שטונדע, — ער טראָגט מסתם אַריין אָנגעגנבעטע קייזערלאַ־

כע זאַכן, אָדער ער טוט דאָרטן אַנדערע אומווירדיקע זאַכן און אַזוי ו. א. ז. וו...

צווערשט האָט דער מלך זיך אויסגעלאַכט פון דער נאַרישער מעשה, און האָט זיך נאָך אויסגעבייזערט אויף זיי. די נאָענטע האַרן זיינע האָבן אָבער אים ניט אָפּגעלאָזט און האָבן אים אַזוי לאַנג געפּיקט אין קאָפּ אַריין פון דער פאַרשלאָסענער טיר, ביז ער האָט באַשלאָסן זיך אַליין איבערצייגן אין דעם. און ווי דערשטוינט און פאַרוואונדערט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט געזען אַז זיינע האַרן האָבן אים ניט אָפּגענאַרט. ער זעט פאַר זיך אַ פעסט געבויט שטיבל, האַרט ביים פּאַרקן פון טיראַשעס הויף. עס זעט זיך קוים אַרויס פון די געדיכטע ביימער, וועמעס צווייגן מיט בלעטער און פלאַנטערן זיך איינס אין אַנדערן און אַזוי אַרום דעקן זיי צו דאָס גאַנצע הייזל. אַ שווערע אייזערנע טיר, שטאַרק פאַרריגלט האַלט צוגעשלאָסן דאָס סודות׳דיקע הייזל.

דער מלך ווערט נייגעריק. דאַכט זיך טיראַש פאַרבאַהאַלט פון אים גאָרניט; פאַרוואָס ווייסט ער ניט פון דער דאָזיקער הייזקע? דער מלך באַפוילט גלייך ברענגען טיראַשן. טיראַש קומט. ער זעט מען שטייט דאָ אַרום זיין שטיבל און ווערט בלאַס פאַר שרעק. די האַרן באַמערקן דאָס און פרייען זיך. דער מלך קוקט פאַרוואונדערט אויף טיראַשן און הייסט אים עפענען די טיר. טיראַש גיט זיך אַ וואָרף אויף די קני פאַרן מלך און מיט אַ פאַר־צווייפלטער שטימע בעט ער אים ער זאָל אים ניט צווינגען צו עפע־נען די טיר. ער וועט טאָן אַלעס אין דער וועלט, וואָס דער מלך וועט אים באַפעלן, אָבער ניט עפענען די טיר. דער קעניג ווערט אין כעס און הייבט שוין אָן טאַקע אין דער אמתן אים חושד צו זיין אין אומאָרנטלאַכע מעשים און באַפעלט זיינע מענטשן אויפצו־ברעכן די טיר.

ווי דערשטוינט און פאַרוואונדערט איז דער מלך מיט זיינע שרים געוואָרן, ווען זיי האָבן פאַר זיך דערזען אַ גרוים ליידיק צי־מער, אינמיטן — אַ פשוטער הילצערנער טיש, פאַרן טיש אַ לאַנגע

באנק, אויפן טיש א פּאסטוך טאָרבע מיט א פּאסטוך פּייפל. א גרויס פענסטער פארמאָגט דאָס צימער, וואָס קוקט צו די בערג און פעלדער. אויף איינע פון די ווענט הייננט א האנט געמאָלן בילד פון א יונגער פרוי א פויערטע און ניט מער.

דער קעניג קוקט פארוואונדערט, די הארן שטייען דערשראָקן, טיראש שטייט אין א ווינקל א דערשלאָגענער און א פארשעמטער.

דער קעניג האָט דער ערשטער געבראָכן דאס שווערע שטיל שווייגן און געפרעגט זיין בעל יועץ, וואָס דאָס באַטייט? טיראש גיט א פאל פארן קעניג און דערקלערט זיך שולדיק דערמיט, וואָס ער האָט פארבאָרגן פון אים א לאנגע צייט א סוד. ער וועט דאָס איצט דערקלערן און זאל דער מלך מיט אים טאָן וואָס ער פאר־שטייט.

דער מלך הייסט אים אויפשטיין און אים דערציילן וואָס דאָס מיינט.

טיראש הייבט אָן צו דערציילן:

מיט א פערציק יאָר צוריק בין איך א יונגער פּאסטוך געווען, א פּשוטער פּאסטוך. טאָג איין טאָג אויס פלעג איך פּאשען מיינע שאָף אויף די גרינע בערג, אויף די ברייטע פעלדער און בין גע־ווען גליקלאך. אָפּט פלעג איך זיצן און שפּילן אויף מיין פּאסטוך פייפל, מיינע שעפּעלאך פלעגן רואיק ליגן ארום מיר און אויפ־מערקזאם זיך צוהערן צו מיין שפּילן; . מיין ליבע אַבאַספּער פלעגט צוקומען, זיך אַנידערזעצן לעבן מיר, מיט איר קלינגענדיקער זיסער שטימע אונטערהאַלטן מיין פּאסטוך פייפל און דעמאָלט איז קיין גליקלאכער פון מיר ניט געווען. אויף ביינאַכט פלעגן מיר פּאַס־טוכער, צונויפטרייבן אונזערע טשערעדעס אויף איין פלאץ, און ארום פלאַקערדיקע פייערן צוזאַמען זינגען, טאַנצן אין קאראהאָד, זיך דערציילן סודות'דיק פארכאַפּטע מעשה'לאך און אזוי איינ־שלאָפן מיט זיסע חלומות. אָט דאָס איז געווען מיין לעבן אַמאָל, אין וועלכן איך האָב מיך געפילט גליקלאך און צופרידן.

איינמאָל אין א זומערדיקן פארנאַכט ווען די זון האָט אָנגע־

הייבן ארונטערשווימען צו די מערב בערג, בין איך אזוי געזעסן אויף אַ גרינעם בערגל און געשפילט אויף מיין פייפל. די שעפּע־לאַך האָבן ארום מיר גערוט. איך צעלאָז זיך אויף מיין פייפל אין פארשידענע געזאַנגען און וואַרט אויף מיין שיינער אַכאַספּער, אָבער זי קומט ניט. שפּילנדיק אזוי, דערהער איך עפּעס א שאַרשן הינטער מיר אין די קוסטעס. דאָס מוז אודאי זיין אכאַספּער, טראַכט איך. איך מאַך זיך ניט וויסנדיק און שפּיל ווייטער, שטאַר־קער — זי קומט ניט צו. איך פארשטיי, זי וויל מיך איבערראשן, זאָל זי. איך קוק מיך ניט אום. איך הער ווידער הינטער מיר א שאַרשקען פון בלעטער. יא, דאָס איז זי, איך פיל שוין כמעט איר אָטעם. איך טראַכט: אָט באַלד כאַפּט זי מיך ארום. איך שפּיל שטאַרקער, הייסער. איך פיל ווי מיין פייפל וואַרפט טרעלן ווי די נאַכטיגאַל. איך האָב נאָך קיינמאָל אזוי שיין ניט געשפילט, דאָס האָב איך פאַר איר, פאַר מיין ליבער אכאַספּער געשפילט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז זי צעשפּרייט שוין אירע הענט און באַלד דערפיל איך די זיסע וואַרעמקייט פון איר אומאַרמונג. איך שפּיל ווייטער, איך בין שוין מיד. וואָס פאַרטראַכט זי דאָרטן הינטער מיר? איך ווער שוין אין כעס און שטעל זיך אויף און גיב זיך האַסטיק אַ קער אום. — אה! וואָס איז דאָס? ניט מיין אכאַס־פּער איז פאַר מיר געשטאַנען, נאָר עפּעס אַ רייבער, אין גאַלד אויס־געפּוצטער מאַן. פאַר שרעק איז דאָס פייפל פון מיינע הענט ארויס־געפאַלן און מיינע אויגן האָבן שטאַר געקוקט אויפן פרעמדן מאַן אין וועלכן איך האָב באַלד דערקענט דעם קייסער — דיין זעליקן פאָטער. מיינע פיס האָבן זיך ביי מיר אונטערגעהאַקט און האָב געהאַלטן ביים אומפאַלן. דער מאַן האָט מיך ביי דער האַנט אָנ־גענומען, און גערעדט צו מיר ווייכע ווערטער: איך שטיי שוין דאָ ארום אַ האַלבע שעה און מיט באַגייסטערונג הער איך מיר צו צו דיין געטלאַך שפּילן. נאָך קיינמאָל האָב איך אַזאַ האַרציק שפּילן ניט געהערט און האָב באַשלאָסן דיך צו נעמען צו זיך אין קייזערלאַכן הויף. קום מיט מיר. דו וועסט גליקלאַך זיין.

אין אָנפאנג בין איך געווען ווי פאַרשטיינערט און ניט באַגריפן וואָס דיין זעליקער פאָטער דער קעניג וויל פון מיר, אָבער ווען איך בין אַביסל געקומען צו זיך און אָנגעהייבן צו פארשטיין וואָס דאָ קומט פאָר, בין איך געפאלן פארן קייסערס פיס און זיך געבעטן מיך ניט צונעמען פון מיינע שעפעלאך, פון מיין אכאספער און פון מיינע חברים די פאַסטוכער. עס האָט ניט געהאָלפן מיין בעטן, מיין וויינען. די דינער פון דיין פאָטער האָבן מיך אָנגעכאַפט און געשלעפט. איך האָב מיך געראנגלט, געשלאָגן, און פלוצלונג דערהער איך אַ שרעקלאכן פארצווייפלונגס געשריי. דאָס איז געווען מיין אכאספער, וועלכע איז אָנגעקומען אויף דער סצענע. איך האָב מיך מיט אלע מיינע קרעפטן אַ ריס געטאָן צו איר, איך האָב אָבער פון עפעס געכאפט אַ שטאַרקן קלאַפ אין קאָפ און בין, זעט אויס, אומגעפאלן אַ פאר'חלשטער. וואָס עס איז ווייטער מיט מיר געווען ווייס איך ניט. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפט, האָב איך זיך געפונען אין אַ רייך צימער, ארום מיר זיינען געשטאַנען פרעמדע מענטשן, זעט אויס דאָקטוירים. דיין זעליקער פאָטער איז אויך באַלד אריינגעקומען. מיר גענומען מיין האַנט, געגלעט מיינע האָר און צו מיר גערעדט צאַרטע ווייכע ווערטער. צום ערשטן בין איך געווען ווי אין אַ הינהער פלעט און ניט פאַרשטאַנען וואָס ארום מיר טוט זיך. אָבער ווען דער פארשטאַנד האָט זיך צו מיר אומגעקערט, און עס איז פאר מיר לעבעדיק געוואָרן דאס גאנצע געשעענע, האָב איך ווידער אָנגעהייבן צו וויינען און בעטן מען זאָל מיך אָפלאָזן צוריק צו מיינע שעפעלאך, צו מיין אכאספער. איך האָב אָבער באַלד פארשטאַנען אַז עס וועט מיר גאר ניט העלפן. ס'האָט אויך אויף מיר שטארק געווירקט דיין זעליגן פאָטערס צערטלאכקייטן, וואָס ער האָט צו מיר ארויסגעוויזן. און האָב זיך איבערגעגעבן דעם שיקזאַל.

איך בין איינגיכן געזונט געוואָרן. דיין זעליגער פאָטער האָט צו מיר אָנגעשטעלט די בעסטע לערער, וועלכע האָבן מיר געלערנט שפראכן און אַנדערע וויסנשאפטן. איך האָב שנעל אָנגעהייבן

לייענען ביכער, וועלכע האָבן מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט. פאַרשידענע וויסנשאַפטן האָבן געעפנט מיינע אויגן. איך האָב ביסלאַכווייז זיך אָנגעהייבן צוגעוואוינען צום נייעם רייכן לעבן, וועלכעס האָט ביסלאַכווייז אָנגעהייבן אויסצומעקן פון מיין זכרון מיין פריערדיקן איינפאַכן לעבן.

דיין זעליקער פאָטער איז שטענדיק געווען זייער גוט צו מיר און האָט אָנגעהייבן איבערצוגעבן אין מיינע הענט פאַרשידענע פאַראַנטוואָרטלאַכע אַרבעטן. איך האָב זייער שנעל געשטיגן פון אַמט צו אַמט, ביז איך בין געוואָרן דיין פאָטערס פאַרטרויללאַכסטער בעל יועץ. אַלץ אַזעלכן האָט ער מיך איבערגעגעבן בירושה צו דיר, גנעדיקער קעניג.

פון צייט צו צייט פלעגט אַמאָל אַרויפפאַלן אויף מיר אַ מרה שחורה און אַ שטאַרקע בייגקעניש פלעגט אָנהייבן נאָגן מיין האַרץ. איך האָב פיל מאָל געוואָלט פאַלן צום קייסערס פיס און בעטן מיך אַרויסלאָזן פון קייזערלאַכן הויף, מיך באַפרייען. איך האָב אפילו — איך מוז מיך מודה זיין — אַמאָל געפּלאַנט צו אַנטלויפן, אָבער דאָס נייע לעבן האָט מיך אַזוי פעסט אַריינגעכאַפּט אין די לאַפּעס אַז איך האָב שטענדיק זיך געפילט אוממעכטיק און מוטלאָז עפּעס צו טאָן. אַזוי איז מיין לעבן געפלאָסן אין זיין געוויינטלאַכן גאַנג גלייך מיט אַלעם איבעריקע. איך בין געוואָרן אַ קליינער טייל פון דער גאַנצער הויף־מאַשין.

דאָ ניט לאַנג האָב איך עפּעס געזוכט אין מיין קופערט. פּלוצלונג האָבן מיינע הענט אָנגעטאַפּט מיין פּאַסטוך טאָרבע פון אַמאָל. ס'האָט מיר געגעבן אַ ברי ווי מיט הייסע קוילן. מיין האַרץ האָט אָנגעהייבן שטאַרק צו קלאַפּן און פאַר מיינע אויגן האָט זיך ווי אַ הייטל פאַרצויגן. איך האָב די טאָרבע אַ דריק געטאָן צו מיין האַרצן און אַ שרעקלאַך נאָגעניש האָט מיך אָנגעהייבן שטאַרק צו מאַטערן. אין מיין זכרון האָט ווידער אויפגעלעבט די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט און עס האָט מיך ווידער אַ צי געטאָן צו די בערג און פעלדער. איך בין פאַר בענקעניש ערנסט קראַנק געוואָרן. פאַר די

דאָקטוירים בין איך געווען אַ רעטעניש, זיי האָבן אויף קיין פאַל ניט געקענט פעסטשטעלן מיין קראַנקייט. איך, נאָר איך אַליין האָב געוואוסט וואָס מיר איז. איך האָב פאַר קיינעם ניט געקאָנט מיין האַרץ אויסגיסן. אַליין, איינער אַליין האָב איך זיך געשטיקט אין מיין עלנד. ליגנדיק קראַנק, איז דעמאָלט ביי מיר רייף געוואָרן דער געדאַנק צו בויען דאָס שטיבל. און ווי איך האָב דאָס באַשלאָסן בין איך גלייך געזונט געוואָרן.

און אָט וואָס איך האָב געטאָן: אין עק פון מיין גאָרטן, ביים סאַמע פאַרקן האָב איך זיך אויפגעבויט אָט דאָס סודות'דיקע שטיבל. האָב אַריינגעשטעלט אַ פּראָסטן טיש, אַ באַנק. דאָס פענסטער, ווי איר זעט, קוקט אַרויס צו די פרייע פעלדער און הויכע בערג.

יעדן טאָג אין אַ באַשטימטער שטונדע, גיי איך אַריין אין דעם שטיבל, איך וואַרף אַראָפּ פון זיך די רייכע טייערע קליידער, איך טו אָן מיינע פּאַסטוך קליידער, מיין פּאַסטוך טאָרבע, זעץ זיך אַנידער ביים אָפענעם פענסטער און נעם שפּילן אויף מיין פייפל. באַלד פאַרשווינדט פון מיר דער הויף מיט אַלע הויף־מענטשן. איך געפין זיך ווידער אויפן באַרג, וואו מיינע שעפעלאַך רינגלען מיך אַרום און ס'ווערט מיר אַזוי גוט. אָבער טרויעריק הייבן זיי אויף די מאַרדעלאַך מיט אַ פראַגע: וואו ביסטו פון אונז אוועק? פאַרוואָס האָסטו אונז איבערגעלאָזט אויף הפקר? איך שפּיל ווייטער, באַגייסטערט — און איך געפין זיך צווישן מיינע חברים די פּאַסטוכער, די פייערן ברענען, מיר טאַנצן אין קאַראַהאָד, צו אונז באַהעפטן זיך די וואַלד טעכטער, די וואַסער נימפן, פון יענע פאַרכאַפטע מעשה'לאַך און דרייען זיך צוזאַמען — און פיל זיך אַזוי גליקלאַך — איך לעב ווידער... זיי גיבן אָבער באַלד עפּעס אַ בייזן קוק אויף מיר מיט אַ פראַגע: וואו געפינסטו זיך די גאַנצע צייט? פאַרוואָס ביסטו פון אונז אוועק? מיין פייפל שפּילט האַסטיקער, שטאַרקער, די זון דערנענטערט זיך צו די בערג — און פון דעם רויטן פייערדיקן קוגל, שווימט אַרויס אַ מאָדנע פרויען גע־

שטאַלט, מיט אַן ארעאָל פון גאָלדענע זונען שטראַלן, אירע אויגן צוויי גרויסע זונען, זי קוקט צו מיר — און דרינגט אריין אין מיין גאַנצן גוף, זי באַהעפט זיך מיט מיין נשמה. — איך דערקען מיין אכאספער, און ווארעם און אנגענעם ווערט מיר אויפן האַרצן. אָבער באַלד ווערט איר קוק שטרענג, אירע ליפּן עפענען זיך מיט אַ פראגע: וואָס איז פון דיר געוואָרן, טיראַש? פארוואָס קומסטו ניט צו מיר? איך שפּיל ווייטער, שטאַרקער ביז עס ווערט פינס־טער. איך בייט גלייך איבער מיינע קליידער, איך ווער ווידער אַ האַר, איך פאַררינגל מיין צימער און ווער ווידער גלייך מיט אַלעמען.

אָט דאָס, גרויסער קעניג, איז מיין געשיכטע. און דאָס איז דאס חדרל הינטער דער פארשלאָסענער טיר. איך בעט דיך גרוי־סער קעניג! לאָז מיך אָפּ, באַפריי מיך פון דיין פּאַלאַץ. איך וועל אוועק אין די בערג און אָפּלעבן מיינע לעצטע יאָרן צווישן חברים פון מיין גלייכן, צווישן פּאַסטוכער. איך בעט דיך...

דער קעניג איז געוואָרן שטאַרק גערירט פון טיראַשעס גע־שיכטע און מיט פייכטע אויגן נעמט ער אָן טיראַשעס האַנט מיט די ווערטער: מיין טייערער טיראַש! ביז איצט ביסטו געווען מיין דינער, מיין בעל יועץ, פון היינט און ווייטער בעט איך דיך זאָלסט אויך זיין מיין נאָענטסטער פריינט, מיין פּאַטער. דו ביסט פריי צו גיין וואו דו ווילסט, אָבער איך בעט דיך פארלאָז מיך ניט.

— גרויסער קעניג — שרייט אוים טיראַש — איך בלייב, אָבער איך בעט דיך באַשטראָף ניט די האַרן פאר זייער ווילן מיר שלעכטס טאָן.

רייכקייט און לוקסוס מוז פירן צו קנאה און שנאה.

קינדער מעשהלאך

קעצעלאַך

איך געדענק, ווען איך בין געווען אַ קליין אינגל, איז באַ אונז געווען אַ קאַץ. מיר האָבן זי אלע ליב געהאַט. זי איז מיט אונז אזוי געוואוינט געווען, אַז זי פלעגט אפילו שלאָפן מיט אונז.

איינמאָל אין אן אינדערפרי, איך האָב נאָך די אויגן ניט אויפגעמאַכט, הער איך עפּעס אַ מאָדנע פּיסטשען. איך שפּרינג אראָפּ פון בעט, ערשט איך דערזע 4 קליינע קעצע־לאַך. איך וועק אויף מיין שוועסטערל, מיין קלענער ברו־דערל און אלע פרייען מיר זיך אזוי. אזעלכע שיינינקע, פּי־צינקע חיה׳לאך! מיר זען, ווי די קאַץ באַלעקט זיי און קוקט אויף די קעצעלאך מיט אַזאַ ליבשאַפט. מיר זען, ווי זיי הייבן אָן ביסלאכוויים זויגן מילך פון דער קאַץ. איך קוק און קען מיינע אויגן ניט אָפּרייסן.

עס זיינען אזוי פאַריבער עטלאכע טעג. די קעצעלאך האָבן זיך ארומגערייניקט, אָנגעהייבן צו קוקן מיט זייערע גלאנציקע אויגעלאך און זיינען געוואָרן אזעלכע אינטערע־סאנטע און שיינע. מיר פלעגן זיך ניט קענען זאַט אָנקוקן אויף זיי.

איינמאָל קומט די מומע זעלדע. איך מיט מיין שוועס־טערל לויפן צו צו איר מיט אַזאַ פרייד, מיר דערציילן איר פון אונזער גדולה, מיר טראָגן איר ווייזן די קעצעלאך, אָבער די מומע נעמט אויף אונזער שמחה זייער קאַלט. זי בייזערט זיך נאָך אויף אונז, פארוואָס מיר מיאוסן זיך ניט צו שפּילן זיך מיט אזעלכע ברואימלאך. „אידישע קינדער — זאָגט זי

— טאָרן זיך ניט שפּילן מיט קעץ אָדער הינט. פּע, ס'איז ניט שיין". איך האָב איר ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, אין הארצן האָב איך אָבער געפילט אַז זי איז ניט גערעכט.

מיר זיינען אוועקגעגאנגען אין שול. איך בין דעם גאנצן טאָג געזעסן עפּעס אַן אומעטיקער. דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט, אַז מיט די קעצעלאַך וועט עפּעס פּאַסירן ניט גוטעס. איך קום אַהיים, איך זע שרה, מיין קלענערע שוועסטער און ברודערל גייען ארום מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. איך קוק מיך צו, זיי זיינען פאַרוויינט. עס גיט מיר אַ קלאַפּ דאָס הארץ. איך פרעג שרה'ן, וואָס איז דאָ אזוינס? זי צעכליפּעט זיך און דערציילט מיר אַז די קעצעלאַך זיינען ניטאָ. די מומע האָט זיי געהייסן אוועקטראָגן ערגעץ ווייט, ווייט. עס לויפט דורך די אַלטע קאַץ, און מיאַוקעט אזוי טרויעריק. זי לויפט צו צו אונז, קוקט אונז אין די אויגן גלייך, גלייך ווי זי זאָל פרעגן, אפשר ווייסן מיר וואו די קעצעלאַך זיינען. איך קען ניט אויסהאַלטן. מיין הארץ פאַרקלעמט מיר און איך הייב אָן צו וויינען. איך האָב מיר אָבער באַלד פאַרשעמט. וואָס הייסט עפּעס וויינען. און גיב אַ געשריי צו שרה'ן און משה'ן, „קומט לאָמיר זיי גיין זוכן". גוט — ענטפערן זיי — לאָמיר גיין. און מיר לאָזן זיך אַוועק אין פעלד. די קאַץ לויפט אונז נאָך, אזוי ווי זי וואָלט פאַרשטיין וואו מיר גייען.

מיר לויפן צום וואַלד, צום גרינעם בערגל, צום טייכל; מיר זוכן און זוכן — ניטאָ. און די קאַץ איז אַלץ מיט אונז. גייט און שווייגט. מיר באַמערקן נאָר ווי זי שמעקט אין אַלע זייטן. פּלוצלונג ווערט זי פאַרשוואונדן. מיר רופן זי, ניטאָ קיין ענטפער. מיר ווילן זיך שוין אומקערן צוריק אַהיים, דערהערן מיר ווי די קאַץ מיאַוקעט, אָבער פון גאָר ווייט, קוים וואָס מען הערט. מיר לויפן צו איר. מיט אַמאָל דערזען מיר אַ קאַנאַווע, אינעווייניק איז נאַס; די קאַץ שטייט דאָרט און מיאַוקעט. באַלד דערהערן מיר אויך עפּעס

אַ פּיסטשען. די קעצעלאך זיינען אויך דאָרט. מיר שלעפּן זיי ארויס, אָבער איינס איז שוין געווען טויט. די קאַץ האָט ארומגעוואשן, ארומגעלעקט די דריי קעצעלאך, מיר האָבן זיי גענומען אין פאָלע און צוריק געבראַכט אַהיים.

די קאַץ האָט אזוי פריילאך, מיט פייערדיקע אויגן אויף אונז געקוקט, ווי זי וואָלט אונז עפּעס געוואָלט זאָגן. מיר האָבן זי גוט פאַרשטאַנען. מיר האָבן אין אַ ווינקל אויסגע־בעט אַ געלעגער, אַנידערגעלעגט די קעצעלאך און די קאַץ האָט זיי טאַקע באַלד געגעבן זויגן.

די מאַמע האָט אונז דערזען, האָט זי זיך צוערשט אויף אונז געבייזערט, וואָס מיר זיינען פאַרפאַלן געוואָרן, מיר האָבן נאָך גאָר ניט געגעסן. זי האָט אונז אויך געזידלט, פאַרוואָס מיר האָבן די קעצעלאך צוריק געבראַכט. ווען זי האָט אָבער דערזען ווי די קאַץ פרייט זיך איבער אירע קינ־דערלאך, איז זי ווייכער געוואָרן און האָט אונז צוגעזאָגט, אַז מער וועט זי זיי ניט לאָזן אוועקטראָגן.

דאָס טשיקאַווע אינגל

מרדכי טארנאוו האָט געקראָגן אַ שטעלע פון אַ וועכ־טער אויף אַ באַן־סטאַנציע. טאָג איין טאָג אויס שטייט ער לעבן זיין בודקע און וואַרט: באַקומט ער אַ סיגנאַל, אַז אַזאַ און אַזאַ באַן קומט אָן, לויפט ער באַלד צום שייד־פונקט פון די רעלסן, כאַפּט אָן מיט זיין גאַנצער קראַפט אן אייזערנעם הענטל, קירעוועט אָפּ דעם שאַרף־שפּיציקן רעלס און האַלט עס אזוי לאַנג ביז די באַן גייט אריבער. דאָס איז זייער אַ פאַראַנטוואָרטלאכע ארבעט. זאָל ער איינמאָל פאַרפעלן עס צו טאָן, קאָן די באַן זיך צוזאַמענשטויסן מיט אַן אַנדער באַן אָדער אינגאַנצן ארונטער פון די רעלסן, און עס קאָנען

זיין הונדערטער קרבנות. מרדכי ווייסט דאס און איז זייער פינקטלאך אין זיין ארבעט. שוין זעקס מאָנאַטן אַז ער געפינט זיך דאָ און האָט נאָך זיין פאַמיליע ניט מיט זיך. ער בייַנקט נאָך איר, אָבער ער איז נאָך ניט ביכולת זי אַהער אַראָפּצונעמען.

איינמאָל אין אַ יום־טוב־טאָג איז צו אים געקומען צוגאַסט זיין עלטערער אינגל פון אַ יאָר צוועלף. מרדכי האָט זיך זייער דערפרייט און האָט גאַנצע טעג מיט אים פאַרבראַכט. ער פלעגט מיט אים זיצן און דערציילן אים טשיקאַווע באַן־מעשהלאך; ווי אַזוי דאָרט און דאָרט האָט די באַן איבערגעפאָרן אַ מענטשן אויף טויט; דאָרט האָט זיך איינער אימיסטן אַרונטערגעוואָרפן אונטער דער באַן און איז אויפן שטעל דער׳הרג׳עט געוואָרן, אין אַן אַנדער אָרט האָט מען געכאַפּט „טרעמפּס״ פאָרנדיק אונטער די וואַגאָנעס פאַרשטעקט אויף די אייזערנע שטאַנגען, אָדער גאָר אויפן דאַך. דער אינגל פלעגט עס מיט פאַרכאַפּטן אָטעם אויסהערן און אַלץ בעטן דעם פאָטער ער זאָל אים דערציילן נאָך.

איינמאָל האָט אים זיין פאָטער דערציילט אַ מעשהלע, ווי אַזוי אַ דריי סטאַנציעס ווייט פון אים האָט די באַן איבערגעפאָרן אַ מענטשן, פערציק וואַגאָנעס זיינען איבער אים איבערגעגאַנגען און ער איז געבליבן לעבן, ווייל ווען דער מענטש האָט דערפילט, אַז ער קאָן זיך שוין ניט ראַטעווען, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און איז אַזוי געלעגן ביז די גאַנצע באַן איז אַריבערגעגאַנגען.

דער אינגל האָט געפרעגט דעם פאָטער צו איז ניטאָ אַזעלכעס אונטער דער באַן וואָס קאָן פאַרטשעפּען, ווען מע ליגט אונטן.

— יאָ, ס׳איז דאָ — האָט אים געענטפערט דער פאָטער — עס שלעפּן זיך אָפט נאָך קייטן, האַטשעקעס און אַנדערע

זאַכן, דאָס אַלץ איז אָבער נאָר אין דער מיטן. בײַ די זײַטן קאָן אַ מענטש ליגן רואיק און ניט געשעדיקט ווערן.

עס זײַנען נאָך איײניקע טעג פאַריבער, באַריא לױפט צװישן די באַנען. קוקט אַרײַן, קוקט אַרונטער און עס איז אים זײער אינטערעסאַנט. דער פאָטער איז צופרידן, װאָס זײַן באַריא לאַנגװײַליקט זיך ניט.

אײנמאָל אין אַ נאָכמיטיק קריגט מרדכי אַ סיגנאַל, אַז אַ באַן קומט אָן. ער לױפט װי געװײנטלאַך באַלד צו צום הענטל, ער האַלט דאָס אײַזערנע הענטל מיט זײַנע בײדע הענט און זײַנע אױגן זײַנען אָנגעשטרענגט צו דער זײַט פון װאַנען די באַן דאַרף אָנקומען. פּלוצלונג דערזעט ער אַ זאַך, װאָס האָט געמאַכט פאַרגליװערן זײַנע בלוטן. אױף דער פערטער ליניע רעלסן, װאוהין אַ באַן דאַרף אָנקומען פון דער צװײטער זײַט, שטײט אימיצער. ער קוקט זיך צו, ערשט דאָס איז זײַן אינגל. ער שרײַט צו אים, דער אינגל הערט ניט, שטײט גלײַך און קוקט זיך אפילו ניט אום. עס הערט זיך װי די באַן קומט אָן, נאָך פינף מינוט און זײַן אײן־און־אײנציקער זון װעט ליגן צעריבן אױף שטיקער. אײן עצה איז דאָ, אָפּלאָזן דאָס הענטל און צולױפן צו זײַן זון, אָבער דאַן קאָן פאַרקומען אַ צוזאַמענשטױס, עס הערט זיך שױן װי די באַן קומט אָן. ער שרײַט מיט זײַן גאַנצן כח, דער אינגל רירט זיך ניט פון אָרט. דעם טאַטנס האַרץ װערט צעריסן אױף שטיקער פאַר שרעק. װאָס זאָל ער דאָ טאָן? ראַטעװען זײַן זון, אָדער היטן זײַן באַן? ער באַשליסט צו טאָן זײַן פליכט אַלס װעכטער. די באַנען רױשן, עס קלאַפּן די רעדער, עס פּאָפּט די פּאַרע, עס װײַזט זיך אים אױס, װי ער הערט זײַן אינגלס געשרײ... די באַנען לױפן האַסטיק איבער, אײנע רעכטס, אײנע לינקס. דער פאָטער לאָזט שנעל אָפּ דאָס הענטל און לױפט אָן אַ נשמה צום אָרט, װאו זײַן זון איז געװען. ער האָט ניט געגלױבט אים געפינען אַ לעבעדיקן, אָבער צו זײַן

איבעראַשונג דערזעט ער זיין אינגל אים לויפן אַנטקעגן מיט אַן אויסגעשריי:

„טאַטע, ס'איז מוראדיק צו ליגן אונטער דער באַן, ס'איז אָבער אינטערעסאַנט!"

דער פּאַטער שטאַרצט אויס אַ פּאָר אויגן און פאַרשטייט ניט, וואָס דער אינגל זאָגט. ער קאָן ניט קומען צו זיך פון פריערדיקן שרעק. ער כאַפּט ארום דעם אינגל און ברעכט אויס אין אַ געוויין.

— „וואָס וויינסטו, טאַטע? — פרעגט דער אינגל מיט שרעק — וואָס איז געשען?" דער פּאַטער קומט אַביסל צו זיך און שטאַמלט: וואו, וואו... ביסטו געווען? געלעגן אונטער דער באַן, — ווי קומסטו אַהינצו!"

„איך האָב עס אומיסטן געטאָן, פּאַפּאַ. די לעצטע עט־לאַכע טעג האָב איך זיך גוט צוגעקוקט, ווי אזוי די באַנען זיינען פון אונטן געבויט, האָב איך אויסגעפונען, אַז יעדער קאָן אויספּירן צו ליגן אונטער דער באַן און ניט ווערן גע־שעדיקט, אזוי ווי דו האָסט מיר דערציילט פון יענעם מאַן. ווען איך האָב געפילט, אַז דער לאָקאָמאָטיוו איז נאָענט הינ־טער מיר, האָב איך מיך געגעבן אַ צי אויס האַרט צו דער ערד, מיטן פּנים אַראָפּ. איך האָב פריער אין די אויערן אריינגעלייגט וואַטע, איך זאָל ניט הערן דאָס קלאַפּן. ווען דער לאָקאָמאָטיוו איז געווען איבער מיר, האָב איך דער־שפּירט אַ שטאַרקע היץ, ס'איז אויך עפּעס נאַסעס גערונען איבער מיר. די וואַגאָנעס האָבן שרעקלאך געקלאַפּט און מיט מיר געטרייסלט, גלייך ווי די ערד וואָלט געציטערט. עפּעס האָט יאָ מיך אַביסל אָנגערירט, אָבער ניט שטאַרק. אזוי בין איך געלעגן די גאַנצע צייט ביז די גאַנצע באַן איז פאַראיבער. איך האָב אפילו געציילט די וואַגאָנעס, וואַ־רום עס איז אלע מאָל ליכטיקער און פינסטערער געוואָרן. זיי זיינען געווען דריי־און־פערציק. אָבער, פּאַפּאַ, מער וואָלט

איך עס פאר קיין זאַך אין דער וועלט ניט געטאָן. עס איז שרעקלאַך".

פערעלע זיבניערעלע

(פריי פון רוסיש)

פערעלע איז געווען אַ קיילאַכדיק יתומהלע. ניט גע־האַט נישט קיין טאַטן, נישט קיין מאַמען.

אין אַ קליין שטיבעלע האָט זי מיט איר באָבושע גע־וואוינט. לעבן שטיבעלע איז געווען אַ גערטנדל, וואו פע־רעלע מיט איר באָבושע האָבן פאַרזעצט קאַרטאָפּלעלאַך, בוריקלאַך, קרויטעלאַך מיט מערעלאַך און אויך אַנדערע גע־שמאַקע און שמעקנדיקע גרינוואַרג.

עס איז פונדערוויטנס געשטאַנען אַ שטאַלכל, וואו עס איז געווען אַ שיין גוט קיעלע. דאָס קיעלע האָט פערעלן מיט באָבושן געגעבן מילך. די מילך האָבן זיי אליין געטרונ־קען, אביסעלע פאַרקויפט און געמאַכט פערעלן שיכעלאַך און אַ קליידעלע.

זיבן יאָר איז פערעלע אַלט געווען, ווען זי איז געוואָרן אַ יתומהלע. דאָס גאַנצע דערפל האָט דאָס באַדויערט. פע־רעלע איז זייער אַ קלוגינקע געווען און אלע האָבן זיי זייער ליב געהאַט. מ'האָט זי דערפאר גערופן פערעלע זיבניע־רעלע.

באָבושע האָט פערעלען געלערנט לייענען, שרייבן, זי פלעגט איר דערציילן שיינע מעשהלאך און פערעלע האָט זיי אלע אזוי גוט געדיינקט, ווען זי פלעגט זיך מיט אַנדערע קינדערלאַך פון דאָרף צונויפקומען, האָט זי זיי די מעשהלאַך אזוי שיין דערציילט, אַז די קינדערלאַך פלעגן אַהיימגיין ווי פאַרחלומטע.

האָט זיך באַ פּערעלע זיבניערעלע געטראָפן אַן אומגליק, אוי, אַ גרויסער אומגליק: דאָס קיעלע איז פאַרלוירן גע־גאַנגען.

צי האָט עס אין וואַלד אַ וואָלף אויפגעגעסן, צי מ׳האָט עס גאָר צוגעגנבעט — דאָס קיעלע איז ניטאָ און פּערעלע האָט ניט קיין מילך און ניט פאַרוואָס אַ קליידעלע און שיכע־לאַך צו קויפן.

זיצט פּערעלע מיט באָבושען און טראַכטן וואָס זאָלן זיי טון.

טרייסט פּערעלע באָבושען און זאָגט: זאָרג ניט, באָ־בושע, לאָמיר צונויפנעמען פון אונדזער גערטנדל אַלע קאַר־טאָפּעלאַך, בוריקלאַך, און מערעלאַך, מירן בעטן אַ שכן ער זאָל זיי אין שטאָט אַוועקפירן צו פאַרקויפן און פאַר דעם געלט וועלן מיר אַ קיעלע קויפן.

גלעט באָבושע פּערעלעס קעפּעלע און זאָגט: ניין, מיין ליבע טייערע פּערעלע, מירן פאַר דעם געלט ניט קאָנען קויפן קיין קיעלע, און וועלכער שכן וועט עס אונדז די גרינסן אין שטאָט פירן? יעדער האָט פאַר זיך אליין גענוג צו פירן.

לאָזט ניט אָפּ פּערעלע, ווישט מיט איר קליין הענטעלע דער באָבושעס טרערן און זאָגט: וויין ניט באָבושע, איכ׳ל אליין גיין בעטן אונזער שכן מיכל. ער איז זייער אַ גוטער. ער וועט עס אונז טאָן.

וויל שוין פּערעלע גיין, האַלט איר אָפּ באָבושע און זאָגט: ניין, טייערינקע, מירן ביידע גיין, ביידע וועלן מיר אים בעטן.

גייען באָבושע מיט פּערעלען צום שכן מיכל און בעטן אים ער זאָל זיי טאָן די טובה און מיטנעמען די גרינוואַרג פון זייער גאָרטנדל אין שטאָט אריין פאַרקויפן, ווייל זיי דאַרפן אַ קיעלע האָבן.

זאָגט פויער מיכל: עס טוט מיר זייער לייד. איך פאָר

טאָקע אין שטאָט אריין, איך מוז אָבער אַנדערע זאַכן פאַר־זאָרגן און וועל ניט קאָנען שטיין פאַרקויפן די גרינוואַרג.

נעמט מיך מיט, גוטער מיכל, שרייט אוים פערעלע. איר וועט זיך גיין אייערע זאַכן טאָן און איכ׳ל שטיין לעבן וואָגן און די גרינוואַרג פאַרקויפן.

אויב אַזוי איז גוט — ענטפערט פויער מיכל. גייט מאַכט אַלעם גרייט און מאָרגן מיטן טאָג פאָרן מיר.

קוקט אומעטיק באָבושע, פערעלע פאָרט אין שטאָט אריין און ווער ווייס וואָס עס קאָן זיך מיט איר מאַכן.

דערזעט דאָס פויער מיכל, טרייסט ער באָבושע און פאַר־זיכערט איר, ניט צולאָזן קיין בייז צו פערעלען.

גייען פערעלע מיט באָבושע און ארבעטן אַ גאַנצן טאָג אין גערטנדל, נעמען צונויף דאָס גאַנצע גרינוואַרג און טראָגן עס אַוועק צום פויער מיכל.

אויף מאָרגן גאַנץ פרי, ווען די זון איז נאָך ניט ארויס־געקומען פון הינטערן גרויסן וואַלד, איז שוין פויער מיכל מיט פערעלען זיבניערעלע געפאָרן אין שטאָט אריין.

שטייט שוין דער וואָגן אין שטאָטמאַרק צווישן פיל אַנ־דערע וואָגענס. פויער מיכל העלפט פאַנאַדערלייגן די גרינ־וואַרג, לאָזט איבער פערעלען און אליין גייט ער אוועק צו זיי־נע געשעפטן.

שטייט פערעלע און קוקט פאַרוואונדערט אויף די פילע מענטשן מיט עפעס מאָדנע קליידער, און עס ווילט זיך איר לאַכן. זי דערמאָנט זיך אין איר גרינוואַרג. כאַפט אַ בינטל מערעלאך, בורעקלאך, און מיט איר זינגנדיק קולעכל שרייט זי אוים: קומט, קויפט בוריקלאך רויטינקע, מערעלאך זי־סינקע. קויפט, קויפט קאַרטאָפּלעלאך בלאַינקע, פרישנקע.

הערן די מענטשן אַ זיסנקע שטימעלע, קומען זיי צום וואָגן צו און באַוואונדערן דאָס שייניקנע מיידעלע. פרעגן זיי איר ווי אַזוי זי הייסט.

פערעלע זיבניערעלע רופט מען מיך. קויפט גוטע מענ-טשן, מיר מיט באָבושע דאַרפן אַ קיעלע קויפן.

קויפן זיי אַלע באַ פערעלען די מערעלאַך, בוריקלאַך, קאַרטאָפלעלאַך און באַצאָלן איר זייער גוט.

קומט אָן פויער מיכל, שטייט ער פונדערוויטנס און קוקט פאַרוואונדערט ווי פערעלע אַרבעט אַזוי פלינק מיט אירע הענטעלאַך. דערלאַנגט יעדן וואָס ער וויל.

— וואָס קאָסט עס — פרעגט מען זי:

— איך ווייס ניט — ענטפערט זי — גיט וויפיל איר ווילט. קויפט, קויפט, קויפט אַלעס אוועק. און די קונים וואַרפן איר מטבעות פאַרשיידענע: זילבערנע, קופּערנע, קליינע און גרויסע.

און פויער מיכל באַמערקט, דער וואָגן ווערט ליידיק און באַלד טאַקע האָט שוין פערעלע גאָרניט צו פאַרקויפן. עס איז גאָר ניט געבליבן. אָבער אַ זעקעלע געלט האָט זי אַ שווערס

פאָרן פויער מיכל מיט פערעלען צוריק אַהיים פריילאַ-כע, גליקלאַכע.

באַגעגנט זי באָבושע, דאַנקט דעם פויער מיכל, נעמט אַהיים פערעלען.

גייט מאָרגן באָבושע מיט פערעלען צו איינעם אַ פויער גבריאל, אַ וויטן קרוב זייערן, אַ רייכן מאַן, אָבער זייער אַ קאַרגער, קויפן זיי באַ אים אַ רויט קיעלע און פירן עס אַהיים.

פרייט זיך באָבושע, פרייט זיך פערעלע.

דאָס קיעלע גיט אפילו ניט קיין סך מילך. נו, טראַכט זיך באָבושע מיט פערעלען, וועט זי שפּעטער מערער געבן.

טרעפט זיך אָט וואָס, דאָס קיעלע געבוירט אַ קעלבעלע. ווערט די פרייד גרעסער. פערעלע שפּילט זיך מיטן קעל-בעלע. דאָס קיעלע גיט מער מילך. עס איז גענוג אי פאַר פערעלען אי פאַרן קעלבעלע.

דערוואוסט זיך דער פויער גבריאל, אַז דאָס קיעלע האָט געבוירן אַ קעלבעלע. לויפט ער צו פערעלעס באָבושע און וויל צונעמען דאָס קעלבעלע. ער זאָגט: איך האָב פאַר־קויפט נאָר אַ קיעלע, קיין קעלבעלע. דאָס קעלבעלע קומט מיר. זאָגט פערעלע: ניין, דו האָסט אונדז פאַרקויפט דאָס קיעלע, איז מיט אַלץ, וואָס דאָס קיעלע פאַרמאָגט. דאָס קעל־בעלע קומט אונדז.

שפּאַרן זיי זיך און קריגן זיך.

קומט אָן דער פויער מיכל. לאָדן זיי זיך פאַר אים. ווייסט ער ניט ווי אַזוי צו פּסקענען. זאָגט ער: ווייסט איר וואָס, גייט צו דעם ריכטער, וואָס וואוינט ניט ווייט פון דאָרף, ער איז זייער אַ קלוגער מענטש, ער וועט אייך אויס־גלייכן.

גייען דער פויער גבריאל, באָבושע און פערעלע צו דעם ריכטער. דערציילט פריער פויער גבריאל, אַז ער האָט זיי פאַרקויפט אַ קו אָבער ניט קיין קעלבעלע.

טענהט פערעלע זיבניערעלע: ניין, הער ריכטער, ער האָט אונדז פאַרקויפט דאָס קיעלע איידער ס'האָט נאָך גע־בוירן דאָס קעלבעלע, קומט אונדז דאָס קיעלע מיט אַלץ וואָס עס פאַרמאָגט.

קוקט דער ריכטער אויף דער קלוגער פערעלע זיבנ־יערעלע. ער הערט אירע קלינגנדיקע ווערטער און ער רופט זיך אָפּ: הערט צו, איך וועל אייך פרעגן דריי רע־טענישן, ווער עס וועט זיי טרעפן, דעם קומט דאָס קעלבעלע.

דאָס ערשטע איז: וואָס איז דאָס שנעלסטע אין דער גאַנצער וועלט? — קומט מאָרגן פרי און ענטפערט מיר.

גייען זיי אַהיים און טראַכטן וואָס צו ענטפערן.

מאָרגן פרי קומען זיי פאַרן ריכטער.

נו, וואָס זאָגט איר, פויער גבריאל, וואָס איז דאָס שנעל־סטע אין דער וועלט?

דאָס שנעלסטע — ענטפערט פויער גבריאל — דאָס שנעלסטע איז מיין פערדל, הער ריכטער. אוי, איז דאָס אַ פערדל, אוי לויפט עס. קיינער, קיינער אין דער וועלט קאָן עס ניט איבעריאָגן.

צעלאַכט זיך דער ריכטער, צעלאַכן זיך אַלע ארום.

נו, וואָס זאָגסטו, פערעלע זיבניערעלע — פרעגט דער ריכטער — וואָס איז דאָס שנעלסטע אין דער גאַנצער וועלט?

דאָס שנעלסטע — ענטפערט פערעלע זיבניערעלע, איז דעם מענטשנס געדאַנק. מיטן געדאַנק קאָן מען אין איין מי־נוט זיין אזוי ווייט, אזוי ווייט!

— ווער האָט דאָס דיר געזאָגט — פרעגט דער ריכטער פארוואונדערט.

— איך האָב מיך געלייגט שלאָפן — ענטפערט פערעלע, און נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. איך טראַכט אַלץ וואָס קאָן זיין דאס שנעלסטע אויף דער וועלט? איך קוק דורכן פענסטער אויף די פינקלדיקע שטערנדלאך, עפּעס ווי איך פרעג באַ זיי אן עצה. פליט מיר באַלד אריין אַ געדאַנק: זע נאָר, איך ליג דאָ אין קליינעם שטיבעלע און מיט מיין געדאַנק בין איך שוין באַ די ווייטע, ווייטע שטערנדלאך. אָזן אַז איך האָב דאָס אויסגעפונען בין איך באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן. איצט אינדערפרי בין איך געקומען עס אייך זאָגן.

— איז דאָס ניט אזוי, הער ריכטער?

וואונדערט זיך דער ריכטער, וואונדערן זיך אַלע אַרום אויף דעם קלוגן מיידעלעס ענטפער. אָבער דער ריכטער פרעגט ווייטער:

—איצט זאָגט מיר, וואָס איז פעטער פון אלעם אויף דער וועלט.

קומט מאָרגן פרי און ברייגנגט מיר אן ענטפער.

גייען זיי אַוועק. פויער גבריאל אַ פאַרשעמטער און פערעלע זיבניערעלע אַ פריילאַכע.

מאָרגן קומען זיי ווידער פאַרן ריכטער.

— נו, וואָס זאָגט איר עפּעס פויער גבריאל? פרעגט דער ריכטער, וואָס איז פעטער פון אלץ אויף דער וועלט?

— פעטער פון אלץ — גיט ער אַ זאָג אַ פריילאכער, — איז מיין גרויסער חזיר. אוי, איז ער פעט! איר מעגט אים אָנקוקן, הער ריכטער, קוים וואָס ער גייט. עס איז אַ שרעק אויף אים אַ קוק צו טאָן. פעטער פון מיין חזיר איז אויף דער וועלט ניטאָ.

צעלאַכט זיך דער ריכטער. צעלאַכן זיך אלע ארום.

— נו, מיין פערעלע זיבניערעלע — פרעגט דער ריכ־טער, ווייסטו וואָס עס איז פעטער אין דער גאַנצער וועלט?

— די ערד, גיט שטיל אַ זאָג פערעלע זיבניערעלע.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס — פרעגט דער ריכטער פאַר־וואונדערט. האָסטו דאָס אויך די שטערנדלאך געפרעגט?

— ניין, — ענטפערט פערעלע זיבניערעלע. — איך ליג בײנאַכט און טראַכט וואָס קען זיין פעטער פון אלץ אויף דער וועלט. איך טראַכט און טראַכט און דערמאָן זיך אין די אלע גרינוואַרג וואָס די קליינע שטיקעלע ערד פון אונדזער גערטנדל גיט אונדז. איך דערמאָן זיך אַז די קיעלאַך, וואָס ווערן פעט פון די גראָזן וואָס די ערד גיט. איך דערמאָן זיך ווי די גאַנצע וועלט לעבט נאָר פון דעם וואָס די ערד גיט אונדז. איך האָב מיך אויך דערמאָנט אין אלץ וואָס די ערד נעמט צו צו זיך — אפילו מיין פאַפּעלע און מאַמעלע האָט זי צוגענומען, האָט פערעלע טרויעריק שטיל אַ זאָג געטאָן. זי האָט אָבער באַלד אויפגעהויבן איר קעפּעלע און געפרעגט: איז דאָס ניט אזוי, הער ריכטער?

דער ריכטער און אלע ארום זיינען געזעסן פאַרגאַפט און האָבן נישט געקאָנט אַ וואָרט ארויסרעדן. זיי האָבן נישט געקאָנט זיך אָפּוואונדערן פון דער קלוגער פערעלע זיבנ־יערעלע.

— גוט, מיין טייערע — האָט דער ריכטער געזאָגט — דו האָסט געטראָפן. אָבער איצט ענטפער מיר: וואָס איז דאס זיסטע אויף דער וועלט?

— קומט מאָרגן פרי און ענטפערט מיר.

גייען זיי אהיים. אינדערפרי שטייען זיי שוין פאַר דעם ריכטער.

— וואָס זאָגט איר איצט, הער גבריאל — פרעגט דער ריכטער, וואָס איז דאס זיסטע אויף דער וועלט?

— דאס זיסטע אויף דער וועלט — ענטפערט פויער גבריאל אביסל פאַרשעמט, — דאָס איז מיין פרוי, זי איז אַזאַ זיסע, אַז קיין זיסערע איז אויף דער וועלט ניטאָ.

צעלאַכט זיך דער ריכטער.

צעלאַכן זיך אלע ארום.

— נו, און דו פּערעלע זיבניערעלע — פרעגט דער ריכטער — וואָס דיינקסטו איז דאס זיסטע אויף דער וועלט?

— איך, איך דיינק — ענטפערט פּערעלע ניט זיכער — דער שלאָף. דאָס איז דאס זיסטע אויף דער וועלט. אין שלאָף פאַרגעסט מען אלע ווייטאָגן, אלע צרות.

— וואו האָסטו דאָס גענומען — פרעגט פאַרוואונדערט דער ריכטער — ניט די שטערנדלאך האָבן עס דיר דער־ציילט? איז דאָס אין דיין גערטנדל אויסגעוואקסן?

— ניין, הער ריכטער, עס איז אזוי געווען. נעכטן האָב איך געהאַט עפּעס אַ שלעכטן טאָג. דעם גאַנצן טאָג האָט גערעגנט. די באָבושע איז געווען קראַנק, געלעגן אין בעט און געקרעכצט. איך האָב געמוזט געבן דעם קיעלע עסן, איך האָב געוואָלט אויסמעלקן דאָס קיעלע, האָב איך נישט געקאָנט. די באָבושע האָט געמוזט קראַנקערהייט אַראָפּגיין און מעלקן דאָס קיעלע.

מיר האָט דאָס אזוי ווי געטאָן, אזוי ווי געטאָן!

דער קאָפּ האָט מיר אויך אָנגעהויבן שטאַרק ווי צו

טאָן, איך האָב אָבער ניט געוואָלט זאָגן דער באָבושע, איר ניט ערגערן. אַ קראַנקע האָב איך מיר געלייגט אין בעט אריין. מיד פון גאַנצן טאָג, בין איך באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן. אינדערפרי בין איך אויפגעשטאַנען אַ געזונטע און ווען איך האָב אַ טראַכט געטאָן וואָס איז דאָס זיסטע אויף דער וועלט, האָב איך באַלד געפונען, אַז דער שלאָף. דער שלאָף האָט בײַ מיר אַלע ווייטאָקן צוגענומען.

זיצן אַלע ארום ווי פאַרשטיינערטע, וואונדערן זיך אַלע וואו נעמט זיך אזוי פיל חכמה צו אַזאַ קליין מיידעלע?

דער ריכטער זאָגט: דאָס קעלבעלע קומט צו פּערעלע זיבניערעלע און איר גבריאל האָט צופיל געלט גענומען פאַרן קיעלע. גיט צוריק אַ העלפט. פויער גבריאל האָט געמוזט פאָלגן און איז אַ פאַרשעמטער געגאַנגען אַהיים.

— נאָך איין זאַך וויל איך פון דיר — ווענדט זיך דער ריכטער צו פּערעלע זיבניערעלע. — קום צו מיר מאָרגן פרי ניט צו־פוס און ניט צו־פאָרן, ניט נאַקעט און ניט אָנגעטאָן, און ברייננ מיר אַ זאַך וואָס זאָל זיין אי אַ מתנה, אי ניט קיין מתנה.

אינדערפרי שטייט שוין פּערעלע פאַרן ריכטער אָנגעטאָן אין אַ פישנעץ און דערלאַנגט דעם ריכטער אַ טייבעלע. ביז דער ריכטער וויל עס נעמען, פליט עס ארוים פון פּערעלעס הענט.

— ווי אזוי ביזטו געקומען? — פרעגט דער ריכטער.

— איך בין נישט געקומען צופוס, נישט געפאָרן. איך האָב מיך צוגעקאַטשעט. אָנגעטאָן בין איך אין אַ פישנעץ, וואָס איז ניט נאַקעט ניט אָנגעטאָן און געבראַכט האָב איך אייך אַ טייבעלע וואָס איז באַלד אַוועקגעפלויגן. דאָס איז אי אַ מתנה, אי ניט קיין מתנה.

— מיין טייער פּערעלע זיבניערעלע — רופט זיך אָן

דער ריכטער — ווילסטו זיין מיין טעכטערל, פארבלייב בא מיר.

— און מיין באַבושע? — פרעגט פערעלע.

— דיין באַבושע אויך.

— און די קיעלע מיטן קעלבעלע?

— די קיעלע מיטן קעלבעלע אויך.

— אלע, אלע קומט צו מיר.

און אזוי איז פערעלע זיבניערעלע געוואָרן די גליקלאכ־סטע אין דער וועלט.

גוטע קינדער

(פון ל. טאָלסטאָי)

אין אַ שיינער קאַרעטע, איינגעשפּאַנט אין אַ פּאָר גוטע פערד זיינען געפאָרן אַ מיידעלע און אַ אינגעלע פון איין דאָרף אין צווייטן. דאָס מיידעלע איז אַלט געווען 5 יאָר און דאָס אינגעלע — 6. זיי זיינען ניט געווען שוועסטער און ברודער, נאָר שוועסטער־קינדער, זייערע מאַמעס זיינען גע־ווען לייבלאכע שוועסטער. די מאַמעס זיינען פאַרבליבן צו גאַסט און די קינדער מיט דער ניאַניע האָבן זיי געשיקט אַ היים. אויפ'ן וועג, האָט זיך צעבראָכן אַ ראָד אין וואָגן. דער פורמאַן האָט געזאָגט, אַז ווייטער פאָרן קאָן מען ניט, מע מוז פאַריכטן די קאַרעטע — און ער וועט עס טאַקע באַלד טאָן.

— דאָס איז זייער גוט — האָט געזאָגט די ניאַניע — מיר זיינען אזוי לאַנג געפאָרן, מיינע קינדערלאך האָבן זיך שוין אוודאי אויסגעהונגערט, איך וועל זיי געבן מילך מיט ברויט און נאָך, — טאַקע גוט, וואָס מיר האָבן עס מיט זיך.

עס איז געווען הערבסט צייט, דרויסן איז געווען קאַלט

און עס האָט געדעגנט. די ניאַנע מיט די קינדער זיינען אריין אין ערשטן הייזל, וואָס עס האָט זיך זיי געטראָפן אויפ'ן וועג. דאָס הייזל איז געווען שוואַרץ, פאַרויכערט, — ס'האָט זיך געהייצט אָן אַ קוימען. אַז מע הייצט אין אַזעלכע שטיב־לאַך ווינטערצייט, מוז מען עפענען די טיר, דער רויך זאָל ארויסגיין. אַזאַ איז אויך געווען דאָס הייזל: שמוציק, אַלט, אין די ווענט האָבן זיך דורכגעלויכטן לעכער — אַן אמת'ע חורבה. אין איין ווינקל איז געהאַנגען אַ הייליק בילד, אונ־טער דעם איז געשטאַנען אַ ברייטע באַנק, אַ טיש און אַנט־קעגן — אַ גרויסער אויוון.

די קינדער האָבן דערזען אין שטיבל קינדער פון זייער עלטער: אַ באָרוועס מיידעלע אין אַ שמוציק העמדל און אַ גראָב־בייכיק אינגעלע, כמעט אַ נאַקעטס. נאָך אַ דריט קינד, אַן איין־יעריק מיידעלע, איז געלעגן אין אַ זייט און האָט שטאַרק געוויינט. זי איז זיך פאַרגאַנגען. די מוטער האָט זי געפרואווט איינצונעמען, אַביסל באַרואיקן. זי האָט זי אָבער איבערגעלאָזן גלייך, ווען אין שטוב זיינען געקומען די פרעמדע, און האָט אָנגעהויבן צו צוקלייבן פאַר זיי אַ פּלאַץ אויף דער באַנק און ביים טיש. די ניאַניא האָט געבראַכט פון וואָגן אַ שיין רענצל מיט אַ בלישטשענדיקן שלאָס; די פוי־ערשע קינדער האָבן באַוואונדערט דעם שיינעם שלאָס און איינער דעם צווייטן אויף דעם אָנגעוויזן. די ניאַניע האָט גלייך ארויסבאקומען אַ גרויסע פלאַש מיט וואַרעמע מילך, פאַרשידענע געבעקס, אַ ריין ווייס סערוועטל און האָט דאָס צעלייגט אויפ'ן טיש: — נו, קינדער, קומט אַהער. איר האָט זיך שוין געוויס אויסגעהונגערט. די קינדער זיינען אָבער ניט צוגעגאַנגען. סאָניא, דאָס מיידעלע, האָט זיך פאַרקוקט אויף די האַלב־נאַקעטע פויערשע קינדער און ניט אָפּרייסנ־דיק פון זיי די אויגן, האָט זי געקוקט דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם. זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזעלכע שמוציקע

העמדלאך און אזעלכע נאַקעטע קינדער און זי האָט זיך גע־חידושט. און פּעטיא האָט געקוקט דאָ אויף סאָניאַן, דאָ אויף די קינדער און ניט געוואוסט וואָס ער דאַרף טאָן, צי לאַכן, צי וואונדערן זיך. דערהויפּט האָט סאָניא געקוקט אָן אויפהער אויף דעם קליינעם מיידעלע, וואָס האָט שטאַרק געוויינט.

— וואָס שרייט זי אזוי? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— זי וויל עסן, — זאָגט די מוטער.

— וואָס־זשע גיט איר איר ניט?

— כ'וואָלט געגעבן, האָב איך ניט.

— נו, נו, גייט שוין, — האָט אַ געשריי געטאָן די ניאַ־ניע, באַשעפּטיקט מיט'ן צוגרייטן עסן פאַר די קינדער — קומט שוין, קומט, — האָט זי בייז איבערגעחזר'ט.

די קינדער האָבן געפאָלגט און זיינען צוגעגאַנגען. די ניאַניע האָט זיי אָנגעגאָסן צו גלאָז מילך און זיי געגעבן גע־בעקס. אָבער סאָניא האָט ניט געוואָלט עסן. זי האָט אָפּ־געררוקט פון זיך דאָס גלאָז. פּעטיא קוקנדיק אויף איר, האָט אויך געטאָן דאָסזעלבע.

— איז דאָס טאקע אמת? — פרעגט סאָניא, אָנווייזנ־דיק אויף דער פרוי.

— וואָס אמת? — פרעגט די ניאַניע.

— אַז זי האָט ניט קיין מילך? — זאָגט סאָניא, ניט אַראָפּנעמענדיק קיין אויג פון מיידעלע.

— נו גענוג ריידן נאַרישקייט, — זאָגט בייז די ניאַניע,— עסט, עס וועט קאַלט ווערן.

— איך וויל ניט עסן, אויב דו וועסט איר ניט געבן.

— עסט איר פריער, אַז עס וועט בלייבן, וועל איך איר געבן.

— איך וועל ניט אָנהייבן עסן ביז דו וועסט איר ניט געבן.

— און איך אויך, איך אויך, — האָט אויסגעשריען פּע־טיא, — איך וועל ניט עסן, איך וועל ניט עסן!

— נאַרישקייט האָט איר אויסגעטראַכט, און רעדט נאַ־רישקייטן, — האָט געזאָגט די ניאַניע, צי קען מען דען אַלע־מען גלייך מאַכן? וועמען גאָט האָט געגעבן, וועמען — ניט. אייך, אייער טאַטן האָט גאָט געגעבן.

— פאַר וואָס האָט ער זיי ניט געגעבן? — האָט אַ פרעג געטאָן סאָניא.

— ניט מיר האָבן דאָס רעכט דערפון צו רעדן, אָט אַזוי וויל גאָט, וואָס וויסן מיר, — האָט זי באַרואיקט די ניאַניע. זי האָט אָנגעגאָסן אין אַ שאָל אביסל מילך, עס דערלאַנגט דער פרוי, זי זאָל עס געבן איר קינד. דאָס קינד האָט גענו־מען טרינקען און איז אַנטשוויגן געוואָרן. די קינדער האָבן זיך דאָך אָבער ניט באַרואיקט. און סאָניא האָט נאָך אַלץ ניט געוואָלט עסן און טרינקען.

— גאָט וויל אַזוי, — האָט זי איבערגעחזרט, — פאַר וואָס וויל ער אַזוי? פע, אַ שלעכטער גאָט, אַ מאוס'ער גאָט, איך וועל דערפאַר שוין מער קיינמאָל ניט דאַוונען, קיינמאָל ניט!

— אָ, איר רעדט ניט גוט, קינדער, האָט שאָקלענדיק מיט'ן קאָפּ געזאָגט די ניאַניע. דאָס איז ניט גוט, איך וועל עס דערציילן דעם טאַטן.

— גיי, גיי דערצייל, — האָט איינגעשפּאַרט געזאָגט סאָ־ניא, — איך האָב איצט אַזוי באַ זיך אָפּגעמאַכט, אַזוי וועל איך טאָן, מע דאַרף ניט, מע דאַרף ניט.

— וואָס דאַרף מען ניט? — האָט געפרעגט די ניאַניע.

— טאַקע דאָס, אַז איינער זאָל האָבן אַ סך און איינער גאָרניט.

— אפשר האָט ער עס אומיסטן געטאָן, — האָט אומ־רואיק אַ זאָג געטאָן פּעטיא.

— ניין, אַ שלעכטער, אַ בייזער, איך וועל ניט עסן, כ׳וועל ניט טרינקען, — אַ שלעכטער, איך האָב אים שוין מער ניט ליב.

פּלוצלונג האָט פּונ׳ם אויפן אויוון אַ רעד געטאָן אַ הייזעריק קול און זיך פאַרהוסט:

— אַך, קינדער, קינדער, איר זייט זייער גוטע קינדערלאַך, איר רעדט אָבער ניט גוט, — און האָט זיך ווידער פאַרהוסט. די קינדער האָבן זיך אַ קער געטאָן צום אויוון און דערזען, ווי פונ׳ם אויוון איז אַרונטערגעהאַנגען אַ גרייז גראָער קאָפּ און שאָקלענדיק זיך האָט ער גערעדט:

— גאָט איז ניט קיין שלעכטער, קינדער, גאָט איז אַ גוטער, קינדער, ער האָט יעדן גלייך ליב. און דאָס וואָס איינע עסן חלה און אַנדערע האָבן אפילו קיין שוואַרץ שטיקל ברויט ניט, דאָס האָט ניט ער געטאָן, דאָס האָבן מענטשן אליין געטאָן. זיי האָבן עס דערפאַר געטאָן, ווייל זיי האָבן אין גאָט פאַרגעסן. — ער האָט זיך ווידער פאַרהוסט. — זיי האָבן פאַרגעסן אַז איינע לעבן רייך און די אַנדערע, קוים וואָס זיי זיפּען. וואָלטן מענטשן געלעבט, ווי גאָט וויל, וואָלטן אַלע גלייך אַלץ געהאַט.

— וואָס-זשע דאַרף מען טאָן, אַז אַלע זאָלן האָבן פון אַלץ? — האָט אַ פרעג געטאָן סאָניא.

— ווי צו טאָן, — האָט דער אַלטער געזאָגט — טאָן ווי גאָט הייסט. און גאָט הייסט זיך טיילן אויף העלפט.

— ער הייסט זיך אויף אַ האַלב טיילן, — האָט איבערגעחזר׳ט פּעטיא. — איך וועל אויסוואַקסן אַ גרויסער, וועל איך אַזוי טאָן.

— און איך וועל אויך אַזוי טאָן — האָט צוגעשטימט סאָניא.

— איך האָב פריער פון דיר געזאָגט, אַז איך וועל אַזוי טאָן, — האָט אַ זאָג געטאָן פּעטיא, — איך וועל אַזוי טאָן,

אַז עס זאָל גאָר קיין אָרעמע ניט זיין.

— נו, גענוג, גענוג שוין פּלוידערן נאַרישקייט, האָט גע־זאָגט די ניאַניע. — עסט שוין די מילך.

— ניין, מיר וועלן ניט עסן, מיר וועלן ניט עסן! — האָבן אין איין קול אַ זאָג געטאָן די קינדער. אַז מיר וועלן אויס־וואַקסן גרויסע, וועלן מיר עס זיכער טאָן.

— נו, זייער פיין, זייער פיין, קינדער, — האָט דער אַל־טער געזאָגט און אַ שמייכל געטאָן, אַזוי אַז עס האָבן זיך נאָר אַנגעזעען אין זיין מויל צוויי אונטערשטע ציין. — איך וועל שוין ניט זען, ווי איר וועט דאָס טאָן, איר האָט אַ גוטע מחשבה, זאָל אייך גאָט העלפן.

— זאָל מען טאָן מיט אונז וואָס מע וויל, — האָט אַ זאָג געטאָן סאָניא — אָבער מיר וועלן אונזערס טאָן.

— מיר וועלן טאָן — האָט צוגעשטימט פּעטיא.

— אָט אַזוי איז גוט, — האָט אַ זאָג געטאָן דער אַלטער, ער האָט זיך צעלאַכט און פאַרהוסט. — ווי עס זעט אויס, וועל איך שוין פון ד אָ ר ט ן אויף אייך קוקן און הנאה האָבן. — האָט ער ווידער אַ זאָג געטאָן, ווען דער הוסט האָט אויפגעהערט, — זעט־זשע פאַרגעסט ניט.

— מיר וועלן עס שוין ניט פאַרגעסן, — האָבן אויסגע־שריען די קינדער ביידע אינאיינעם.

— אַזוי, אַזוי, ס׳זאָל נאָר זיכער זיין.

דער פורמאַן איז געקומען זאָגן, אַז די ראָד איז שוין פאַריכט, און די קינדער זיינען אַוועקגעפאָרן.

און וואָס עס וועט ווייטער זיין, וועלן מיר אַלע זען.

דאָס מוטיקע אינגל
(נאך קארענצאוו)

ווען איר זאָלט א קוק טאָן אויף דער לאנד־קארטע פון בעל־גיע, וועט אייך ניט שווער זיין צו געפינען, ניט ווייט פון דער שטאָט ליעזש א קליין שטעטל מיט'ן נאָמען אנס. אין דעם שטעטל געפינען זיך קוילן־גריבער, וואָס באַזאָרגן מיט קוילן ניט נאָר בעל־גיע, נאָר אויך א סך אַנדערע אייראָפּייאישע לענדער.

אמאָל, מיט א סך יאָרן צוריק, האָט זיך אין איין שיינעם פעברואר טאָג אן ארבעטער גאַפּאַן ארונטערגעלאָזט אין גרוב צו טאָן זיין געוויינטלאכע ארבעט. צוזאמען מיט אים האָבן זיך ארונטערגעלאָזט נאָך הונדערט קוילן־גרעבער און זיין קליינער זון מאַטיוס.

אין דער היים זיינען געבליבן זיין ווייב מיט 6 קינדער, איינס קלענער פון דעם אַנדערן.

שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס גאַפּאַן מיט זיינע מיטאר־בעטער פלעגן זיך ארונטערלאָזן אין די קוילנגריבער, זיי זיינען שוין אזוי געוואוינט צו דער אונטערערדישער פינסטערניש, אז זיי האָבן גאָר ניט געטראכט פון קיין געפאר, וואָס האָט דאָרט איבער זיי אלעמאָל געשוועבט.

צען אזייגער, גראָד דאמאָלסט, ווען גאַפּאַן האָט געלערנט זיין זון ווי אזוי מע דארף ארונטערברעכן די שיכטן קוילן פון די ווענט פון קוילנגרוב, האָט זיך דערהערט עפּעס א מאָדנער גערויש און טאַקע באַלד נאָכדעם, האָט פון א קוים באַמערקבאר לעכל אין דער וואַנט אַ שטראָם געטאָן אַ וואסער.

שנעל האָט עס אָנגעהויבן צו פארפלייצן די נאָענטע פלעצער, און דער פאָטער מיט'ן זון, ראַטעווענדיק זיך, זיינען גיך אָפּגע־טראָטן פון דער טייל גרוב, וואו זיי האָבן געארבעט.

אָבער אַנטלויפנדיק, האָט גאַפּאַן זיך דערמאָנט אין די חברים, וועלכע האָבן געארבעט אין די פלעצער, וואוהין דאָס וואסער איז

נאָך ניט צוגעקומען. און כדי זיי צו פאַרהיטן פון דער געפאַר, האָט ער געפּרואווט זיך צושלעפּן צום אַלאַרם־גלאָק. ווען דאָס וואָלט אים געלונגען, וואָלטן די אַרבעטער נאָך געקאָנט זיין גע־ראַטעוועט.

צום אומגליק אָבער, איז דאָס וואַסער צוגעקומען זייער שנעל און צוגיין צום גלאָק איז שוין געווען אוממעגליך. דער ווילד־ברויזנדער וואַסער־שטראָם איז געווען גרייט צו פאַרשלינגען אין זיין אָפּגרונט אָט דעם געוואַגטן מאַן.

גאַפּאַן האָט איין אויגנבליק נאָר אַ טראַכט געטאָן. ער האָט זיך האַסטיק אַ וואָרף געטאָן אין וואַסער און עס איז באַלד געווען צו זען, ווי קעמפנדיק מיט׳ן שטאַרקן שטראָם, שניידט ער מיט זיינע קרעפטיקע הענט דאָס וואַסער צו דערגרייכן דעם גלאָק.

און ער האָט דעם גלאָק דערגרייכט.

אַ צי געטאָן, און אַ שרעקלאַך קלינגענדיקע עכאָ האָט ווי פון אַ האַרמאַט אָפּגעהילכט אין די פינסטערע ווענט פון גרוב.

גאַפּאַן האָט שווימענדיק זיך באַלד צוריקגעקערט צו יענער טייל פון גרוב, וואוהין דאָס וואַסער האָט ניט געקאָנט צוקומען.

דער אַלאַרם גלאָק האָט צונויפגעטריבן אַלע אַרבעטער צו דעם פּלאַץ וואו גאַפּאַן איז געשטאַנען, אָבער ראַטעווען זיך איז שוין געווען צו שפּעט. די איינציקע עפענונג, וואָס פירט צום אַרויס־גאַנג איז שוין געווען פאַרפלייצט מיט וואַסער.

די אַרבעטער האָבן ערשט איצט פאַרשטאַנען אין וואָס פאַר אַ געפערלאַכער לאַגע זיי געפינען זיך. זיי איז פאָרגעשטאַנען צו שטאַרבן אָדער פון הונגער, אָדער פון מאַנגעל אין לופט.

גאַפּאַן האָט זיך אָבער ניט פאַרלוירן. כדי אויפצוהאַלטן דעם מוט פון זיינע חברים, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן די האַק און האָט אָנגעהויבן מיט איר צו האַקן די וואַנט, גלייך ער האָט געוואָלט דורכהאַקן אין איר אַן אַרויסגאַנג צו דער ליכטיקער וועלט. ער האָט מיט זיין האַנדלונג אָנגעשטעקט די אַנדערע; מיט אַ פונק פון האָפענונג האָבן זיי זיך אַלע גענומען צו דער אַרבעט. ווען זיי

האָבן אָבער נאָך לאַנגע שטונדן דערזען, וואָס פאַר אַן אומבאַדייטנד קליין גריבל זיי האָבן געמאַכט אין דער וואַנט, זיינען זיי ווידער געקומען אין פאַרצווייפלונג און האָבן די העק אַוועקגעוואָרפן.

די נאַכט איז אָנגעקומען, נאָך איר — דער מאָרגן און אַן אַנדער טאָג.

אין שאַכטע האָט געהערשט אַ טויט שטילשווייגן, און דאָס פינסטערניש, וואָס איז קוים געווען באַלויכטן דורך די לעמפּלאַך פון די קוילנגרעבער, האָט ארויפגעוואָרפן אַ שרעק אויף די אומגליקלאַכע.

גאַפּאַן האָט געגעבן אַ צייכן און זיי האָבן זיך אויף ס'ניי אַ נעם געטאָן צו דער ארבעט און יעדעס מאָל מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם זיך צוגעהערט צום גערויש וואָס טראָגט זיך צו זיי דורך דער דיקער קוילנוואַנט. זיי האָבן געטראַכט: „אפשר האָט מען צו אונז ארויסגעשיקט הילף! מעגלאַך, די הילף איז שוין נאָענט".

און אין דער אמת'ן פון אויבן האָט מען זיך שוין דערוואוסט פון דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן מיט די קוילן גרעבער און טויזנטער מענטשן פון פאָלק זיינען שוין געשטאַנען ביים אריינגאַנג אין שאַכטע און האָבן געזוכט מיטלען ווי אזוי צו ראַטעווען די אומגליקלאַכע.

צוויי טעג דורכאַנאַנד האָבן די באַגראָבענע געארבעט, זיי האָבן זייערע לעצטע כוחות אויסגעשעפּט און סוף כל סוף האָבן זיי ווידער פאַרלוירן דעם מוט און די האָפנונג און האָבן אין פאַרצווייפלונג ארונטערגעלאָזט די העק.

גאַפּאַן האָט זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז די ארבעט איז אין אמת'ן האָפענונגסלאָז. ער האָט זיך אָבער דאָך ניט געוואָלט אונטערגעבן, נאָך אַלץ האָפנדיק אויפצוהייבן דעם מוט און גייסט פון זיינע חברים.

צוזאמען מיט'ן פאָטער, האָט מונטער און ענערגיש געארבעט זיין 12־יעריק אינגל מאַטיוס, אָן אויפהער עגבערנדיק מיט זיין שפּיציקער האַק די שטאַרקע דיקע וואַנט.

— אויב איר ווייגט ווי קינדער, וועל איך ארבעטן ווי א מאן — האָט ער געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו די ארבעטער וואָס האָבן שוין יעדע האָפענונג פארלוירן.

און דאָס אינגל האָט געארבעט אָן א שיעור. ער האָט זיך איינגאנצן מקריב געווען. ער איז דאָך ניט מער ווי א 12 יאָריק אינגל. קליין, שוואך, און דאָך האָט ער מיט זיין פעסטקייט און ענערגיע געווירקט אויף אלע גרויסע. זיי האָבן זיך געשעמט פאר אים מיט זייער פארצווייפלונג. זיי האָבן זיך געכאפט פאָר די העק און מיט טאָפלטן מוט און ענערגיע זיך גענומען פאָר דער ארבעט.

אָבער ניט אויף לאַנג. אין א האלבע שטונדע ארום האָבן זיך זייערע הענט ווידער ארונטערגעלאָזט און גאפאן מיט זיין אינגל האָט פיל מי געקאָסט זיי ווידער מאַכן ארבעטן.

זעקס און דרייסיק לאַנגע, שרעקלאכע שטונדן האָבן זיי פאר־בראַכט אין דעם פרוכטלאָזן קאמף פאר'ן לעבן. די לעצטע סקאָ־רינקע ברויט איז שוין געווען אויפגעגעסן, דאָס לעצטע לעמפל איז שוין געווען אויסגעברענט.

הונגער, פינסטערניש און נאָכדעם שמערצפולער טויט. אָט דאָס איז דאָס איינציקע אויף וואָס זיי האָבן זיך געקענט ריכטן.

דאָס אינגל האָט נאָך אָבער אלץ זיין מוט ניט פארלאָרן. — שטאַרק זיך, טאַטע, זיי מונטער — פלעגט זיך פון צייט צו צייט הערן זיין קלינגענדיק שטימעלע — זע, פאַפּאַ, וואָס פאר א לאָך מיר האָבן שוין דורכגעהאקט. וועסט זען, מיר וועלן אינגיכן ארויס פון דאַנען.

פינף טעג און פינף נעכט זיינען שוין פאריבער. א סך פון די אומגליקלאכע האָבן ניט געקאָנט אויסהאלטן און זיינען טאקע גע־שטאָרבן פון הונגער, פארצווייפלונג און שרעק. נאר איין מאטיוס האָט געגלויבט, אז די רעטונג וועט באלד קומען.

פלוצלונג האָט ער אָנגעשטריינגט זיין געהער, עס האָט זיך אים געדוכט אז ער הערט קלאַנגען. ער האָט צוגעלייגט זיין אויער

צו דער וואַנט און איז ווי פאַרשטאַרבן געוואָרן, עס הערט זיך עפּעס זייער אַ שוואַך געוויש. דאָס אינגל האָט אין אָנהייב געדיינקט אַז דאָס חלומט זיך אים, ווי אַ דורשטיקן חלומט זיך וואַסער. אָבער ניין, די קלאַנגען ווערן אַלץ נעענטער און נעענטער, זיי הערן זיך אַלץ שטאַרקער און העכער.

אויסער זיך פאַר פרייד האָט ער האַסטיק אַ כאַפּ געגעבן דעם טאַטן ביי דער האַנט מיט אַ ווילדן אויסגעשריי: פּאַפּאַ, מיר זיינען געראַטעוועט. אַלע האָבן זיך אַ הייב געטאָן פון זייערע פּלעצער. אָ, אַלע הערן שוין ווי מע האַקט די וואַנט פון יענער זייט. און פּלוצלונג — אַ גליק! — די וואַנט האָט זיך דורך עפּעס אימיצענס שטאַרקע קלעפּ צעשפּאָלטן, און אַ העלער פּאַס ליכט האָט אַ שטראָם געטאָן צו זיי אין אָפּגרונט, וואָס איז פאַר אייניקע פון זיי שוין געוואָרן אַ קבר.

— געראַטעוועט! — האָט זיך אויך דערהערט אַ פריילאַכע שטימע פון אויבן, מסתמא פון די מענטשן, וואָס זיינען געקומען זיי העלפן. און טאַקע באַלד האָבן זיי אָנגעהויבן פאָרזיכטיק ארויסשלעפּן אויף דער לופט די פאַרמאַטערטע, האַלב פאַרשטאַרבענע אַרבעטער, ווען עס האָט זיך איינגעגעבן צו דערוואַרטן זיך אויף דער גליקלאַכער רעטונג.

די לעצטע האָבן פאַרלאָזט דעם גרוב גאַפּאַן און זיין זון מאַטיוס.

דער אימפּעראַטאָר נאַפּאָלעאָן האָט באַלוינט גאַפּאַנען מיט אַ מעדאַל פון ערנהאַפטן לעגיאָן דערפאַר, וואָס ער האָט ניט געוואָלט זיך אַליין ראַטעווען, ווען ער האָט נאָך געהאַט די מעגלאַכקייט, און האָט באַשלאָסן בעסער צו פאַרלאָרן גיין צוזאַמען מיט זיינע חברים.

דעם קליינעם מאַטיוס האָט דער אימפּעראַטאָר גענומען אונטער זיין שוץ און האָט אים אריינגעגעבן אין איינער פון די בעסטע שולן פון ליעזש.

— ווען איך זאָל געווען איבערלאָזן מיינע חברים, וואָלט איך

קיינמאָל ניט געוואַנט קוקן אויף גאָטס וועלט, — פלעגט צוזעצן גאַפאַן, דערצייִלנדיק זיינע פריינט פון דער פאַרפלייצונג.

— און איך וואָלט אויף קיין פאַל ניט איבערגעלאָזט מיין פאָטער — האָט מיט שטאָלץ צוגעזעצט דער יונגער העלד.

●

הילע און שערבלאַט געצייכנט פון שאול ראַבינאַ.

געזעצט אין דער שריפטזעצעריי
פון
NOBLE TYPESETTING CO.,
257 Winston St. MUtual 8717
Los Angeles, Calif.

געדרוקט אין דער פאַסיפיק קאָאָפּעראַטיווע פרעס
259 ווינסטאָן גאַס